UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 11 03 01 01 004 9

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

HX Hourwich, Isaac Aaronovich
83 (Oysgevehlte shriftn)
H68
v.3
pt.1

Digitized by the Internet Archive
in 2010 with funding from
University of Toronto

http://www.archive.org/details/pt1oysgeehleshr03hour

אויסגעוועהלטע שריפטען

פון

דר. י. א. הורוויטש

(יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי)

אין פיער בענדער

ארויסגעגעבען פון

„יצחק אייזיק הורוויטש'ס פובליקאציאָנס קאָמיטעט"

ניו־יאָרק, 1917.

1974
UNIVERSITY

Copyright, 1916
by
Dr. Isaac A. Hourwich Publication Committee

HX
83
H68
V.3
pt 1.

אויסגעוועהלטע שריפטען

פון

דר. י. א. הורוויטש

(יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי)

דריטער באנד

ארויסגעגעבען פון
„יצחק אייזיק הורוויטש'ס פובליקאציאָנס קאָמיטעט“
ניו־יאָרק, 1917.

דר. י. א. הורוויטש

(יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי)

שטרייט פראגע פון סאציאליזם

ערסטער טייל

ניו-יארק, 1917.

פארערדע.

דער גאנצער מענטשלאכער פארטשריט שטאמט דערפון, וואס דער מענטש איז אונצופרידען, וואס עס געפעלט עם ניט ווי עס איז, וואס ער קריטיקירט. כל זמן דער מענטש גלויבט, אז אלץ איז שוין אזוי גוט, אז מ' דארף גאר ניט בעסער, דארף מען נע־וועהנטלאך ניט בעסער. דאס איז דער גייסט פון קאנסערוואטיזם. אין דער היינטיקער וויסענשאפט האט דער קאנסערוואטיזם קיין פלאץ ניט. עס איז ניטא קיין איינציקע וויסענשאפטליכע טעאריע וואס מ'זאל וועגען איר קענען זאגען, אז אלץ איז שוין אין איר פאלקאמען באוויזען און עס איז שוין אין איר ניטא וואס צו קריטי־קירען. די היינטיקע וויסענשאפט ענטוויקעלט זיך נאר דורך שטענדיקע קריטיק. די אלטע פילאסאפיע האט געזוכט דעם „אב־סאלוטען אמת", דעם „איינציקען אמת"; די היינטיקע פילאסאפיע האט זיך ענטזאגט פון דער אויפגאבע. נעמט יעדע נאטור־וויסענ־שאפט און איר וועט געפינען, אז צו יעדער צייט זיינען פאראן צוויי־דריי פארשידענע טעאריעס, וועלכע ערקלערען דיזעלבע ער־שיינונג אף פארשיעדענע אופנים. עס איז זעהר שווער צו געפינען א פראגע, אין וועלכער אלע געלערענטע זאלען זיין איינשטימיק. ווען עס טרעפט זיך אמאל, קען מען זיך אף דעם אויך ניט פארלא־זען. די היינטיקע נאטור־פארשער זיינען גרויסע עזות־פנימער, זיי האבען אפילו פאר די נאטור־וויסענשאפט אויך קיין דרך ארץ ניט. פאר זיי איז קיין הייליקייט ניטא: מ' צוהאקט היינט אף פיץ־ברעקלאך די טיפזיניקסטע טעאריע, וואס די געלערטע וועלט האט נעכטען אלגעמיין אנערקענט פאר ריכטיק. אט האט מען אופגע־בויט א נייעם וויסענשאפטליכען סיסטעם, צעהנדליקע מענטשענלע־בענס זיינען געווידמעט געווארען צו דער ארבייט; עס זעט אויס שעהן, אקוראטנע, הארמאניש. מיט אמאל קומט א יונגאטש, וואס קיינער קען עם ניט און קיינער ווייס עם ניט, און מאכט ערגעץ א לאך אין דעם הארמאנישען סיסטעם; נאכדעם קומט אן אנדערער, און אזוי געהט עס כסדר, ביז וואנען עס איז געבליבען פון דעם פיין אויפגעבויטען סיסטעם א חורבן. עס נעמט גאר א מורא, וואס

II.

וועט בלייבען פון דער גאנצער וויסענשאפט. אבער די געלערנטע מענטשען שרעקען זיך ניט.

מען האט גאר קיין רעספעקט ניט פאר די גדולים פון דער וויסענשאפט. נאטירליך, א מענטש בלייבט א מענטש; די „אונשטערבליכע" זיצען זיך גרויסארטיק אין זייערע אקאדעמישע שטולען און קערען זיך אפּ מיט פאראכטונג פון א דארווינ'ען; די טעאריע לאבאטשעווסקי'ס, דאס גרעסטע מאטעמאטישע ווערק פון דעם נײנצעטען יארהונדערט, ערקלערט מען פאר א משוגעת. אבער די וויסענשאפט געהט פארווערטס און קימערט זיך ניט איבער אקאדעמישע מומיעס.

אז איר ווילט אלזא זוכען דעם „איינציקען אמת", טו מוזט איר זיך ווענדען צו דער רעליגיאן: אין דער רעליגיאן איז פאראן אן „איינציקער גאט", אן „אמת'ער גאט", אן „אייביקער גאט". פון דער וויסענשאפט איז דער „איין איינציקער אמת" אוועק.

אויב דער סאציאליזם איז א וויסענשאפט, קען ער ניט זיין קיין אויסנאהם. דער סאציאליזם איז א סאציאלאגישע טעאריע. די סאציאלאגיע איז א וויסענשאפט פון דער מענטשלאכער געזעלשאפט. די מענטשלאכע געזעלשאפט שטעהט ניט אף אן ארט, זי ענטוויקעלט זיך. די וויסענשאפט פון א געזעלשאפט וואס ענטוויקעלט זיך קען ניט בלייבען שטעהן אף אן ארט. דער סאציאליזם מוז זיך אלזא ענטוויקלען. ווי אזוי אבער קען ער זיך ענטוויקלען, ווען אלץ איז שוין אין עם אזוי פאלקאמען, אז מ' טאר שוין אין עם קיין אות ניט בייטען, אקוראט ווי אין תורת משה? אז איר זעהט אלזא מענטשען שפּייען פלאם און פייער געגען די קריטיק פון א ווערטה־טעאריע, טו איז דאס א זיכערער סימן, אז מיט דער וויסענשאפט זיינען זיי קנאפּע מחותנים.

ווי עס איז אין מארקסעס צייטען אויסגעוואקסען א „וואולגארע" פאליטישע עקאנאמיע, אזוי איז שוין היינט פאראן ברוך השם א וואולגארער סאציאליזם, — דאס איז דער אפיציעלער סאציאליזם פון דער פארטיי־פּרעסע און פון די פארטיי־מיטינגען. אין וואס ער באשטעהט, איז א סוד, וואס, ס'ווייזט אויס, ווערט מיטגעטיילט נאר צו גוטשטעהענדע מעמבערס פון דער סאציאליסטישער פארטיי, און דאס הפנים בתנאי, אז פאר קיין זייטיקע מענטשען טארען

III.

זיי עס ניט אויסזאגנע, און די דיסציפּלין ווערט אזוי גוט אופגע־האלטען, אז קיין מענטש וואס צאלט ניט קיין דיוס האט נאך ביז היינט ניט געקענט דערגעהן וואס איז סאציאליזם. איר מיינט, איר קענט קויפען א סאציאליסטישען בוך און אליין אויסגעפינען וואס איז סאציאליזם? דארפט איר וויסען, אז אלע סאציאליסטישע בי־כער זיינען געשריבען בלשון קבלה, און אז איר קענט ניט די סא־ציאליסטישע גמטריא, מעגט איר זיך לייענען די ווערטער, איר זייט אבער בשום אופן ניט מסוגל צו וויסען, וואס זיי באדייטען. די איינציקע זאך וואס בלייבט, איז צו פארלאזען זיך אף די סא־ציאליסטישע כלי קודש: ווען זיי זאגען אף א געוויסע זאך אז דאס איז סאציאליזם, איז דאס סאציאליזם, און דער היפוך דערפון איז ניט סאציאליזם.

דער סאציאליזם האט היינט־צו־טאג אפיציעלע דאגמאטען, וועלכע ווערען אנגענומען אף די פארטיי קאנגרעסען, פונקט ווי די קריסטליכע רעליגיאן האט אירע דאגמאטען, וועלכע זיינען אנגענו־מען געווארען אף קאנגרעסען פון קריסטליכע גלחים. ווער עס קרי־טיקירען די דאגמאטען פון דער קריסטליכער רעליגיאן, קען ניט זיין קיין מיטגליד פון דער קריסטליכער קירכע. ווער עס קריטי־קירט די דאגמאטען פון דעם אפיציעלען סאציאליזם, קען ניט זיין קיין מיטגליד פון דער סאציאליסטישער פארטיי. דער גייסט פון דעם אפיציעלען סאציאליזם איז דער גייסט פון א רעליגיעזער סעק־טע. שלום צווישען קירכע און וויסענשאפט איז אונמעגלאך. מ׳ מוז באקעמפפען דעם קירכליכען גייסט אין דעם סאציאליזם, ווען מ׳ וויל, דער וויסענשאפטליכער סאציאליזם זאל געהען פארווערטס.

פרעגט אן אמעריקאנער ארטאדאקסיש־מארקסיסטישער או־טאריטעט א קשיא: ווען איר קריטיקירט דעם מארקסיזם און בא־ווייזט רק אז דאס איז פאלש און יענץ טויג ניט, טו למאי רופט איר זיך נאך סאציאליסטען? זייט זיך מודה אפען, אז איר האט זיך אפ־געזאגט פון דעם סאציאליזם, אז איר זייט געגנער פון דעם סאציא־ליזם. איז דער תירוץ, אז דער ווארט „סאציאליזם“ האט א בא־שטימטע באדייטונג אין דער סאציאל־וויסענשאפט, און ווער עס האלט פון יענע זאכען וואס מ׳ רופט סאציאליזם, איז ווילענדיק, ניט ווילענדיק, א סאציאליסט. איך מיין ניט יענעם סארט „וויסענ־שאפטליכען“ סאציאליזם, וואס ווערט באשלאסען מיט א מאיארי־

IV.

טעמ אף א קאנגרעס אדער אף א קאנווענשאן, נאך ספיטשעס פון פינף מינוטען מיט „שלום דער דעבאטע“. איך מיין טאקע די אמת'ע וויסענשאפט, פאר וועלכע די דעבאטע קען קיינמאל ניט געשלאסען ווערען, ביז וואנען עס איז פאראן נאך א מיינונג, וועלכע איז נאך ניט אויסגעשפראכען געווארען.

דעם אנהויב פון „רעוויזיאניזם“, ד. ה. פון דער באוועגונג, וואס האט זיך געשטעלט צום צוועק איבערצוקוקען (רעווידירען) דעם וויסענשאפטליכען סאציאליזם, האט געמאכט עדוארד בערנ־שטיין. עס איז אבער א פראסטע זאך, אז די ארטהאדאקסען זיינען אלע מאל אייניק — פארקערט ווען מ' נעמט קריטיקירען די תורה. טו האט יעדער פראטעסטאנט א באזונדערע טענה און איינער איז ניט ערב פאר דעם אנדערען.

איך קען ריידען נאר פאר זיך אליין. איך באטראכט די סאציא־לע פראגע אין גאנצען פון מיין אייגענעם שטאנדפונקט, און איך וויל דא געבען צו פארשטעהן, ווי אזוי איך שטעל זיך פאר דעם פארטשריט פון דער געזעלשאפט, און וואס איז די פראקטישע אר־בייט פאר א פרייגעזאנענעם סאציאליסט.

איך פרעטענדיר דערמיט ניט, אז איך האב אויסגעקלערט עפעס נאנץ נייעס: „נאר דער ערסטער שניידער האט זיך ביי קיי־נעם ניט געלערנט, און דערפאר איז ער טאקע געווען א פארטאטש“, ווי פראשקא דער שניידער זאגט אין פאן־וויזין'ס בארימטער קא־מעדיע.

דעם מאטעריאל פאר דיזע ארבייט האבען געליפערט א רייהע ארטיקלען, וואס האבען זיך געדרוקט, אנהויבענדיק מיט דעם יאר 1902, אין דעם „פארווערטס“, דער „ווארהייט“, דעם „טאג“, דער „פרייער ארבייטער שטימע“, דעם „צייטגייסט“, דער „צוקונפט“, דער „פרייער געזעלשאפט“, א. אז. וו. די אלע ארטיקלען זיינען אבער איבערגעארבייט געווארען פון דאס נייע און זיי בילדען איין גאנצעס.

מ'האט אף מיר שטענדיק פאריבעל געהאט, וואס איך קום ארויס פאר'ן פובליקום מיט מיין סקעפטיציזם. מען האט זיך בא־קלאגט, אז מיט מיינע ארטיקלען הרג'ע איך אוועק אלעס, מיט וואס

V.

אז ארבייטער קען זיך היינט טרויסטען אין זיין אונגליקלאכער לאַגע. מ׳ הארעוועט זיך אַנעט דעם גאַנצען טאָג, מ׳ ליידט זיך אַנעט פון דעם באָס און פון דעם פאָרמאַן, מ׳ קומט אהיים אין דעם עלענדען טאַפּ פלאָר, און די אויסגעמאַטערטע נשמה רוט אפּ אין דעם געדאַנק, אז עס וועט אמאָל קומען א גליקלאַכע צייט פאַר די ליידענדע מענטשהייט. אין מיטען פאַל איך אריין און פארשטער דעם זיסען חלום.

אז אלטע מעשה! דיזעלבע טענות האבען אונדזערע זיידעס געהאט צו די אפּיקורסים, וואָס האבען אַפּגעלאַכט פון דער אידישער אמונה.

אין דער אמת׳ן, איז דען די רעליגיאָן ניט דער איינציקער טרויסט פאַר מיליאָנען פון מענטשען אין זייער אונגליקלאַכער לאַגע? די צוויי טויזענט יאָר, וואָס דער איד איז אין גלות, מיט וואָס האָט ער זיך געהאלטען, ווען ניט מיט זיין רעליגיאָן? זיין גלויבען, אז די אידען זיינען דער געליבטער פאָלק פון גאָט, האָט דעם אָרעמען און צוגעשלאָגענעם אידען געגעבען כח צו טראָגען זיינע קייטען. און ווען נאָך א גאַנצער וואָך פון מאַטערינס פלעגט קומען דער הייליקער שבת, האָט די שכינה גערוט אין דער עלענדער כאַלופּקע, און די זאמד מיט וואס די פּאָדלאגע איז געווען באַשאָטען, האָט געלויכטען שבת׳דיק.

היינט קומט דער אפּיקורוס און נעמט דערצעהלען פאַר דער וועלט, אז עס איז ניטאָ קיין רבונו של עולם, אז די מעשה וועגען משיח׳ן איז א בילד פון דער פאַנטאַזיע, — וואָס פאַר אַ טרויסט בלייבט פאַר דעם אָרעמאַן אין זיין אייביקען עלענד?

די אפּיקורסים פון פאַר פופציק יאָר האָבען גאַרנישט ניט געהאט וואס צו געבען דעם אידען אנשטאט דעם רבונו של עולם, אבער שוין מיט דעם וואָס זיי האָבען צוריסען די קייטען פון אבערגלויבען, האָבען זיי געגעבען דעם פריי־געזאָנענעם אידען די מעגלאַכקייט ארויסצוקריכען פון דער געטאָ אין די ברייטע וועלט. און ווען דער אידישער ארבייטער האָט געעפענט די אויגען, איז ער מיד געווארען צו ליידען און האָפען אף דעם אויבערסטען.

די פאַנאַטיקער פון פאַר פופציק יאָרען האָבען געציטערט אז

VI.

ווען מ׳ וועט אופהערען צו גלויבען אין די הייליקע תורה, וועט די וועלט אונטערגעהען. דער אויסזעהען פון דעם פאַנאַטיקער האָט זיך געביטען: ער גאָלט די באָרד און עסט אום יום כפור, אבער דער פאַנאַטיזם איז געבליבען. היינט ציטערט ער, אז ווען מ׳וועט אופ־הערען צו גלויבען אין זיין וואולגארען סאָציאליזם, וועט דאָס „שא־דען דער ארבייטער באוועגונג“.

איך האלט מיט דעם רוסישען פובליציסט פיסאריעוו, וועלכער האָט געזאָגט, אז זיין ארבייט איז אראָבצורייסען די פארפוילטע פאסטראָיקע, כדי צו מאכען פלאַץ פאר אַנדערע, וואָס וועלען נאָך עם קומען און בויען אפ׳ן ריינעם גרונט. דיזעלביקע ארבייט מוז איצט פאָרגענומען ווערען מיט דעם סאָציאליזם. מען מוז זיך באַ־פרייען פון דער פראזע, ווי דער אלטער ליעבקנעכט האָט זיך אויס־געדריקט: די פראזע פארצאמט אונדז די ליכט ווי א פארקאַן.

האָט גאָר קיין מורא ניט: ווען דער ארבייטער וועט פארלירען דעם גלויבען אין א סאָציאליסטישען גן עדן אף יענער וועלט, וועט ער זיך נעמען טראכטען, ווי אַזוי אביסעל ערטרעגליכער צו מאכען דעם גהינום, אין וועלכען דער מענטש, וואָס ארבייט, מאטערט זיך אף ד ע ר וועלט.

יצחק אייזיק הורוויטש.

ניו־יאָרק, 14טען אוגוסט 1916.

אינהאלט :
ערסטע אָפּטיילונג.

קאפיטעל : — זייטע :

פאָררעדע — — — — — — — — — — — — — — — — I.-VI.

I. וואָס איז דער טייטש פון סאָציאליזם ? — — 1—19

II. קאמוניזם אין דער פאר-קאפיטאַליסטישער צייט — — — — — — — — — — — — — — — — 20—30

1. פלאטאן — — — — — — — — — — — — 20

2. דער קלויסטער קאמוניזם — — — — — — — — — 23

3. מאר'ס „אוטאָפּיא" און קאפאנעלא'ס „שטאַט פון דער זון" — — — — — — — — 25

4. דער יעזואיטישער שטאַט אין פאראגוואיי — 27

III. די פראנצויזישע רעוואָלוציע — — — — — — 31—40

IV. די אוטאָפּיסטען — — — — — — — — — — 41—52

1. סען־סימאן — — — — — — — — — — — 41

2. פוריע — — — — — — — — — — — — — 47

V. קארל מארקס — — — — — — — — — — — — 53—71

1. די טעאָריע פון עקאָנאָמישער עוואָליוציע — — 53

2. די ווארען־ווירטשאפט — — — — — — — — 57

3. דער איבערגאנג פון ווארען־ווירטשאפט צו סאָציאליזם — — — — — — — — — — — 61

4. דער איבערגאנג פון קאפיטאַליזם צו סאָציאליזם 67

VI. סאָציאַליזם אלס שטאַטס-רעפאָרמע — — — — 73—78

1. קאַרל ראָדבערטוס — — — — — — — — — — 73
2. הענרי דזשאָרדזש — — — — — — — — — 75

VII. קריזיסען און דער „צוזאַמענברוך“ פון קאַפּיטאַליזם — — — — — — — — — — — — 79—108

1. די טעאָריע פון אונטערקאָנזומפּציאָן — — — — 79
2. צירקולאַציאָן פון וואַרען און צירקולאַציאָן פון קאַפּיטאַל — — — — — — — — — — 80
3. די „אונטערקאָנזומציאָן“ און דער האַנדעל מיט אויסלאַנד — — — — — — —90
4. דער באַלאַנס פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט — — — — — — — — — 96
5. די אורזאַכען פון קריזיסען — — — — — — 105

VIII. דער ווידערשפּרוך צווישען דער טעאָריע פון דער „סאָציאַלער רעוואָלוציאָן“ און דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם — — — — 109

צווייטע אַפּטיילונג:

עקאָנאָמישע ענטוויקלונג :

IX. דער וואוקס פון קאָמוניזם אין דער קאַפּי-טאַליסטישער געזעלשאַפט — — — — — — — — 121

1. קאָמוניזם אַמאָל און היינט — — — — — —121
2. קאָמוניזם דער פּראָדוקט פון דער היינ-טיקער טעכניק — — — — — — — 122—213
3. די סטאַטיסטיקע פון דעם קאָמוניסטישען פאַרברויך — — — — — — — — — — — 127
4. די באַדייטונג פון שטאַטס-סאָציאַליזם — — 147

קאפיטעל : זייטע :

X. די ענטוויקלונג פון די טראָסטס — — — — 150—213

1. וואס איז א טראסט ? — — — — — 150
2. די אייזענבאנען און די טראסטס — — — 155
3. טראסטס און פרייזען — — — — — — 159
4. די פאראייניקונג פון טראסטס — — — — 163
5. דער געלט־טראסט — — — — — — — 167
6. די ממשלה איבער די טראסטס — — — — 179
7. דער טראסט און דער מארק — — — — — 183
8. וואו ליגט דער כוח פון מאנאפאליע ? — — 187
9. דער קאמפף געגען די טראסטס — — — 189
10. די קאפיטאליסטישע עפענטליכע מיינונג — 197
11. דער שטאט און די טראסטס — — — — 202

XI. דער פלאץ פון די טראָסטס אין דעם מארק־
סיסטישען סיסטעם — — — — — — — — 214—227

1. דער ארייננוואקסען פון דעם קאפיטאליזם
אין סאציאליזם — — — — — — — 214
2. דער סאציאליזם לאזט זיך ניט איינ־
פירען דורך א רעוואלוציאן — — — — — 218

XII. דער שטאַט־סאָציאליזם — — — — — — — 228—239

ערסטע אפטיילונג:

די ענטוויקעלונג פון דער טעאָריע.

ערסטער קאפיטעל:

וואָס איז דער טייטש פון „סאָציאַליזם"?

דער וואָרט „סאָציאַליזם" קומט פאָר צום ערסטען מאָל אין 1834 אין א ווערק פון פּיער־לערו, א שילער פון סען־סימאָן. אין יענעם ווערק ווערט דער וואָרט „סאָציאַליזם" געברויכט צו באצייכענען דעם הפך פון „אינדיווידואַליזם". דער קאפּיטאַ־ליסטישער סיסיטעם ווערט אויסגעלייגט פון זיינע ערסטע טעאָרעטי־קער אַלס געגרינדעט אויף'ן פּרינציפּ: „יעדער פאר זיך און גאָט פאר אַלעמען". אויף דעם זאָגען די ערסטע קריטיקער פון קאפּיטאַליזם אז פערלאָזען זיך אויף גאָט טויג ניט; אנשטאָט גאָט, פערלאַנגען זיי די געזעלשאַפט זאָל זאָרגען פאר אַלעמען. דער וואָרט „סאָ־ציאַליזם" ווערט אַלזאָ געברויכט, אום צו באצייכענען א פּרינציפּ, א ריכטונג אין דעם געזעלשאַפט־לעבען, — ניט אַלס סיסטעם. די פארשידענע פּלענער, ווי אזוי צו פאַרווירקליכען דעם סאָציאַ־ליסטישען פּרינציפּ, זיינען ביז יענער צייט באקאַנט געוועזען אונטער דעם נאָמען „קאָמוניזם". דער וואָרט „סאָציאַליזם" איז באַלד פּאָפּולער געוואָרען און איז אָנגענומען געוואָרען פון פארשידענע „רעפאָרמאַטאָרס", וועלכע זיינען ניט איינפארשטאַנען געוועזען מיט די יעמאָלדיקע קאָמוניסטישע פּראָיעקטען. קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס באַקענען זיך צום „קאָמוניזם" און שרייבען דעם „מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", אין וועלכען זיי קריטיקירען זעהר שאַרף די „סאָציאַליסטען". דער נאָמען „סאָציאַ־ליזם" ווערט אָנגענומען אַלס אַן אַלגעמיינע באַצייכענונג פאר אַלע סאָציאַליסטישע סיסטעמען נאָר נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848.

היינט צו טאָג ווערט נאָך די באַצייכנונג „קאָמוניסט" גע־ברויכט פון איין פליגעל פון די אַנאַרכיסטען, וועלכע אונטערשיי־דען זיך דאַדורך פון די אַנדערע, די „אינדיווידואַליסטישע אַנאַר־כיסטען".

אין דער היינטיקער ליטעראַטור ווערען „סאָציאַליזם" און „קאָמוניזם" אָפט געברויכט אַלס גלייכבאַדייטענדע באַגריפע. דאָך אָבער איז פאַראַן צווישען זיי א דאָפּעלטער אונטערשיד. ערס־טענס, א היסטאָרישער: אונטער קאָמוניזם זיינען באַקאַנט אַלע

אוטאפּיסטישע סיסטעמען ביז אן ערך דעם מיטען פון נײנצענטען יאָרהונדערט. צווייטענס באשטעהט נאָך א פּרינציפּיעלער אונטער־שיד, אף וועלכען קאוטסקי מאכט אופמערקזאם אין דעם ערסטען באנד פון דער „געשיכטע דעם סאָציאַליזמוס“, נעמליך: דער הײנטיקער סאָציאַליזם באשעפטיקט זיך מיט פּראָדוקציאָן, ער וויל איבערבייטען די פּראָדוקציאָנס־פאָרהעלטניסען; דער קאָמו־ניזם באשיפטיקט זיך הויפּטזעכטלאָך מיט דעם פאַרברויך. דער קאָמוניזם וויל אלזאָ איבערבייטען די גאנצע הײנטיקע פירונג אין פּריוואט־לעבען.

ווי זשע ווערט פאַרשטאַנען דער וואָרט „סאָציאַליזם“ אין אונדזער צייט?

מען זאָגט אז קארל מארקס האָט מחבר געווען דעם „חומש“ פון „סאָציאַליזם“. אז מען איז פארזארגט מיט א „חומש“, איז דאכט זיך שוין גוט? אויב עס איז ניט קלאָר אין חומש, אף דערוף איז פאַראן די גמרא, און ווי עס איז דערגעהט מען שוין דעם דין.

מיט מארקסיזם איז אָבער א מאָדנע צרה: אלע גמרות זיינען פּסול׳ע. דער בארימטער רוסישער שרייבער מיכאילאָווסקי באמערקט גאנץ ריכטיק, אז איר קענט אפּילו צוויי מארקסיסטען ניט צונויפּברענגען, וואָס איינער זאָל צוגעבען אז דער אנדערער האָט פאַרשטאַנען מארקס׳ן. דער מארקסיזם ס׳ווייזט אויס, איז אזאָ מין סאָרט קבלה, וואָס א פּראָסטער בשר ודם קען עס גאָר ניט פאַרשטעהן. ס׳ווערט אזש ביטער אופּ׳ן הארצען, ווען מ׳ פאַר־טראַכט זיך אמאָל, ווי אזוי דער סאָציאַליזם קען מקוים ווערען: אז גרויסע געלערנטע קענען דעם מאקסיזם ניט פאַרנעמען מיט זייער שכל, טו ווי אזוי קען מען עס דעם פּראָסטען ארבייטער אריינלעגען אין קאָפּ?

אויף דעם האָב איך אמאָל געהערט א תירוץ, אז דער ארבייטער פאַרשטעהט דעם סאָציאַליזם אינסטינקטיוו, ווייל ער ארבייט אין א פאַבריק — עס איז א סאָרט אינסטינקטיווער קלאסען־באַ־וואוסטזיין. וואָס איז אָבער דער מער מיט די ארבייטער, וואָס שטימען פאַר טאמאַני האָל? פאַרשטעהען זיי דען דעם סאָציאַ־ליזם בעסער איידער די „אידעאָלאָגען“, דאָס הייסט, די אינטעלי־גענציע?

ניין, דער תירוץ איז קיין תירוץ ניט. לאָמיר אלזא לאָזען דעם חומש אָן א זייט, און נעמען זיך צו דעם, וואָס איז געשריבען פאר פראָסטע מענטשען. ערסטענס, וועלען מיר נעמען די פּלאַט־פאָרמע פון די היגע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

איך האָב אויסגעקליבען די פּאַרטיי־פּלאַטפאָרמעס דערפאַר, וואָס זיי זיינען „ס' פּרילאָזשעניעם קאַזיאָנאַי פּעטשאַטי", און מען קען צו מיר קיין טענת ניט האָבען.

די פּלאַטפאָרמע פון דער ס. ל. פּ.*) פון 1904 און 1908 זאָגט אז „די אמת'ע עקאָנאָמישע לערע איז אז די מיטלען פון פּראָדוקציאָן מוזען באַלאַנגען צום פאָלק און ווערען באַטריבען און באַלעבאָ־טעוועט פון פאָלק בשותפות". זי פערלאַנגט, אז די לאַנד און אלע מיטלען פון פּראָדוקציאָן, טראַנספּאָרט און דיסטריבוציאָן זאָלען איבערגעגעבען ווערען צום פאָלק אלס א קאָללעקטיווע קערפּער־שאַפט" און „יעדער ארבייטער זאָל קענען פריי אויסאיבען זיינע פעהיקייטען און זאָל קענען געניסען די גאַנצע הכנסה פון זיי", ווי אזוי דער ארבייטער וועט באַקומען די געלעגענהייט פריי אויסצו־איבען זיינע פעהיקייטען, שטעט ניט אין דער פּלאַטפאָרמע; פּראָסט די סאָציאַליסטען ווילט זיך עס זאָל זיין אזוי, און מען גלויבט, אז עס מוז אזוי ארויסקומען, אויב די מאַשינערי פון פּראָדוקציאָן וועט באַלאַנגען דעם גאַנצען פאָלק. דער עיקר פון סאָציאַליזם איז אלזא אין דערין אז „די מיטלען פון פּראָדוקציאָן מוזען באַלאַנגען צום פאָלק אלס א קערפּערשאַפט".

וואָס הייסט פּראָדוקציאָנס און דיסטריבוציאָנס מיטלען? פּראָ־דוקציאָנס מיטלען איז לאַנד, קוילען־גרובען, פאַבריקען, מאַשינערי א. ז. וו.. דיסטריבוציאָנס מיטלען איז זעהר אָן אונבאַשטימטער באַגריף. ביי קאַרל מאַרקס'ן וועט איר דאָס ניט געפינען. אין דער בורזשואזנער פּאָליטישער עקאָנאָמיע ווערט דער אויסדרוק אויך קאָם געברויכט. אונטער דיסטריבוציאָנס מיטלען קען מען אריינרעכענען אייזענבאַנען, שיפען, טעלעגראַפען און טעלעפאָנען. הגם על פי מאַרקס ווערען זיי גערעכענט אין פּראָדוקציאָנס מיט־לען. ווייטער מוז מען אהער מסתמא אריינרעכענען באַנקען, קראָ־

*) ס. ל. פּ. מיינט „סאָשאַליסט לעיבאָר פּאַרטי", די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי.

מען, בירזשעס א. ז. וו. אלזאָ דאָס אלעס מוז באלאנגען צום פאָלק. מיט דעדמיט איז נאָך אלץ ניט געזאָגט, די קשיא איז : ווער און ווי אזוי וועט דאָס אלעס פארוואלטען ?

די פלאַטפאָרמע פון דער ס. ל. פ. זאָגט, אז אן דער שטעלע פון דעם איצטיקען צושטאנד פון פלאנלאָזער פראָדוקציאָן. אינדוסטריעלען קריג און סאָציאלע אונאָרדנונג", וועט איינגעפירט ווערען די קאָאָפעראטיוו קאמאנוועלט" (קאָאָפעראטיווע רעפובליק). און וואָס איז די „קאָאָפעראטיוו קאמענוועלט" ?

דער אויסדרוק שטאַמט פון לאָרענס גראָנלאנד, וועלכער האָט אונטער דעם טיטעל פארעפענטליכט א בוך אין 1884, דער אויסדרוק איז אלגעמיין אָנגענומען אין אמעריקע, צו יענער צייט, אז מען האָט נאָך מורא געהאָט אויסצורײדען דעם וואָרט „סאָציאליזם". אף'ן אמעריקאנער סאָציאליסטישען לשון איז „קאָאָפעראטיוו קאמאנוועלט" אן אנדער וואָרט פאר סאָציאליזם.

וואָס־זשע איז „דאָס פאָלק אלס קערפערשאפט" ? דאָס הייסט דער שטאָט, אף ענגליש בעדייט דער וואָרט „פיפל" איינפאך „דער שטאָט".

אין דער פלאטפאָרמע פון 1912 געפינט איר די זעלבע אויסדריקע, נאָר עס ווערט געמאכט אן אונטערשיד צווישען דעם „פאָליטישען שטאָט" און דעם „אינדוסטריעלען שטאָט". דער אינדוסטריעלער" שטאָט איז דאָס זעלבע וואָס דער „סאָציאליסטישער שטאָט", אָדער די „סאָציאליסטישע רעפובליק". דער אינדוסטריעלער שטאָט וועט געבויט ווערען אף „דער פארטרעטונג פון אינדוסטריען", דאָס הייסט פון „ניצליכע באַשעפטיקונגען". דאָס איז אָבער ניט מער ווי אנאנדער פאָרמע פון שטאָט. וואָס איז א „ניצליכע" באשעפטיקונג, ווענען דעם האָט יעדע צייט איר אייגענע מיינונג. עס איז געווען א צייט ווען סאָלדאטשינע איז געווען פאררעכענט פאר זעהר א ניצליכע באשעפטיגונג. פאר א פרומען איד איז די באשעפטיגונג פון א רב זעהר ניצלאך. ווען מיר וועלען ניט מעסטען די ניצליכקייט פון א באַשעפטיקונג מיט אונדזער הײַנטיקער מאָס, נאָר מיר וועלען באַטראַכטען די פארשידענע באשעפטיקונגען מיט א געשיכטליכען בליק, טו וועלען מיר געפינען אין דער וועלט געשיכטע ביישפילען פון א שטאָט, וואָס איז געבויט אף דער איינטיילונג פון דער געזעלשאפט נאָך אינדוסטריען. דער

סיסטעם פון „קאסטען“ אין מצרים אדער אינדיע, די פארטרעטער־שאפט פון די פיר „שטענדע“ אין דעם אלטען פיניישען סעים (פריצים, גלחים, שטאטישע לייט און פויערים) — דאס זיינען אלץ פארמען פון אן אינדוסטריעלער ארגאניזאציע פון דעם שטאט. אבער א „שטאט“ איז עס דאך, פונקט אזוי ווי דער „פאליטישער“ שטאט, וואס איז כלומר'שט נעבוים, „נאר אף טעריטאריאלער פאר־טרעטערשאפט“.

גערענקט־זשע, די גמרא פון דער ס. ל. פ. זאגט, אז סאציאליזם באשטעהט דארין, דאס די מאשינערי פון פראדוקציאן זאל באלאנ־גען צום שטאט און דער שטאט זאל איר אליין באטרייבען.

די ערסטע פלאטפארמע פון דער סאציאליסטישער פארטיי, וואס איז אנגענומען געווארען אין 1901, ענטהאלט א בליק אף די געגענווארט, א פרינציפען ערקלערונג, און די „אימידיעייט דע־מאנדז“, א „פראגראם מינימום“—דאס הייסט וואס מען פארלאנגט דערווייליע, ביז וואנען משיח וועט קומען. די „אימידיעיט דעמאנדז“ האט אן אינטערעסאנטע געשיכטע. זיי זיינען אנגענומען געווארען אין דער נאציאנאלער פלאטפארמע פון דער ס. ל. פ. צום ערסטען מאל אין 1892, ווען מען האט ארויסגעשטעלט דעם ערסטען קאנ־דידאט פאר פרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטען. דא איז געווען איבערגערעכענט „פאבליק אונערשיפ“ (קהל'שער אייגענ־טום) אף אייזענבאנען, מיוניסיפאל אונערשיפ“ (שטאטישער איי־גענטום) פון גאזווערק און דערגלייכען. צו יענער צייט איז דאס געווען כמעט אזא סטראשנע זאך דא הי, ווי היינט דער אנארכיזם. אבער זינט יענער צייט, האט זיך די עפענטליכע מיינונג איבערגע־ביטען, און די אידעע פון „פאבליק אונערשיפ“ און „מיוניסיפאל אונערשיפ“ איז געווארען אזוי פאפולער, אז ניט נאר פארשידענע רעפארם פארטייען, אפילע די פאליטישענס פון די אלטע פארטייען שטעלען זיך איין פאר דיזע רעפארמעס. דורך דעם זיינען די סא־ציאליסטען געשטעלט געווארען אין א שלעכטע פאלאזשעניע: ווען זיי זאלען ווייטער אגיטירען פאר דעם, וואס זיי האבען פריהער אליין פארלאנגט, וועלען זיי מיט דערמיט העלפען די „רעפארמערס“ אדער די אלטע פארטייען. די פאליטישענס וועלען „גנב'ענען זייער דונער“, דער וואוטער וועט ביי זיך טראכטען: אויב „מיו־ניסיפאל אונערשיפ“ פון גאז־ווערק איז נוט און די דעמאקראטען אדער די רעפאבליקאנער זאגען עס צו אונז סענען עס אויספירען, בעת

די סאָציאַליסטען ווילען עס, אָבער קענען ניט געוועהלט ווערען, טו איז דאָך גלייכער צו וואוטען פאר קאנדידאַטען פון די אַלטע פּאַר־טייען. צוליב דעם האָט איין פליגעל פון דער ס. ל. פּ. וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאַלטען פון דער פּאַרטיי, אויסגעמעקט אַף זייער קאָנ־ווענשאָן — אין ראָטשעסטער אין יאַנואר 1900, אַלע „אימידיעט דעמאַנדז„, די ס. ל. פּ. האָט דאָס זעלבע געטאָן שפּעטער אַף איר קאָנווענשאָן אין זומער 1900.

אַז עס איז געקומען צו דער ערסטער פאַראייניקונג פון דעם אָפּגעשפּאַלטענעם טייל פון דער ס. ל. פּ. מיט דער דעבסיסטישער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט די פאַראייניגונגס קאָמיטע אָנגענומען די פּלאַטפּאָרמע פון ראָטשעסטער און צונעשטוקעוועט דערצו די „אימידיעט דעמאַנדז“ פון די „דעבעסיסטען“. דאָס איז געבליבען אַזוי ביז דער 2טער פאַראייניקונגס קאָנווענשאָן אין אינדיאַנאַפּאָלים אין 1901. דאָרטען האָבען די „רעוואָלוציאָנערען“ געמאַכט אַ שטאַרקען קאַמפּף געגען די „אימידיעט דעמאַנדז“, אָבער זיי זיינען מיט דערמיט דורכגעפאַלען.

אַז מען לעגט אוועק די פאָדערונגען אָן אַ זייט, טו בלייבט נאָר די ערקלערונג אַז דער ציל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז „צו טראַנספאָרמירען (איבערצומאַכען) דעם היינטיקען סיסטעם פון פּריוואַט אייגענטום אַף די פּראָדוקציאָנס און דיסטריבוציאָנס מיטלען אין קאָלעקטיוועו אייגענטום פון דעם גאַנצען פאָלק“.

דער אויסדרוק „קאָלעקטיווער“ אייגענטום האָט אַ גאַנצע גע־שיכטע אַמאָל האָט ער געקלונגען אַביסעל אַנאַרכיסטיש. צו דער צייט פון דעם ערסטען אינטערנאַציאָנאַל, אַז עס האָט זיך געפירט דער קאַמפּף צווישען מאַרקס'ן און באַקונין'ען האָט מען די מאַרק־סיסטען באַצייכענט אַלס קאָמוניסטען, ווייל זיי האָבען פאַרלאַנגט אַז די פּראָדוקציאָנס מיטלען זאָלען באַלאַנגען צום „גאַנצען פאָלק“. די אַנאַרכיסטען פון דער אַנדער זייט האָבען זיך גערופען „קאָלעק־טיוויסטען“, ווייל זיי זיינען באַשטאַנען אַף דעם, אַז די פּראָדוק־ציאָנס מיטעל זאָלען זיין דער „קאָלעקטיווער אייגענטום“ פון פרייע אַססאָציאַציעס, ניט פון שטאַט. שפּעטער האָבען אין פראַנקרייך די געדיסטען אָנגענומען דעם נאָמען „קאָלעקטיוויסטען“ אַלס אַ ברייי־טערע באַצייכנונג, וועלכע לאָזט אָפען די פראַגע איבער די איינ־צעלהייטען פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט, און באַנוגענט זיך

מיט אן אלגעמיינער ערקלערונג פאר דעם פרינציפּ פון קהל'שען אייגענטום. אין דערין מוז מען איינזעהען דעם איינפלוס פון דער פּרודאהנישער ריכטונג, וועלכע איז נאך צו יענער צייט געווען היבש שטארק אונטער די פראנצויזישע ארבייטער.

אין דער לעצטער צייט איז דער ווארט „קאלעקטיוויזם" אנגענומען געווארען אין דער ענגלישער עקאנאמישער ליטעראטור, און דא אין אמעריקע האט ראזוועלט איהם געמאכט פּאפּולער אין דער אלגעמיינער פרעסע.

דער טייטש פון „קאללעקטיווער אייגענטום" איז אלזא „קהל'־שער אייגענטום". קהל'שער אייגענטום „פון דעם גאנצען פאלק" הייסט אבער ניט אייגענטום פון פרייע אססאציאציעס, ווי די אנארכיסטען פערשטעהען עס, נאר אייגענטום פון דער ארגאניזירטער געזעלשפאט. ז

אין דער פּלאטפארמע פון דעם יאר 1904 שטעהט אז „סאציאליזם מיינט, אז אלצדינג פון וואס דאס פאלק הענגט אפּ צוזאמען זאל באלאנגען צו דעם פאלק צוזאמען און זאל באלעבאטעוועט ווערען פון דעם פאלק צוזאמען". דער עיקר איז דערזעלביקער, ווי אין דער ערסטער פּלאטפארמע, אבער עס איז אויסגעדריקט אין דער פאלקס־שפראך : אין דער אמת'ן, וואס הייסט אז אלצדינג, אין וואס דאס פאלק אלס גאנצעס נויטיקט זיך, זאל באלאנגען צו דעם „פאלק" צוזאמען און זאל באלעבאטעוועט ווערען פון דעם „פאלק" צוזאמען ? ווי איך האב שוין געזאגט, איז דאס ניט מער ווי אנאנדער ווארט פאר דעם באגריף פון „שטאט".

לאמיר פארגלייכען די אמעריקאנער פּלאטפארמע מיט דעם ערפורטער פּראגראם פון דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי. לויט דעם פּראגראם, באשטעהט דער סאציאליזם אין דעם „געזעלשאפטליכען אייגענטום" אף די „פּראדוקציאנס־מיטלען" און אין א „פּראדוקציאן וואס ווערט באטריבען דורך די געזעלשאפט און פאר די געזעלשאפט".

ווען דער פּראגראם איז פארגעלעגט געווארען פאר'ן ערפורטער פארטיי־טאג, האט דער אלטער ליבקנעכט געזאגט, אז נאך זיין מיינונג איז דער אונטערשיד צווישען „געזעלשאפט" און „שטאט" — „איין ריינער ווארט שטרייט".

די פלאטפארמע, וואס די אמעריקאנער סאציאליסטישע פאר־טיי האט אנגענומען אין 1912 ענטהאלט א נייעם געדאנק. — אז „אלע מיטלען פאר די פראדוקציאן און דיסטריבוציאן פון קהל'שע נויטווענדיקייטען" זאלען ניט נאר „געהערען צו דער געזעלשאפט", אבער זיי זאלען אויך „דעמאקראטיש באלעבאטעוועט ווערען".

אז די פארטיי פאדערט, איז דאך ניט שייך. ווען מען באַ־טראכט אבער די זאך אין א וויסענשאפטליכען זין, שטעלט זיך די פראגע : איז דער סאציאליזם דוקא דעמאקראטיש ? איבער דעם האט דער גרינדער פון דער ענגלישער ארטאדאקסיש־מארקסי־טישער סאשאל־דעמאקראטיק פעדערעישאן היינדמאן געשריבען א זעהר בעמערקונגסווערטען ארטיקעל : „דעמאקראטיע אהן ער־ציהונג איז א רעאקציאנערע קראפט"*. היינדמאן ערקלערט, אז ער איז גאר ניט נתפעל פון דעם פרינציפ פון דעמאקראטיע. א דעמאקראטיע וועלכע איז מעגלאך היינט צו טאג גיט דעם באלאט אין די הענט פון אן אונוויסענדע מאסע ; אזא מאסע פארשטעהט ניט די פרינציפען פון אן אמת'ער דעמאקראטיע און ס'איז איר גאר א קנאפע דאגה, צי די רעגירונג איז ערלאך, צי נים. אונווי־סענדע וואוטערס זיינען נים מער ווי א קארופטער מאב. פאר די לעצטע דרייסיק יאר, זינט זיין באקאנט־שאפט מיט די פאראייניקטע שטאטען, איז ער אי־מערצו געווען גלייכגילטיק צו דעמאקראטישע פארמען.

דאס איז אין קורצען דער עיקר. איצט וועל איך ציטירען אייניקע כאראקטאריסטישע פסוקים.

„בלויזע דעמאקראטישע פארמען, אלגעמיינעם שטימרעכט, איין מאן, איין וואוט, די אפשאפונג פון די הויס אוו לארדס, די שטיב־וואלען, געהאלט פאר פארלאמענטס מיטגלידער, און דאס איבעריקע וואס מע מיינט אלגעמיין אז מע רעדט פון א פאלקאמענער דע־מאקראטיע, קען זעהר מעגלאך פארהינדערן גיכער איידער העלפען דעם סאציאלען און זאגאר אין א געוויסען זין דעם פאליטישען פראג־רעס, אונטער די עקזיסטירענדע אומשטענדע".

ער דערציילט ווייטער, אז ווען ער האט עס אמאל אויס־

*) איבערגעדרוקט אין וויקטאר בערגער'ס „סאשיאל דעמאקרא־קראטיק העראלד" פון דעם 30־טען מארט 1901.

נעדריקט אין א רעדע, האט עם גענענטפערט א „ראדיקאל“, אז דאס איז פונקט דאס זעלבע מיט וואס די קאנסערוואטארם פערענט־פערען די באשריינקונג פון שטימרעכט, (אדער למשל ביי אונדז אין אמעריקע די באשריינקונג פון די רעכטע פון די נינערס). זיין גענגער האט עם נאך ווייטער אויפמערקזאם געמאכט אז די אלע פארערונגען שטעהען אין דער פלאטפארמע פון דער סאשיאל דע־מאקראטיק פעדעריישען. אף דעם מאכט היינדמאן אזוי :

איך האב ניט מער אכטונג פאר דעמאקראטי נאר אלס דעמאקראטיע, איידער פאר זעלבסטפארוואלטונג נאר אלס זעלבסט־פארוואלטונג, אדער פאר פרויען שטימרעכט נאר אלס פרויען שטימ־רעכט. דאס אלעס איז נאר א מיטעל צום צוועק ; דער צוועק איז דער קערפערלאכער, גייסטיקער און מאראלישער וואלשטאנד פון דעם גאנצען פאלק. ווי באקונין זאגט אלצדינג, וואס פירט צו יענעם צושטאנד וואס רופט זיך סאציאליזם איז אסור אלצדינג יואס האלט אפ זיין קומען איז מותר“.

אויב, זאגט ער, מיט א פאר שורות ווייטער, דורך דעם וואס א מאסע אפגעלאזענע, אונגעבילדעטע וואוטערס וועלען קריגען דאס שטימ־רעכט וועט זיך פארציהען די אויסבילדונג פון דעם גאנצען פאלק צו א פארשטענדעניס פון סאציאליזם, דאן זאגט ער, איז ער געגען אזא דעמאקראטיע.

„אויב אימיצער וואלט מיר געקענט אוספירליך באווייזען אז מיר קענען מאכען מער פארשריט אין דער ערציהונג פון פאלק צום סאציאליזם אונטער א פעהיקען צעזאר (קיסר) איידער אונטער א פאלקאמענער דעמאקראטיע, — דאן בין איך פארלויפיק א צעזאריסט, אונטער דער פארבעדינגונג אז עס זאל זיך געפינען א פעהיקער צעזאר“.

איך וואלט זיך ניט אפגעשטעלט אף א צייטונגס ארטיקעל, אז ער וואלט נאר אויסגעדריקט די פערזענליכע מיינונג פון היינד־מאנען. אין דער אמת'ען אבער ווידערהאלט ער נאר דעם גרונד געדאנק פון דעם גאנצען אוטאפיסטיש'ען סאציאליזם פון דער ערס־טער דריטעל פון דעם 19טען יארהונדערט. דער אוטאפיסטישער סאציאליזם איז געווען א רעאקציע געגען דעם פאליטישען ראדיקא־ליזם פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע. דער הויפט געדאנק

פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע איז געווען, אז אין א דעמאָ־קראַטישער רעפּובליק, וואו עס הערשט פרייהייט און גלייכהייט, מוז אַלעמען געהן גוט. געגען דעם האָבען ערקלערט די ערסטע סאָציאַליסטישע אוטאָפּיסטען, אז פּאָליטישע רעאָרגאַניזאציע אַליין איז ניט מער ווי „א העכסט פערעכטליכע שאַרלאַטאַנסטווע" (איך נעם דעם אויסדרוק פון דעם זעלביקען ארטיקעל) ; ערסט ווען דער פאָלק וועט זיין עקאָנאָמיש פאַרזאָרגט וועט אָן אמת'ע פריי־הייט זיין מעגלאך. כל זמן דער פאָלק איז עקאָנאָמיש אונטער־יאָכט, קען ער ניט זיין פּאָליטיש פריי. אגיטירען פאַר פאָליטישע רעפאָרמען איז דעסהאלב פּשוט נאַריש.

דאָס האָט באהויפּטעט ראָבערט אווען אין ענגלאנד און דערפאַר האָט ער ניט סימפּאַטיזירט מיט דער טשאַרטיסטישער באוועגונג. ער האָט אפילע ערקלערט, אז נאָך זיין מיינונג נאָך איז א דעספּאָטישע רעגירונג גיכער אים שטאַנד איינצופירען דעם סאָציאַ־ליזם, איידער א דעמאָקראַטישע. ער האָט זיך אימער געווענדעט צו דער אריסטאָקראַטיע און דער קעניגליכער פאַמיליע, זיי זאָ־לען עס העלפען איינפירען זיין אידעאַלע געזעלשאַפטס־אָרדנונג. די־זעלבע מעשה איז געווען מיט די אַנדערע אוטאָפּיסטען ווי צ. ב. סען־סימאָן און פוריע. איך זעט אַלזאָ אז וואָס היינדמאַן זאָגט מיט אַן אפשר, דאָס האָבען די ערסטע אוטאָפּיסטען אויסגעשפּראָכען ערנסט און פּאָזיטיוו.

פון דער אנדערער זייט איז די גלייכגילטיקייט צו פּאָליטישע איינריכטונגען פאָרמולירט געוואָרען אין א סיסטעם פון פּרודאָ־נען, דעם פּאָטער פון אַנאַרכיזם. באַקונין האָט די אידעען פון פּרו־דאָן געמאַכט פּאָפּולער ביי די ברייטע מאַסען. „די עקסטרעמען קו־מען צוזאַמען", ווי דער פראנצויז זאָגט : היינדמאַן און באַ־קונין.

די פּאָליטישע אידעען פון די אוטאָפּיסטען און פון פּרודאָק'ען האָבען געהאַט אַן איינפלוס אויף קאַרל מאַרקס'עס אַנשויאונגען אויך.

אין 1891 איז ערשינען אין דער „נייער צייט" (דעם דייטשען אָפיציעלען פּאַרטיי אָרגאַן) א בריף וואָס קאַרל מאַרקס האָט געשרי־בען אין 1874 איבער, דעם פּראָיעקט פון דער פּלאַטפאָרמע, אויף וועלכער די צוויי דייטשע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבען זיך

באלד נאכדעם פאראייניקט ביי דעם צוזאמען פאר אין נאטא. ער לאכט אפ פון די דעמאקראטיישע פאדערונגען פון דעם פראיעקט און ערקלערט זיך פאר „די רעוואלוציאנערער דיקטאטור פון פראלעטאריאט“. וואס איז אבער „די דיקטאטור פון פראלעטאריאט“? קע זדער גאנצער פראלעטאריאט, מיליאנען מענטשען, זיין דיקטאטור, אן אונבאשרענקטער הערשער? אין א מנין אפילו קען נאר איינער זיין א חזן, דער עולם קען נאר זאגען „אמן“. אלזא די רעוואלוציאנערע דיקטאטור “פון פראלעטאריאט“ קען אין ווירקליכען לעבען באדייטען נאר איין זאך: די דיקטאטור פון א נאציאנאל עקזעקוטיווע מיט א באס, אדער אהן א באס, — און וואס זיי וועלען טאן, אף דעם זאל „דער רעוואלוציאנערער פראלעטאריאט“ — מסתמא ארגאניזירט אלס „פארטיי“ — דורך א רעפערענדום זאגען: „באם“. מיר האבען דעם פלאן געזעהען דא הי אין אמעריקע אין זיין פראקטישער ווירקונג, עס איז גאר ניט קיין חלום.

אף דעם איז דער תירוץ, אז דאס איז נאר „דערווייל“, א שטייגער ווי משה רבינו האט געהאלטען די אידען במדבר פערציק יאר, איידער זיי זיינען אריינגעלאזען געווארען לארץ כנען.

אין דער אמת׳ען, ווי לאנג זאל די דיקטאטור דויערען? פארשטעהט זיך, ביסקעל וואנען דער „רעוואלוציאנערער פראלעטאריאט“ וועט איבערסטראיענען די גאנצע סאציאלע ארדענונג אף א סאציאליסטישען פלאן. נשקשה פון א פאדריאד.

מיר זעהען אלזא אז סאציאליזם און דעמאקראטיע זיינען צוויי פארשידענע זאכען. און אפילו ווען זיי זיינען ביידע פארמאלנע פאראייניקט אונטער דעם נאמען „סאציאל־דעמאקראטיע“, ווי ס׳ איז געוועזן אינדער פלאטפארמע פון דער ענגלישער סאשאל־דעמאקראטיק פעדערעישאן, האט איר רבי די באטרעפענדע פונקטען געהאלטען פאר „אן אלטע נארישקייט“, („אלד נאנסענס“).

היינדמאן׳ס ארגומענט וועגען די געפאר פון אונוויסענהייט און דעמאראליזאציע פאר א דעמאקראטיע איז זעהר אלט. דאס האט נאך געזאגט מאנטעסקיע אין זיין „גייסט פון געזעץ“ כמעט צוויי הונדערט יאר צוריק. א רעפובליק, מיינט ער, איז מעגלאך נאר דאן ווען דער פאלק איז מאראליש; פאר געוועגלאכע מענטשען איז מער פאסענד א קאנסטיטוציאנעלע מאנארכיע. מאנטעסקיע׳ס געדאנק האט פאר א גאנצען יאר־הונדערט צייט געפונען א פראקטי־

שען אויסדרוק אין דער פּאָליטיק פון דער גרויס־בורזשואזיע. זינט דעם שטורץ פון נאַפּאָלעאָן דעם 3טען און זינט עס איז איינגעפירט געוואָרען דאָס אַלגעמיינע שטים־רעכט אין דייטשלאַנד, הערט מען שוין די פילאָסאָפיע זעהר וועניג. די אַמאָליקע אָפּנייגונג פון די סאָציאַליסטען געגען די פּאָליטיק, געגען פּאָליטישע רעפאָרמען איז אויך שוין לאַנג פארגעסען.

דער היינטיקער לעזער אין אונדזערע דעמאָקראַטישע צייטען קען זיך נאָר ניט פאָרשטעלען. אַז עס איז אַמאָל מעגלאָך געווען צו פאַרבינדען דעם סאָציאַליזם מיט דעם „אופגעקלערטען אבסאָ־לוטיזם“.

מיר נעפעלט היינדמאַן פאר דעם וואָס ער זאָגט אָפען וואָס ער מיינט. אַנדערע האָבען מורא פאר זיך אליין זיך מודה צו זיין, אַז זיי זיינען געגען דעמאָקראַטיע און געגען פרייהייט.

ווען די היגע סאָציאַליסטישע פּלאַטפאָרמע פאָדערט, אַז דער שטאַט, וואָס ווערט באַלעבאַטעווען איבער די פּראָדוק־ציאָנסמיטלען, זאָל זיך פירען „דעמאָקראַטיש“, איז דאָס גאָר ניט אַזוי קלאָר, ווי עס ווייזט זיך אויס, ווייל דער באַגריף פון „דעמאָקראַטיע“ איז זעהר אונבעשטימט. ענגלאַנד ווערט באַטראַכט פאר א „דעמאָקראַטיע“, הגם זי האָט אפילו א געזעצלאָך פּריווילעגירטע אריסטאָקראַטיע, וואָס האָט נאָך זעהר א שטאַרקע דעה אין דעם פּאַרלאַמענט. די סטעיטס אין די סויט באַטראַכטען זיך אויך פאר „דעמאָקראַטיעס“, הגם די שווארצע־ראַסע האָט דאָר־טען קיין רעכט ניט.

דעריבער ווען די פּלאַטפאָרמע רעט, צום ביישפּיל, וועגען „קאָ־לעקטיווען אייגענטום און דעמאָקראַטישע פאַרוואַלטונג פון איי־זענבאַנען“ א. אַז. וו., בלייבט נאָך א פראַגע: וואָס הייסט א „דע־מאָקראַטישע“ פערוואַלטונג? ווען דער פּרעזידענט פון די פאַר־אייניקטע שטאַטען שטעלען אַן עטלאַכע קאָמיסאַרען און זיי ארגאַ־ניזירען א גאַנצע מחנה פון בעאַמטע, איז עס א „דעמאָקראַטישע“ פערוואַלטונג. ווען אָבער דער רוסישער מיניסטער פון אייזענבאַנען שאַפט פונקט אַזא אָרגאַניזאַציע פון בעאַמטע, איז דאָס ניט דע־מאָקראַטיש? וואו איז אָבער דער אונטערשיד? איז דען פאַ־ראַן ערגעץ אַן אונטערשיד צווישען דער פערוואַלטונג פון דער רו־סישער פּאָטשט און פון דער אַמעריקאַנישער? די זעלבע ביו־

ראַקראַטיע דאַ, ווי דאָרטען. דער אונטערשיד איז דאַ ניט קיין אינדוסטריעלער, נאָר א פּאָליטישער. עס האנדעלט זיך נאָר אום דער פאָרמע פון דעם שטאַט.

וואו דער שטאַט איז א ביוראַקראַטישער, הייסט דאָס וועלען די אייזענבאַנען ווערען פערוואַלטעט „ביוראַקראַטיש", וואו דער שטאַט איז א דעמאַקראַטישער, וועט פּונקט דער זעלבער סיסטעם זיין „דעמאָקראַטיש"? עס איז גאַנץ קלאָר, אז מיר האָבען דאַ צו טאָן מיט צוויי גאַנץ באזונדערע זאכען: דער אינדוסטרי און דעם שטאַט. די באוועגונג פאר די דעמאָקראַטיזירונג פון דעם שטאַט האָט זיך אנגעהויבען לאנג פאר דער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג און האָט זיך נאָך אפילע היינט ניט צוזאמענגעגאַסען מיט איר.

דאָס נייע וואָס דער סאָציאַליזם האָט אריינגעבראַכט איז נאָר די פאָדערונג אז „די מיטלען פון פּראָדוקציאָן און דיסטריביוציאָן זאָלען באַלאַנגען צום כלל", דאָס הייסט צו דעם שטאַט.

די ערסטע פּלאַטפּאָרמע פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי פּרובירט צו מאַכען אנאנדער אונטערשיד צווישען קהל'שען איי־גענטום אף די מיטלען פון פּראָדוקציאָן און סאָציאַליזם, נעמליך, אין דעם פערטען פּונקט וועלכער פערלאַנגט אַלס אן איבערגאַנגס־פאָדערונג „די איינפירונג פון א סיסטעם פון עפענטליכע אונטער־נעמונגען (פּאַבליק אינדוסטרי), כדי צו פארזיכערען פאר די אר־בייטער דעם פולען פּראָדוקט פון זייער ארבייט".

לאָמיר די זאך באַטראַכטען פון צוויי זייטען: וואָס דיינקט פון דעם קארל מארקס און וואָס דיינקט די קאַפּיטאַליסטישע פּאָ־ליטישע עקאָנאָמיע.

אין דעם בריף, וועלכען איך האָב פריהער דערמאָנט, קרי־טיקירט קארל מארקס זעהר שארף דעם זאַץ איבער „דאָס רעכט פון דער ארבייט אף דעם פולען ארבייטס־ערטראג", און באווייזט אז אונטער א סאָציאַליסטישער פערוואלטונג קען דער ארבייטער בשום אופן דאָס ניט קריגען.

פון דעם גאַנצען פּראָדוקט פון דער ארבייט נעהט אראָב ערס־טענס, איין חלק, וואָס ווערט ניט צוטיילט צווישען די ארבייטער: דאָס זיינען די מאַטעריאַלען פאר די פּראָדוקציאָן פון נעקסטען יאָר,

נייע מאשינען, נייע אייזענבאנען, שיפען א. אז. וו. היינט צו טאג באלאנגט דאס אלעס צו די קאפיטאליסטען. אונטער א סאציאליסטישער פארוואלטונג מוז דאס אלעס בלייבען אין קהל'שע הענט. ווייטער, א חלק מוז אריינגענומען ווערען פאר אזעלכע זאכען, וועלכע ווערען שוין היינט באטראכט אלס קהל'שע : פארקס, בית עולם'ס, הקדשים, ביבליאטעקען, מוזעאומס א. אז. וו., וואס ווערען באנוצט פון דעם גאנצען עולם, און מען פרעגט ביי קיינעם קיין קשיות ניט, צי ער האט פארדינט זיין חלק דורך זיין אייגענע ארבייט צי ניט. נאר דאס וואס בלייבט איבער, קען צוטיילט ווערען צווישען די ארבייטער. אלזא קען דער ארבייטער ניט באקומען דעם פולען פראדוקט פון זיין ארבייט. אזוי זאגט קארל מארקס.

א קאפיטאליסטישער געלערטער, פראפעסאר קלארק פון קאלומביא יוניווערסיטי, באהויפטעט דאגעגען, אז היינט גופא, אונטער דעם קאפיטאליסטישען סיסטעם, קריגט דער ארבייטער אקוראט דעם גאנצען פראדוקט פון זיין ארבייט — וואס עס בלייבט איבער פאר דעם קאפיטאליסט, אז דער פראדוקט פון קאפיטאל, און די רענט, וואס דער לענדלארד באקומט, איז דער פראדוקט פון זיין לאנד.

אלזא ווען די סאציאליסטישע פלאטפארמע מיינט „דעם ארבייטער געבען דעם פולען פראדוקט פון זיין ארבייט“, איז דאס פון דעם מארקסיסטישען שטאנדפונקט אן אונזין, פון דעם שטאנדפונקט פון דער קאפיטאליסטישער פאליטישער עקאנאמיע באדייטעט עס נאר, אז מען זאגט צו דעם ארבייטער ארענטלאכע שכירות (פעיר וועידזשעס). ווער און ווי אזוי אבער וועט באלעבאטעווען איבער דעם קהל'שען געשעפט ? בלייבט פארט א קשיא.

די מעשה איז, אז וועגען דעם איז מען גאר ניט איינים אונטער די סאציאליסטען. איינע מיינען אז אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט וועלען אלע געשעפטען געפירט ווערען דירעקט דורך דעם שטאט, ווי היינט צו טאג די פאטשט. אנדערע מיינען, אז עס וועט איבערגעלאזען ווערען צו פרייוויליקע קאאפעראטיווע אסאציאציעס, אנדערע ווייטער זאגען, אז די פירונג פון יעדען געשעפט וועט איבערגעגעבען ווערען אין די הענט פון ארבייטער יוניאנס. דער רעוויזיאניזם מיינט, אז עס וועט ווארשיינליך אויסוואקסען א קאמבינאציע פון אלע דריי סיסטעמען.

מען וועט מיר אפשר זאגען, אז דאס איז היינט אין גאנצען א פוסטע פראגע, א שטיקעל „צוקונפטס־מוזיק“, ווי דער דייטש זאגט: נאר אוטאפיסטען באשעפטיקען זיך היינט־צו־טאג מיט חלומות איבער די איינצעלהייטען פון דעם צוקונפטסשטאט.

איר האט א טעות. וואס וועט זיין, אז משיח וועט קומען אינטערסירט מיך גראדע ניט. עס הענדעלט זיך אבער דא וועגען דעם, וואס מיר האבען צו טאן היינט־צו־טאג. ווען מען גלויבט אז בשעת דער סאציאלער רעוואלוציע וועט די זיגרייכע סאציא־ליסטישע פארטיי נאר א געשריי טאן: „שטאטס־גראס, מאך מיר א לעטניק!“ און די סאציאליסטישע ארדנונג וועט ארויסשפרינ־גען בכישוף פיקס און פארטיק, — האט מען איצטער ניט וואס צו ברעכען זיך די קאפ וועגען אזעלכע פראגען. די הויפט זאך איז אופצובויען א מעכטיקע רעוואלוציאנערע פארטיי, וואס זאל אים שטאנד זיין „איינצונעמען די ציטאדעלען“ די רעוויזיאניסטען אבער האבען אפגעשפאט די „סאציאלע רעוואלוציע“ אלס מיטעל אי־בערצומאכען די וועלט איבער נאכט. זיי גלויבען, אז די געזעלשאפט וואקסט און דער סאציאליזם מוז אויך אויסוואקסען.

אויב סאציאליסטישע פארוואלטונג מיינט פארוואלטונג דורך קאאפעראטיווע אסאציאציעס, טו מוז מען די אסאציאציעס אופ־בויען, דאס מוז נעמען א גראמע צייט. צו וואס זאל מען די ארבייט אפלייגען ביז משיח'ס צייטען?

אויב סאציאליסטישע פארוואלטונג הייסט פארוואלטונג דורך ארבייטער יוניאנס, איז אפשר כדאי שוין היינט זיך נעמען צו אר־גאניזירען די יוניאנס? דער אויפבויען פון יוניאנס ווייזט אויס פון דיזען שטאנדפונקט אלס דירעקטע סאציאליסטישע ארגאני־זאציאנס - ארבייט.

אויב מען דיינקט אבער, אז דער אלמעכטיקער שטאט וועט אליין באזארגען איז נאטירליך די ארגאניזאציע פון יוניאנס און איבעריקע טרחה. אבער אפילע דאן איז שוין היינט גופע פאראן וואס צו טאן.

וואס פאר א שטאט? א שטאט וועלכער ווערט רעגירט פון א פאליטישער מאשין מיט פענראוז אדער מיירפי אדער וויקטאר בערגער אלס באס? מיינט איר אז אפילע דא אין אמעריקע האט

מען שוין ווירקליך אן אמת'ע דעמאָקראַטיע? און מיינט איר, אז מען מוז ווארטען ביז דער „סאָציאַלער רעוואָלוציאָן“ מיט אזעלכע רעפאָרמעס ווי צום ביישפּיל, די איניציאַטיווע און רעפערענדום, פּראָפּאָרציאָנאַל וואַלען, „סיוויל סערוויס רעפאָרם“, האָם רול, א. אז וו.? איר זעט אלזאָ, אז עס האַנדעלט זיך דאָ ניט פון דעם גע־פילטען לויתן מיט ראָזינקעס.

ווייטער שטעלט זיך אַנאַנדער קשיא: וואו איז דער גרעניץ צווישען קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם? ווען איר לעזט, וואָס מען שרייבט אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע בנוגע צו שטאַטס־איי־זענבאַנען, שטאַטישע טעלעפאָנען און דערגלייכען, טו קומט אויס ניט אנדערש, אז ביז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וועט עראָבערען די פּאָליטישע מאכט, וועט אַלץ זיין קאַפּיטאַליזם, און וויבאלד דער סאָציאַליסטישער פּרעזידענט וועט אינסטאַלירט ווערען אין דער ווייסער הויז, וועט זיך אָנהויבען סאָציאַליזם. די נייע פּלאַט־פאָרמע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי וואָס דאַרף נאָך היינ־טיקען זומער (1916) אָפּגעשטימט ווערען דורך א רעפערענדום, מאַכט גאַנץ קלאָר אז דער סאָציאַליזם מיינט גאר ניט מאַכען אן ענד מיט א מאָל מיט דער גאַנצער פּריוואַט־אינדוסטרי.

„דער סאָציאַליזם פאַרלאַנגט דעם פּריוואַט־אייגענטום און די אינדיווידועלע פערוואַלטונג פון אלצדינג, געצייג, עקאָנאָמישע פּראָ־צעסען און פונקציעס, וואָס זייער כאַראַקטער איז אן אינדיווי־דואַליסטישער, צו גלייך מיט דעם קאָלעקטיווען אייגענטום און דעמאָקראַטישע פירונג און פערוואַלטונג פון יענע וואָס זייער כאַראַקטער איז א געזעלשאַפטליכער אָדער קאָלעקטיוויסטישער“.

לאָמיר דאָס אויסלעגען פאַר אייך אויף פּראָסט מאַמע־לשון. דער סאָציאַליזם פערלאַנגט, אז אזעלכע ארבייטען און געשעפטען וואָס דער יחיד איז בכח צו פירען אליין, זאָלען בלייבען אין די הענט פון דעם יחיד, און אזעלכע אונטערנעמונגען וואָס נויטיגען זיך אין דער ארבייט פון א סך מענשען צוזאַמען זאָלען זיך געפינען ברשות הרבים. דאָס ווערט קלאָר געמאַכט מיט א משל:

„פּריוואַט־אייגענטום און פערוואַלטונג פון הווילבאַראָוס (טאַטשקעס) שטעלט קיינעמ'ס פרייהייט אָדער וואוילטאָג ניט אין סכנה; פּריוואַט־אייגענטום און פערוואַלטונג פון איי־

זענבאנען, מיינס און פאבריקעס מאכט זייערע איינענטימער פאר בעלי־בתים איבער די לעבענס פון זייערע מיטמענטשען".

בקצור, דער עצם פון סאציאליזם איז די פאדערונג מיט די אנגעוויזענע באנגרענצונגען, אז די מאשינערי פון פראדוקציאן זאל געהערען צום „כלל" און אז דער באטריב פון דער אינדוסטרי זאל אויך ליגען אין דער רשות פון כלל". דאס איבריקע בלייבט אן אפענע פראגע.

אויב אזוי, טו איז קענטיק דער סאציאליזם שוין באשטאנען אף דער וועלט, איידער די היינטיקע סאציאליסטישע פארטייען זיינען געגרינדעט געווארען. ניט זיי האבען דעם סאציאליזם אויס־געטראכט. אפילע קארל מארקס האט שוין דעם סאציאליזם גע־פונען פארטיקערהייט. ער האט איהם נאר אנדערס פילאזאפיש בעגרינדעט. די פארצייטיקע „קאמוניסטען" און די אוטאפיס־טישע סאציאליסטען פון דער ערסטער העלפט פון דעם נייצעטען יאר הונדערט האבען אויסגעשפראכען א סך געדאנקען וואס מען זעט ערסט איצטער זייער ריכטיקע באדייטונג.

מיר מוזען זיך נעמען באקענען מיט זייערע אידעען, אויב מיר' ווילען האבען א קלארען בעגריף, וואס עס טוט זיך היינט צו טאג אין דער וועלט בכלל און טאקיע דא גופא אין אמעריקע.

צווייטער קאַפּיטעל

קאָמוניזם אין דער פאַר־קאַפּיטאַליסטישער צייט.

1.

פּלאַטאָ.

פרודאָן באַמערקט אין איינעם פון זיינע ווערק, אַז די קאָמו־ניסטישע אידעע ציט זיך ווי אַ שנירעל דורך די גאַנצע געשיכטע. די באַמערקונג טרעפט צו ניט נאָר אויף די קאָמוניסטישע אידעע אליין, אָבער אויך אופ'ן ווירקליכען לעבען: דער קאָמוניזם איז ניט קיין חלום, דער קאָמוניזם איז אזוי אלט ווי די וועלט. איך גלויב קאָם אויב מען קען אַנווייזען אַזאַ צייט ווען דער קאָמוניזם זאָל גע־ווען זיין אין גאַנצען אויסגעגאַנגען: אַ ברעקעל מער, אָדער אַ ברע־קעלע ווייניקער, יערענפאַלס, עפּעס אַ שטיקעל קאָמוניזם האָט מען אַלע מאָל געקענט ערגעץ אויסגראָבען.

דער ערסטער ספר איבער קאָמוניזם, וואָס איז צו אונדז דער־גאַנגען, איז געשריבען געוואָרען פאַר מער ווי צוויי טויזענט יאָר צוריק פון דעם גריכישען פילאָסאָף פּלאַטאָן.

פּלאַטאָן איז געווען אַן אַריסטאָקראַט פון געבורט און איז אויפגעוואַקסען אין אַזאַ צייט, ווען די גאַנצע געזעלשאַפט איז גע־בויט געווען אויף שקלאַפעריי. אַרבייט איז אין די אויגען פון אַ פּאַרצייטיקען גריך געווען דאָס זעלבע וואָס שקלאַפעריי. אַז מען דאַרף געהן צו דער אַרבייט איז מען ניט פריי. דערפאַר איז נאָר יענער אַ פרייער מאַן, וואָס איז פריי פון אַרבייט. שקלאַפעריי ער־נידעריקט אַ מענטשען, דעריבער איז אַרבייטען אַ שאַנדע.

זייענדיק אַ מענטש פון זיין צייט, האָט פּלאַטאָן גאַנץ נאַטיר־ליך געקוקט אַף דעם בעל מלאכה, ווי אַף אַ נידעריקע באַשעפענעס, אפילע אין זיין קאָמוניסטישען שטאַט.

איר וועט פרעגען: וואָס זשע, פאַר אַ מחותן איז ער מיט'ן סאָציאַליזם? פאַרשטעהט איר, אמר רב קאַוטסקי אין דער „געשיכטע דעם סאָציאַליזמוס", אַז פּלאַטאָן איז אַ „פאַרלויפער דעם נויערן סאָ־ציאַליזמוס". אַ „פאַרלויפער" — דאָס הייסט אַן ערך ווי אברהם אבינו איז געווען אַ פאַרלויפער פון משה רבינו.

נאך פלאטאנס אנשויאונג נאך, איז דער כלל געגליכען צו א גוף: א גוף האט א קאפ צו דיינקען, הענט צו פארטיידיקען זיך און א מאגען צו פיטערען דעם גאנצען קערפער, אזוי מוז אויך זיין אין א געזעלשאפט, וועלכע איז גוט איינגעריכטעט: דער שכל רעגירט, — דער שכל זיינען די פילאסאפען (היינט זאגט מען די פירער, די לידערס); דער שטארקער ארעם, וואס פערטיידיקט דעם גוף זיינען די יונים; דער מאגען וואס האלט אויף דעם גאנצען גוף זיינען די בעלי מלאכות און די פויערים.

די צוויי הערשענדע קלאסען, די פילאסאפען און די קריגער לעבען אין קאמוניזם: זיי האבען קיין פריוואט איינענטום ניט, אלעס באלאנגט צום שטאט. זיי האבען קיין איינענע הייזער ניט, זיי לעבען צוזאמען אין א קאזארמע און עסען צוזאמען פון קעסעל. קיינער האט פאר זיך קיין ווייב ניט, די ווייבער זיינען קהל'שע, און די קינדער זיינען אויך קהל'שע. זיי ווערען אויפגעהאדעוועט אין א סארט בית יתומים. די פילאסאפען בריינגען צונויף אלע שידוכים אף דעם זעהבען אופן ווי אף א קאנסקי זאוואד: מען זארגט צו פארבעסערען דעם מין. נאר געזונטע קינדער ווערען אויפגעהאדעוועט, קריינקלאכע און ממזרים ווערען דערשטיקט, כדי עס זאל נאר אויפוואקסען א געזונטער און שטארקער דור. וואס הייסט א ממזר אין אזא משפחה? פארשטעהט איר, מקוים זיין פרו ורבו איז א סארט סלוזשבע. פון 30 ביז 50 יאר מוז יעדער מאנצביל געהן „דינען". מיידלאך שטעלען זיך צום פריזיוו צו 20 יאר און „דינען" דעם שטאט ביז 40. פאר דער סלוזשבע טאר קיינער קיין קינדער ניט האבען. און אויב עס ווערט געבארען א קינד איז דאס א ממזר.

דער קאמוניזם אבער איז נאר פאר די הערשענדע צוויי קלאסען. די פויערים, די בעלי מלאכות, די סוחרים מעגען לעבען ווי זיי ווילען, מעגען האבען אייגענס און פאמיליע, זיי מוזען אויפהאלטען די הערשער. פאר וואס איז דער אונטערשיד? ווייל דער קאמוניזם איז נויטווענדיק נאר אויפצוהאדעווען אן אידעאלען קלאס מענטשען, וואס האבען קיין פערזענלאכען אינטערעס ניט און קענען אוועקגעבען אלע זייערע געדאנקען, זייער גאנצען לעבען דעם שטאט.

פון וואנען זאלען זיך נעמען אבער פון אנהויב די הערשער? אף דעם איז פאראן אזא פלאן. דער פילאסאף מוז געווינען פאר'ן

קאָמוניזם אַן אויפגעקלערטען דעספּאָט און זיי ביידע קלויבען שוין אוים צוזאַמען די בעסטע בירגער און נאַזנאַטשען זיי פאַר פילאָסאָפען אָדער קריגער. ווייטער דאַרפען שוין די פילאָסאָפען אכטונג געבען, אז די הערישער זאָלען זיך מע־רען. אז עס זאָל זיך טרעפען אן עילוי א אינגעל אין א משפחה פון א פויער אָדער א בעל מלאכה אָדער א סוחר, ווערט ער צוגענומען אין דעם הערשענדען קלאַס און אויפגעהאָדעוועט אויף קאַזיאָנע רעכענונג. איין זאַך איז קלאָר: קיין פרייהייט איז אין פּלאַטאָנס קאָמוניסטישען שטאַט ניטאָ, ניט אפילו פאַר די פילאָסאָפען, קיין גלייכהייט אויך ניט, קיין דעמאָקראַטיע אויך ניט.

עס פרעגט זיך ווי אזוי איז ער געפאַלען אויף אזא פּלאַן? די מעשה איז, אז פּלאַטאָן האָט זיין שטאַט ניט אויסגעשפּונען פון קאָפּ: עס איז ניט מער ווי אַן אויסגעמאָלטער בילד פון דער שטאָט ספּאַר־טאָ. ווי א בילד זעט עס אוים שענער איידער ספּאַרטאָ האָט אוים־געזעהען אין דער אמת'ן. דער ספּאַרטאַנישער קאָמוניזם איז אויך געווען א קאָמוניזם נאָר פאַר די הערשער. עס האָט דאָרט עקזיס־טירט שקלאַפעריי. איבער דעם אורשפּרונג פון דעם ספּאַרטאַנישען שטאַט מיט זיינע איינריכטונגען איז וויניק ריכטיקעס באַקאַנט. עס איז אָבער איצט אָנגענומען אין דער וויסענשאַפט, אז די פאַר־צייטיקע האַלב־ווילדע מענטשען האָבען געלעבט אין שטעמער. אי־נערהאַלב יעדען שטאַם איז געווען א פאָלשטענדיקער קאָמוניזם. עס איז געווען ווי איין פאַמיליע. עס איז אויך באַקאַנט, אז די ספּאַרטאַנער זיינען געקומען קיין ספּאַרטאַ פון אַן אַנדער לאַנד און האָבען אונטעריאָכט דורך קריג די איינוואָהנער. דער קאָמוניזם האָט אַלזאָ איבערגעלעבט די צייטען, ווען די „קאָמוניסטען" האָבען נאָך געמוזט אַרבייטען, אום צו מאַכען א לעבען. אַז זיי האָבען גע־קראָגען פאַראַנעס און שקלאַפען, האָבען זיי אויפגעהערט צו אַר־בייטען און פון זייער קאָמוניזם איז געבליבען נאָר דער קאָמוניסטי־שער פאַרברויך פון דעם וואָס די אַרבייטענדע קלאַסען האָבען פאַר זיי באַשאַפען.

איר זעט אַלזאָ, אז די קאָמוניסטישע אידעע איז געבאָרען גע־וואָרען איינגעוויקעלט אין א הייבעלע פון דעספּאָטיזם און קלאַ־סען־הערשאַפט. על כן, ווען איר זאָגט מיר צו אין אייערע פּלאַט־פאָרמען, אז דורך די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־איינענטום אויף פּראָ־

דוקציאנס־מיטלען וועט אויפהערען די קלאסען־הערשאפט און עס וועט אויפגעבויט ווערען א פרייע געזעלשאפט, טו מעגט איר זיך בייזערען וויפיל איר ווילט און איך בין אייך פארט ניט מחויב צו גלויבען אויף אייערע נאמנות. איי וועט איר מיר זאגען, מאלע וואס עס האט זיך פלאטאנען גע׳חלומ׳ט! אפילו צוגעבענדיק שוין, אז מיר זיינען מיט איהם א שטיקעל פערד־פוס־פאדקאוועס־אייני־קעל, איז ער דאך געווען אן אוטאפיסט און מיר זיינען „וויסענ־שאפטליכע". היילט זיך ניט: ביז וואנען אייער משיח וועט אמאל נאך קומען, פלאטאנ׳ס קאמוניסטישער אידעאל איז שוין דער־ויילע מקוים געווארען אין דער געשיכטע, דורך דאס קריסטענ־טום.

2.

דער קלויסטער־קאמוניזם.

איך וויל דא ניט אריינגעהן אין אן אונטערזוכונג, אויב פלא־טאנס אידעען האבען געהאט א דירעקטען איינפלוס אויף די ערס־טע קריסטלאכע קהילות. דער אנפאנג פון קריסטענטום איז אי־בערהויפט ניט גאנץ קלאר. מי וויס, אז אן ערך ארום יענע צייט זיי־נען באשטאנען אין ארץ ישראל קאמוניסטישע סעקטען און האבען מיטגעהאלפען אויפצובויען דאס קריסטענטום. שפעטער זיינען צום קריסטענטום צוגעשטאנען פילע געבילדעטע גריכען און רוי־מער. העכסט ווארשיינליך זיינען צווישען זיי געווען אזעלכע, וואס זיינען באקאנט געווען מיט פלאטאנס פילאסאפיע. דאס איז אבער א נעבענזאך. אונטער די ערסטע קריסטען זיינען געווען פילע פרושים, וואס זיינען מיט לייב און זעעל איבערגעגעבען געווען צו דער תורה. זיי האבען געוואהנט אין שול, און כדי זיי זאלען זיך קענען אין גאנצען אפגעבען מיט דער עבודה, האבען זיי קיין איר־גענס ניט געהאט און געלעבט אלע צוזאמען פון נדבות. אזוי זיינען ענטשטאנען די ערסטע מאנאסטירען.

ווען די קריסטלאכע אמונה האט זיך אזוי פארברייטעט אין די מאסען ביז זי איז אנערקענט געווארען פאר א שטאטס־רעליגיע, איז די צאל פון פרושים געווארען פארהעלטניסמעסיק קלענער, און די נדבות האבען אנגעהויבען צו ווערען גרעסער. רייכע קריסטען האבען געשיינקט אדער פארשריבען אין זייערע צוואות גרויסע מא־יאנטקעס אויף די קלויסטער. ביסלאכווייז זיינען די מאנאסטירען

געוואָרען די נרעסטע לאַנד־אייגענטימער אין דער וועלט. אויף מאַנאַסטירסקע ערד זיינען אויפגעבויט געוואָרען גאַנצע דערפער און שטעט, וועלכע האָבען געצאָלט צינזען אָדער געאַרבייט פּאַנש־טשינע אויפ׳ן מאַנאַסטיר. צו יענע צייטען איז דער פּריץ אנערקענט געוועזן אויף זיין לאַנד אזוי ווי אַ קיסר. ער האָט רעגירט. ער האָט אַרויסגעגעבען געזעצע, ער האָט גע׳משפּט, קורץ געזאָגט, דער פּריץ איז געוועזן דער שטאָט. וואו די לאַנד האָט באַלאַנגט צום מאַנאַס־טיר, איז דער מאַנאַסטיר געוועזן דער שטאָט.

די מאַנאַכען אליין האָבען געלעבט אונטער זיך אין קאָמוניזם ווי פּאַרציייטען, אַזוי ווי דער קריסטלאַכער אידעאַל האָט זיי גע־הייסען. פאַר די פּויערים אָבער, די בעלי מלאכות און די סוחרים, וואָס האָבען געוואָהנט אויף מאַנאַסטירסקען גרונט, איז דער קריסטלאַך־קאָמוניסטישער אידעאַל באַטראַכט געוועזן צו הויך. די פּרושים האָבען געלערענט תורה, געדאַווענט און געקליבען מצוות פאַר׳ן גאַנצען עולם, און דער עולם האָט געצאָלט פּדיון, אום אויפ־צוהאַלטען דעם בית המקדש. אויב די מאַנאַכען האָבען דערביי גע־לעבט אַ גוטען טאָג, איז דאָס געוועזן, ווי די חסידים זאָגען „צוליב דעם רבי׳נס וועגען“. טעאָרעטיש איז דאָס ניט באַטראַכט געוועזן אַלס אויסבייטונג לטובת פון די מאַנאַכען פּערזענליך, ווי ביי די איבעריקע פּריצים.

די פאַמיליען־פראַגע האָט דער קריסטלאַכער קאָמוניזם גע־לייזט כמעט אַזוי ווי פּלאַטאָן. די קאַטאָלישע קירכע האָט אויך באַ־טראַכט די פאַמיליע אַלס אַ מניעה צו אַן אידעאַלען לעבען. אַן אי־דעאַלער דינער פון דער קירכע, דאָס הייסט פון דעם גאָטעס־שטאָט, טאָר ניט האָבען קיין ווייב און קינדער, ווייל אַ פאַמיליע צווינגט דעם מאַן צו זאָרגען מער פאַר זיין אייגענעם געשעפט איידער פאַר זיין אידעאַל. די קאַטאָלישע קירכע האָט אין גאַנצען פאַרבאָטען אירע גלחים התונה צו האָבען. דאָס איז געוועזן אין טעאָריע. אין דער פּראַקטיקע אָבער האָבען זיי געהאַט אומגאַנג מיט קהל׳שע ווייי־בער און האָבען געהאַט קהל׳שע קינדער.

אין דעם אינערען לעבען פון יעדען מאַנאַסטיר האָט עקזיס־טירט נאָך אַ שטאַרקערע דיסציפּלין איידער אין דער דייט־שער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָדער, דאָ אַמאָל, אין דער ס. ל. פּ. פּונקט אַזוי ווי די גענאָסען באַטראַכטען די דיסציפּלין אַלס אַ היי־ליקע פּאַרטיי פליכט האָבען די „ברידער“ אין קלויסטער אויך גע־

האלטען די דיסציפּלין פאר די גרעסטע מצוה.
די געשיכטע פון דעם קלויסטער־קאָמוניזם איז אינטערע־סאנט דערפאר, ווייל מיר האבען דאָ צו טאָן ניט מיט דעם אינס־טינקטיוועו קאָמוניזם פון אַ פארצייטיקען רויבער־שטאם, ווי אין ספּארטא, נאָר מיט דער ענטוויקעלונג פון קאָמוניסטישע קהילות, וואס זיינען ביי זיך באוואוסט געווען פאר זייער קאָמוניסטישען אידעאל, אויף וועלכען זיי זיינען אויפגעבויט געוואָרען. אין די ערסטע צייטען פון קריסטענטום זיינען די „ברידער“ אין די מאָ־נאסטירען געווען אַזוי טריי צוגעטאָן צו זייער אידעאל, ווי די גע־נאָסען אין דער ס. ל. פּ. אין אירע יונגע יאָרען. די צרה, פאר־שטעהט איר מיך, איז די, אַז די וועלט געשיכטע ענטוויקעלט זיך ניט אקוראט ווי מיר מאָלען אויס די צוקונפט אין אונדזער אי־דעאל. אונדז שטעלט זיך פאָר, אַז משיח וועט אריינפאָרען רייטענ־דיק אויף אַ ווייסען פערד, מיט וואיענע מוזיקע, און צום סוף קען זיך נאָר אויסלאָזען, ער זאָל קומען צופוס, אָן פּאראדע, אָנגעטאָן פאר אַ פּאָליסמאן מיט אַ קלאָב*) אין האנט.

3.

מאָר׳ס, „אוטאָפּיא“ און קאמפּאַנעלאַ׳ס „שטאט פון דער זון“.

דער קלויסטער־קאָמוניזם האט באקומען אַ קרעפטיקען קלאפּ אין דעם 16טען יארהונדערט, צו דער צייט פון דער רעפאָרמאציע. די פּראָטעסטאנטען, לוטעראנער, קאלוואניסטען און א. ז. וו. האָ־בען זיך איינשטימיק ערקלערט געגען מאָנאסטירען און זיי אין גאנצען אָפּגעשאפט אין זייער רעפאָרמירטער אמונה. צו יענער צייט איז דייטשלאנד געווען צוברעקעלט אין אַ סך פּיטשינקע מלוכות, און די פּיטשינקע קעניגלאך זיינען געווען אויף גרויסע צרות: יעדען איינעם האט זיך געוואָלט פירען זיך אויף אַ גרויסען אופן און עס האט ניט געסטאיעט. פון דער אנדער זייט, אַ חוץ רוס־לאנד, וואס איז דאמאָלס נאָך געווען אַ קליינע מדינה, איז גאנץ אייראָפּא געווען קאטאָליש. די עטלאכע אָרדענס פון מאָנאכען זיי־נען פארשפּרייט געווען איבער גאנץ אייראָפּא. זייערע לענדער זיינען

*) אַ דובינקע.

געוועז פיעל גרעסער איידער א געוועהנלאכע מלוכה און זיי זיינען אלע געוועזן פאראייניקט אונטער דעם שוץ פון דעם פאפסט, וועלכער איז געוועזן א קיסר איבער אלע קעניגע. נאטירליך זיינען די קלויס־טער געוועזן אן אונגעהייערע מאכט, און די ארעמע קעניגלאך האבען זיי גריילאך מקנא געוועזן. די נייע אמונה איז געוועזן פאר די קע־ניגלאך ווי צוגעשיקט פון גאט: זי האט זיי געגעבען א געלעגענ־הייט צו פארבאפען די מאנאסטירסקע לענדער פאר'ן שטאט.

מיט דער אפשוואכונג פון דער מאכט פון דער קאטאלישער קירכע האט דער קאמוניזם פארלארען זיין עקאנאמישע בעדייטונג.

אין נײנצענטען יארהונדערט ווערט דער קאמוניזם א גע־זעלשאפטליכע בעוועגונג און געווינט א נייעם עקאנאמישען פונ־דאמענט. פון דעם וועלען מיר רעדען אין די ווייטערע קאפיטלען.

אין דער צוואוישענצייט האבען זיך געגרינדעט א צאל פרא־טעסטאנטישע קאמוניסטישע סעקטען, און א קאטאלישער קאמונים־טישער שטאט אין פאראגואיי, דיזע עקספערימענטען האבען אויך געפונען אן אפקלאנג אין דער ליטעראטור.

אין 1516, איין יאר איידער לוטער איז ארויסגעטראטען גע־גען דעם קאטאליציזם, איז ערשינען טהאמאס מאר'ס בוך: „או־טאפיא". דער נאמען איז צונויפגעשטעלט פון צוויי גריכישע ווער־טער און באדייט: „ערגעץ ניט". עס איז א טאלאנטפאלע שיל־דערונג פון אן אידעאלען קאמוניסטישען שטאט.

זינט טהאמאס מאר'ס „אוטאפיע" זיינען ערשינען פילע אנ־דערע שילדערונגען פון קאמוניסטישע שטאטען, וועלכע ווערען אלע באצייכענט אין דער געשיכטע מיט דעם נאמען „אוטאפיע". איך וועל נאר דערמאנען קאמפאנעלא'ס „שטאט פון דער זון", וועלכער איז ערשינען מיט הונדערט יאר שפעטער.

וועהרענד די „אוטאפיא" איז א דעמאקראטישער שטאט מיט א קעניג וואס ווערט אויסגעקליבען אויפ'ן גאנצען לעבען, איז דער „שטאט פון דער זון" רעגירט אן ערך אופ'ן שטייגער ווי די אידען אונטער די שופטים (מע רופט עס „טעאקראטיע"). עס איז פאראן אין דעם זאנענשטאט א כהן גדול, וועלכער האט אונטער זיך דריי מיניסטארען: א קריגס־מיניסטער, אן ערציהונגס־מיניסטער און אן ארט גענעראל־שדכן. דער שדכן פארט צונויף אלע שדוכים אויף

דעם זעלביקען פלאן ווי א בעל־הבית פון א שטאל פון פערד: חתן־כלה האבען דא גאר נישט צו זאגען. אויב עס טרעפט זיך אבער א פאר זיינען שטארק פארליבט אין אן אנדער און נאכ'ן ראספיסא־ניע קומט ניט אויס זיי זאלען חתונה האבען, מחמת זיי קענען ניט ברייננען אין דער ווערלט אזעלכע קינדער ווי עס פאלאגאיעט זיך, דאמאלס פאזוואליאיעט מען זיי זיך צו שפילען מיט איין אנדער, אבער קיין קינדער טארען זיי ניט האבען.

אן אוטאפיע באדייטעט היינט־צו־טאג עפעס וואס איז ניט גע־שטויגען און ניט געפלויגען. אין דעם זינען אבער איז ניט טהאמאס מאר'ס „אוטאפיע“, און ניט קאמפענעללא'ס „שטאט פון דער זון“, גאר קיין אוטאפיע ניט. טהאמאס מאר, וועלכער איז אמאל געווען אן ענגלישער מיניסטער, איז געשטארבען אויפ'ן עשאפאט אלס קא־טאלישער מארטירער, ווען דער קעניג האט ערקלערט די ענגלישע קירכע אונאפהענגיק פון פאפסט. קאמפאנעללא איז געווען א קאטא־לישער מאנאך. ביידע זיינען הויך געשעצט געווען פון דער קאטא־לישער קירכע. טהאמאס מאר'ס בוך האט געהאט א גרויסען ער־פאלג פאר זיין צייט און נאך זיין טויט. אין 1537 האט לאיאלא געגרינדעט דעם יעזואיטען־ארדען צו באקעמפפען דעם פראטעס־טאנטיזם. דער ארדען איז באלד געווארען א מאכט אין דער קא־טאלישער וועלט. אין 1608 האבען די יעזואיטען געגרינדעט א קא־מוניסטישען שטאט אין פאראגוואיי אויף די זעלבע פרינציפען, וואס קאמפאנעללא האט מיט א יאר צען שפעטער פאפולעריזירט אין זיין „שטאט פון דער זון“. איר זעט אלזא, אז די קאמוניסטישע אידעען זיינען געווען אין דער לופט.

4.

דער יעזואיטישער שטאט אין פאראנ־וואיי.

אין דעם יעזואיטישען שטאט פון פאראגוואיי האט איר אביישפיל פון א קאמוניסטישער „טעריטאריע“ מיט 200,000 איינ־וואהנער, וואס איז קינסטליך אויפגעבויט געווארען אין א צייט, ווען עס איז נאך קיין קאפיטאליזם ניט געווען, און האט עקזיסטירט 150 יאר נאכאנאנד; און צום ענד איז זי ניט צופאלען געווארען פון זיך

אליין, ווי עס האָט פּאַסירט געוועהנטלאַך מיט אנדערע קאָמוניס־טישע קאָלאָניעס. נאָר זי איז צושטערט געוואָרען פון א פיינדלי־כער ארמעע.

די געשיכטע פון פּראַגוואַיי איז העכסט אינטערעסאַנט. די יעזואיטען זיינען געגאַנגען אין אַמעריקע אלס מיסיאָנערען צו פאַר־ברייטען די קריסטלאכע רעליגיע אונטער די ווילדע אינדיאַנער. אין פּאַראַגוואַיי האָבען זיי אריינגעקראָגען אין זייערע הענט א גאַנצע לאַנד, גרעסער פאַר ענגלאַנד. זיי האָבען אָפּגע'שמד'ט א האלב־ווילדען פאָלק, די גוּאַראַנים, און האָבען אף יענער לאַנד געגרינדעט זייערע קאָמונעס. ווי אלע ווילדע, האָבען די גוּאַראַנים קיין גרויסען חשק ניט געהאַט צו ארבייטען. דורך מאָראַלישען דרוק האָבען די יעזואיטען זיי געצוואונגען צו נעמען זיך צו דער ארבייט. די יעזו־איטען האָבען זיי אויסגעלערנט אקערבוי און פאַרשידענע האַנט־ווערק. אלץ וואָס די גוּאַראַנים האָבען געמאַכט, איז געליפערט גע־וואָרען אין קהל'שע וואַרען־הייזער. אלע האָבען געוואָהנט צוזאַמען אין גרויסע הייזער, און יעדער האָט באַקומען אלץ וואָס ער האָט באַ־דאַרפט צום לעבען. אלץ איז פאַרגעגאַנגען אונטער דער אויפזיכט פון די יעזואיטען, זיי זיינען געווען די רעגירונג. אין יעדען דאָרף איז געזעסען א יעזואיט, וואָס האָט זיך מיט אלעם ראַספּאָראַזשאַ־יעט. ער האָט געהאַט אונטער זיך א קאַציק, וועלכער איז אויסגע־קליבען געוואָרען פון די איינוואָהנער פון דאָרף. די וואהל איז אָבער געווען אַזוי פריי, ווי די וואהל פון בעאַמטע אין דער וועסטערן פע־דערעישאָן אָוו מיינערס אונטער דער הערשאַפט פון דעם סאָציאַליס־טישען פּרעזידענט מאָיער, אָדער אין דער ס. ל. פּ. אין די גוטע אַל־טע צייטען. יעדער יעזואיט איז געווען א שטאַט־שרכן, ווי אין קאַמפּאַנעללאַ'ס „שטאַט פון דער זון“: צו זעכצען יאָר האָט יעדער בחור געמוזט חתונה האָבען, יעדע מיידעל צו 15 יאָר. צי חתן־כלה זיינען איינער דעם אנדערען געפעלען געווען, האָט מען ניט פּעגרעגט. די יעזואיטען האָבען די גוּאַראַנים געלערנט לעזען, שריי־בען און רעכענען. שפּאַניש לערנען האָט מען ניט געטאָרט, כדי די גוּראַנים זאָלען ניט באַקאַנט ווערען מיט דעם איבעריקען טייל פון דער וועלט. די קאָלאָניעס זיינען בכיון געגרינדעט געוואָרען טיף אין דעם אינערען טייל פון לאַנד, ווייל ביים ים וואָלט מען דעם פאָלק ניט געקענט איינהאַלטען פון אומגאַנג מיט אנדערע מענ־טשען. קיין אויסלענדער האָט מען ניט אריינגעלאָזען. די גוּאַראַנים

האבען מורא נעהאט פאר די יעזואיטען און האבען זיי נעפאלגט. ווייטער, פארשטעהט א ווילדער פאלק ווייניק פון אבסטראקטע פרייהייט, ווי געדאנקען־פרייהייט, רעדע־פרייהייט א. ז. וו. אפילו מער ציוויליזירטע מענטשען, ווי מיר ווייסען, זיינען אין דערין ניט גאנץ קלאר! די פרייהייט וואס א ווילדער פארשטעהט איז פרייהייט ניט צו ארבייטען און פרייע ליבע. דיעזע פרייהייטען האבען די יעזואיטען ביי זיי אוועקגענומען. וואס אנבאטרעפט ליבע, האבען די גואראנים בשתיקה די יעזואיטען גענארט. זיי פלעגען אפט אנטלויפען מיט פרעמדע ווייבער, אדער מיט פרעמדע מענער און פלעגען זיך יאוועט אין אן אנדער קאמונע, וואו מען פלעגט זיי מוזען צונעמען. פון ארבייט האבען זיי נאטירליך ניט געקענט אנטלויפען, ווען זיי האבען געוואלט עסען זאט. און זאט זיינען זיי געווען. אזוי איז דער יעזואיטישער שטאט באשטאנען ביז 1752, ווען נאך א קריג צווישען שפאניען און פארטוגאל, איז פאראגוואיי אפגעטראטען געווארען צו פארטוגאל. די יעזואיטען האבען געוואלט בלייבען אונאפהענגיק און האבען ארגאניזירט אן אויפשטאנד. זיי זיינען אבער אונטערדריקט געווארען. מען האט זיי פארטריבען פון פאראגוואיי. אן זיי זיינען זייערע קאמונעס באלד צופאלען, אלעס איז געגאנגען קאפויר און די גואראנים זיינען ווייטער האלב־ווילדע געווארען.

דער שטורץ פון דעם יעזואיטישען שטאט איז געווען ניט מער ווי א צופאל, אזוי ווי זיין גרינדונג איז געווען דער רעזולטאט פון צופעליקע אומשטענדע*). דאך אבער קען מען פון עם פיל לערנען. ערסטענס באווייזט ער, אז דער קאמוניזם איז גאנץ גוט פאראיינבאר מיט דעם קריסטענטום, אפילו מיט דעם קאטאליציזם: ביז וואנען מיר וועלען נאך האבען א פרייגעזאגנע סאציאליסטישע „געזעלשאפט" (שטאט טאר מען דאך ניט זאגען), האבען שוין די יעזואיטען נעהאט א סאציאליסטישע „געזעלשאפט". ווייטער באווייזט דער יעזואיטישער שטאט, אז דער קאמוניזם קען גאנץ גוט אויסקומען אן פרייהייט, מיט א רעגירונג פון גלחים, ווי רוים בעפאר 1870.

---

*) אין דער געשיכטע, מיינע העררן, טרעפען זיך פילע זאכען, וואס זיינען ניט מער ווי א צופאל.

מיר הערעו אויף יעדען שריט און טריט, אז די אורזאכע פון דער קלאסען־הערשאפט איז דער פריוואט־איינענטום אויף די פראָ־דוקציאָנס־מיטלען, די אויסבייטונג און די לוין־שקלאפעריי. אז עס וועט אָפּגעשאפט ווערען דער פּריוואט־איינענטום אויף פּראָדוק־ציאָנס מיטלען און די לוין־שקלאפעריי, מוז פארשווינדען פון זיך אליין יעדע קלאסען־הערשאפט און יעדע אונטערדריקונג און עס מוז קומען א צייט פון פרייהייט און גלייכהייט.

אין פאראגוואיי איז דער פּריוואט־איינענטום אָפּגעשאפט גע־ווען. די יעזואיטען האָבען ניט אויסגעבייטעט די גואראנים. קיינער באשולדיקט זיי אין דארין ניט. זיי האָבען טאקע ערנסט געזאָרגט פאר דעם וואוילטאָג פון די גואראנים. קיין לוין־שקלאפעריי איז דאָרטען ניט געווען, און פאָרט איז דאָרט באשטאנען א הערשענדער קלאַס — די יעזואיטען גופא. עס איז זעהר ווערט דאָס צו באַ־טראכטען.

ד ר י ט ע ר   ק א פ י ט ע ל:

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע.

אום קלאָר צו פארשטעהן די ענטוויקעלונג פון דער סאָציאַליס־טישער אידעע אין דעם 19טען יאָרהונדערט, מוזען מיר זיך אפּשטעלען אויף דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

איינע פון די ריכטונגען אין דעם היינטיקען סאָציאַליזם איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע איז ענטשטאַנען אַרום דער צייט פאַר דעם וואוילטאָק פון די גוואַראַנים. קיין לוין־שקלאַפעריי איז פון דער רעוואָלוציע פון 1848 דורך אַ פאַרשמעלצונג פון דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע מיט דעם סאָציאַליזם, און די ענטוויקעלונג פון דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע איז ענג פאַרבונדען מיט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אונטער די דיינקענדע מענטשען פון דעם אכצענטען יאָרהונדערט קען מען אונטערשיידען צוויי הויפּט ריכטונגען: די ליבעראַלע און די דעמאָקראַטישע. שפּעטער איז צווישען די צוויי ריכטונגען געמאַכט געוואָרען אַ קאָמפּראָמיס, — די ליבעראַלע־דעמאָקראַטיע. זיי זיינען אָבער פּאַרט גרונד פאַרשידען. היינט צו טאָג האָט זיך דער ליבעראַליזם ענטוויקעלט צום אינדיווידואַליסטישען אנאַרכיזם און פון דער דעמאָקראַטיע איז אויסגעוואַקסען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דער קאָמוניסטישער אנאַרכיזם פּרובירט היינט צו מאַכען אַ קאָמפּראָמיס צווישען דעם סאָציאַליזם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דעם זאָגענאַנטען „פילאָסאָפישען אנאַרכיזם“. פּונקט אַזוי ווי מיט אַ הונדערט יאָר צוריק האָבען זיינע פאָרגענגער פּרובירט צו מאַכען אַ קאָמפּראָמיס צווישען דעמאָקראַטיע און ליבעראַליזם.

יעדער חדר־אינגעל פון סאָציאַליזם וועט אייך גאַנץ קלאָר דערצעהלען, אַז דער סאָציאַליזם איז מיט'ן אנאַרכיזם ווי פייער מיט וואַסער. דאָס איז אפשר ריכטיק און אפשר ניט, אָבער ווען יע, טו באַווייזט דאָס נ ט ~ער, אַז די דעמאָקראַטיע לייגט זיך ניט צוזאַמען מיט'ן ליבעראַליזם. פון די אַלע אַרגומענטען, וועלכע מען ברייינגט היינט צו טאָג צו באַווייזען, אַז צוואווישען דעם סאָציאַליזם און דעם אנאַרכיזם איז קיין קאָמפּראָמיס ניט מעגלאָך. — פון די

אלע ארגומענטען איז קיין איינציקער ניט ניי: מען חזר'ט נאר איבער די אלטע טענות פון דעם גענענזאץ צוואווישען ליבעראליזם און פאליטישע דעמאקראטיע.

דער ליבעראליזם פארלאנגט אונבאשרענקטע פרייהייט פאר'ן יחיד — „ווי ווייט מעגלאך". ער רעכענט זיך מיט'ן פאקט, אז איין מענטש וואלט דעם אנדערען אין א לעפעל וואסער דערטרונקען, און דערפאר איז די געזעלשאפט געצוואונגען צו באשריינקען די פרייהייט פון דעם יחיד. דאס איז אבער פון דעם ליבעראלען שטאנדפונקט א צרה, פון וועלכער מען קען דערווייילע נאך ניט פטור ווערען. דאך מוז מען פרובירען די צרה צו פארמינדערן ווי ווייט עס לאזט זיך. די בעסטע רעגיערונג, זאגט דזשעפערסאן, איז די וועלכע רעגירט וואס ווייניקער. דער אידעאל איז אין גאנצען אויסצוקומען אן א רעגירונג: „אן נאטשאלסטווע איז דאך פארט בעסער", ווי דער רוסישער סאטיריקער סאלטיקאוו זאגט.

דער ליבעראליזם איז געווען א פראטעסט נעגען די אונבאשריינקטע מאנארכישע רעגירונג. די דעמאקראטיע אים נעגענטייל, האט גארנישט ניט אויסצוזעצען נעגען דעם פרינציפ פון א שטארקע רעגירונג. זי פארלאנגט נאר עס זאל זיין א פאלקס־רעגירונג. דער נביא פון דעמאקראטיע אין אכצענטען יארהונדערט איז געווען רוסא, אין זיין ביכעל, „דער געזעלשאפטליכער קאנטראקט", בויט ער די געזעלשאפטס־ארדנונג אף דער אונבאשרענקטער מאכט פון שטאט, נאר אפ'ן פלאץ פון דעם קיסר שטעלט ער „דאס פאלק". די תורה פון דער אונבאשרענקטער מאנארכיע איז, אז דער קיסר קען ניט טאן קיין רעה. ביי רוסא קען „דאס פאלק" ניט טאן קיין רעה. וואס הייסט איינענטליך, אז „דער קיסר קען ניט טאן קיין רעה?" דאס איז ניט קיין פראסטע חניפה: יעדער איינער פארשטעהט, אז דער קיסר איז ניט מער ווי א מענטש און קען א מאל אויך טאן אן עולה. אבער דא רעט מען ניט וועגען פערזענליכע האנדלונגען: דער קיסר אלס קיסר קען ניט טאן קיין רעה. אין דער אמת'ן, וואס הייסט א רעה אין דעם געזעצלאכען זין? דאס וואס איז נעגען דעם געזעץ. היינט ווער מאכט דעם געזעץ? דער קיסר. דער געזעץ איז דעם קיסר'ס ווילען. דאס הייסט, אז אלץ וואס ער טוט איז געזעצלאך. און עס איז עם פשוט אונמעגלאך צו באגעהן אן אונגעזעצלאכע האנדלונג. אלזא אין דעם געזעצלאכען זינן קען ער ניט טאן קיין רעה.

היינט שטעלט אריין אומעטום דעם וואָרט „פאָלק" אנשטאט
קיסר. וואָס וועט ארויסקומען ? דער ווילען פון פאָלק איז געזעץ, דער
פאָלק אלזאָ קען ניט טאָן קיין רעה. ווי די מאכט פון קיסר איז
אונבאשריינקט, אזוי איז די מאכט פון פאָלק אונבאשריינקט. דער
קיסר האָט דאָס רעכט איבער דעם לעבען און טויט פון זיינע אונ־
טערטאָנען — אזוי האָט אויך דער „סואווערענער פאָלק" דאָס רעכט
איבער'ן לעבען און טויט פון יעדען איינציקען. „סואווערען" הייסט
קיינעם ניט אונטערטעניק, דער קיסר איז „סואווערען" אזוי אויך
דער פאָלק. דער סואווערעניטעט פון קיסר איז אונטיילבאר: דער
קיסר קען ניט אפטרעטען אימעצען א ברעקעל פון זיין מאכט, ווייל
ווען ער טרעט יע אָפּ, איז ער דאָך שוין ניט קיין פאָלנער קיסר, איז
ער שוין אין געוויסע זאכען אונטערטעניק צו אן אנדערענס ווילען,
דאָס הייסט דער באגריף פון אן „אונבאשריינקטען קיסר" ערלויבט
ניט ער זאָל זיך מיט אימיצען צוטיילען מיט זיין מאכט. אזוי איז
אויך ביי רוסאָ דער „פאָלקס־סואווערעניטעט" אונטיילבאר. דאָס
הייסט עס איז ניטאָ קיין איינציקע זאך אין וועלכער עס זאָל ניט
הערשען דער ווילען פון פאָלק.

איז פרייהייט מעגלאָך אונטער דער אונבאשריינקטער הער־
שאפט פון „פאָלק ?" רוסאָ ענטפערט אויף דעם: יע. ער באווייזט
עס אף א זעהר נאאיווען ארט. דער פאָלק, מאכט ער, איז די רע־
גירונג, אלזאָ, דער פאָלק רעגירט זיך אליין. על־כן וואלט דער פאָלק
געדארפט זיך אליין אונטערדריקען. נו, קען אימיצער זיך אליין
אונטערדריקען ? הייסט דאָס, אז א פאָלקס־שטאט איז נויטיקער־
הייט א פרייער שטאט.

עס איז שוין אָ לאנגע צייט אוועק זינט די פּאָליטישע וויסענ־
שאפט האָט איינגעזעהען די פאלשקייט פון דעם ארגומענט. עס האָט
אָבער באדארפט טייכען בלוט צו באווייזען, אז דעמאָקראטיע און
פרייהייט זיינען צוויי זעהר פארשידענע זאכען.

דער „פאָלק" קען זיך אליין ניט אונטערדריקען. דאָס איז אמת,
אָבער ער קען אונטערדריקען דעם איינצעלנעם בירגער, אָדער די
מינאָריטעט. און ביז אהער איז דער גאנצער פראָגרעס שטענדיק
געוועזן די ארבייט פון דער מינאָריטעט. יעדע פראָגרעסיווע אידעע
וויל עפּעס איבערבייטען, איינפירען עפּעס נייעס אנשטאט פון דעם
אלטען. פון אנהויב געפינט זיך נאָר א קליין הייפעלע מענטשען וואָס
פארשפרייטען די נייע אידעע. די מאיאָריטעט פון דער מענטשהייט

זיינען ענטוועדער צו פויל צו דיינקען, אדער זיי זיינען פשוט תמ׳עוואטע. פון דער אנדער זייט זיינען אבער פאראן אזעלכע וואס ווילען קיין נייסען ניט, ווייל עס לוינט זיי ניט. די פוילען זיך ניט צו דיינקען, און הגם זיי זיינען אויך גרעסטענטיילס תמ׳ע־וואטע, האבען זיי אבער גענוג שכל צו שרייען „קאראול!“ אין א דעמאקראטיע האט „דער פאלק“, דאס הייסט די תמ׳עוואטע מאיא־ריטעט, דאס רעכט צו אונטערדריקען די פארטשריטלאכע מינארי־טעט. דעסהאלב קען א דעמאקראטיע זיין ניט נאר דעספאטיש, אבער אויך רעאקציאנער.

די ביסעל פרייהייט וואס די מענטשהייט האט ביז אהער ער־ווארבען באשטעהט אין דערין, וואס דער שטאט טאר זיך אין געוויסע זאכען ניט מישען.

רעליגיעזע פרייהייט הייסט אז דער שטאט נעמט זיך ניט אן פאר גאט׳ס קריוודע : איר מעגט דאווגען אדער ניט, עסען פליישיקס מיט מילכיקס, דער שטאט מישט זיך אין דערין ניט.

פרעס־פרייהייט הייסט, אז דער שטאט מישט זיך ניט אריין אין רעדאקציאנעלע זאכען : איר מעגט זיין געגען די פלאטפארמע פון דער רעפובליקאנישער פארטיי, אדער געגען די טאקטיק פון דער דעמאקראטישער פארטיי, איר מעגט ניט נאר קריטיקירען מיט דרך ארץ דעם פרעזידענט, אבער אפילו מאכען פון עם אש און בלאטע, דער שטאט שווייגט, עס איז ניט זיין דאגה.

רעדע־פרייהייט באשטעהט אין דערין, אז איר מעגט אנריידען אויף דער רעגירונג כל דבר אסור, — דער שטאט האט קיין רעכט ניט איבערצוגעבען אף א רעפערענדום וואוט די פראגע, צי איר מעגט זאגען אזעלכע זאכען און בלייבען א בירגער, אדער ניט.

צי דער שטאט איז א מאנארכיע אדער א רעפובליק מיט יחיד מעג טאן ווי עס געפעלט און די נאטשאלסטווע טאר זיך ניט מישען. צי דער שטאט איז א מאנארכיע אדער א רעפובליק מיט א פארלאמענט אדער מיט א רעפערענדום וואוט, איז אלץ איינס : די פראגע איז ניט ווער וועט אייך נעמען פאר׳ן קארק, א סישטשיק פון דער אכראנקע, אדער א סיסטשיק פון דעם רעוואלוציאנערען „קאמיטעט פון עפענטליכע זיכערקייט“. — פרייהייט באשטעהט

אין דערין איר זאָלט מעגען ריידען און שרייבען און לאַכען און רער שטאַט זאָל אייך אין גאַנצען ניט טשעפּען.

דער נעגענזאַץ צווישען פאָלקס־הערשאַפט און פרייהייט האָט זיך בולט ארויסגעוויזען, ווען די רעוואָלוציע האָט איבערגעגעבען די רעגירונגס־מאַכט אין די הענט פון די תלמידים פון רוסאָ, און זיי האָבען זיך גענומען אַנצואווענדען זיין טעאָריע אין דער פּראַקטיקע.

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז א זעהר קאָמפּליצירטע ערשיינונג. עס האָבען אין איר אנטייל גענומען פאַרשידענע קלאַסען פון דעם פראַנצויזישען פאָלק, פאַרשידענע מענטשען מיט פאַרשידענע אינטערעסען און געדאַנקען. אין א קורצער צייט פון עטלאַכע יאָר האָט מען איבערגעקערט קאַפּויר די גאַנצע אַלטע וועלט: רעליגיע, טראָן, יחוס, איינענטום, געזעץ, פּאָליטיק — אַלץ. דריי הונדערט יאָר האָט מען זיך געקליבען, אז מען האָט זיך שוין אָבער צוגעקליבען, האָט מען אויסגעשאַיערט דעם גאַנצען ברוד מיט א מאָל, אין געוועהנלאַכע צייטען אין יעדער פּאַרטאָן אין זיינע אייגענע געשעפטען און וויניק ווער דאַנה׳ט איבער קהל׳שע עסקים. פאַמעלינקע שלעפּט זיך דער מענטש ווי אן אקס אין יאָך זיין גאַנצען לעבען און פאַרזאָגט זיינע קינדער און קינדס־קינדער זיי זאָלען ווייטער שלעפּען דעם יאָך ווי זייערע טאַטעס און זייערע זיידעס האָבען געשלעפּט. און אַזוי ציט זיך דאָס פון טאָג צו טאָג, מדור לדור. די „געשיכטע" ווערט געמאַכט פון אויבען, אין די הויכע פענצטער. אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אבער האָט זיך אויף א גאַנץ קורצע צייט אויפגערודערט דער גאַנצער עולם. אויף א ווייַלע האָט יעדערער גענומען א דעה אין קהלשע זאכען. און דערפאַר האָט זיך פונוד ער רעוואָלוציע געמוזט אויסלאָזען דאָס וואָס האָט ענטשפּראָכען דעם שכל פון דעם גאַנצען פאָלק.

דער פאָלק איז דאַמאָלס געווען „דער דריטער שטאַנד" (סאָסלאָוויע, אף רוסיש) — די ערסטע צוויי שטענדע זיינען געווען די פּריצים און די גלחים. דער דריטער שטאַנד איז באַשטאַנען פון סוחרים און בעלי מלאכות און א קליין ביסעל קאַפּיטאַליסטען. די פויערים האָט מען ניט גערעכענט, ווייל זיי זיינען ניט געווען פריי, קיין פּראָליטאַריאַט אין היינטיקען זין, דאָס הייסט קיין אַרבייטער־פּראָלעטאַריאַט אלס א באַזונדערער קלאַס, האָט זיך נאָך ניט געהאַט ענטוויקעלט. ס׳איז געווען א „לומפּען־פּראָלעטאַריאַט", די

„סאנקולאטען“, (די טרעמפס אף ענגליש, די באסע קאמאנדע, אף רוסיש). דאס זיינען געווען מענטשען, וואס האבען זיך אפגעשלאגען פון די פויערים און פון די מיעשטשאנעס „בורזשוא“, און האבען זיך ערגעץ ניט צוגעשלאגען. זיי זיינען געווען צונויפגעקליבען אין די גרויסע שטעט, זיי האבען גענומען אן אקטיווען אנטייל אין אלע רעוואלוציאנערע קעמפפע, זיי האבען אויך געפאדערט און אונטערשטיצט די ווילדעסטע אכזריות פון דער רעוואלוציע. אבער דער פראלעטאריאט איז געווען סך הכל א קליינער הויפען. די פראלעטאריער האבען איינגענומען די פראנצויזישע פעטראפאוולאווסקי קרעפאסט, די באסטיליע, אבער דער פראלעטאריאט אלס קלאס איז נאך געווען צו קליין און אונבאדייטענד אום צו פראפיטירען פון דער רעוואלוציע. זי איז צוניץ געקומען דעם „מיטעלקלאס“, דאס הייסט, ריכטיק געזאגט, די פויערים, די סוחרים און די קליין ביסעל קאפיטאליסטען וואס האבען דאמאלס עקזיסטירט. אז זיי זיינען באפרייט געווארען, זיינען זיי ווייטער שטיל געווארען, פון דעם קעניגליכען און פעאדאלען (פריוויל־ציישען) דרוק, און די רעוואלוציע איז געקומען צו אן ענד. די פויערים האבען אויסגעפירט, אז די לאנד פון זייערע פריהערע פריצים איז געבליבען ביי זיי און אין די שטעט האבען די קאפיטאליסטען באקומען א פרייע האנט. די נייע ארדענונג פון געשעפט און איינענטום איז געזעצלאך פעסט־געשטעלט געווארען דורך נאפאלעאנ׳ס געזעצבוך. דאס איז דער באלאנס, וואס בלייבט, אז מען באדעכענט די הכנסות און די הוצאות פון דער רעוואלוציע.

די פויערים אן וועלכע עס וואלט קיין מאל ניט געלונגען צו שטירצען די מאנארכיע זיינען געווען ניעגראמאטנע און האבען פון די אידעען פון רוסא גארנישט ניט געהערט, די קאפיטאליסטען האבען פון דיזע אידעען קיין מאל ניט געהאלטען. דער פאריזער פעבעל איז אזוי לייכט איבערגעגאנגען פאר הונדערט יאר צוריק פון „עס לעבע די רעוואלוציאן“ צו „עס לעבע נאפאליעאן“, ווי היינט פאר אונדזערע אויגען, פון „עס לעבע די רעפובליק“ צו „עס לעבע דער צאר“.

פון די יעניקע וועלכע זיינען פון אנפאנג רעוואלוציע באגייסטערט געווען פאר „פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלאכקייט“, זיינען מערערע געווארען סקעפטיש און פעסעמיסטיש. פאר וואס? קוקט זיך ארום אונטער די עלטערע אידישע סאציאליסטען אין אמעריי־

קע, וואס האבען איבערגעלעבט די פארטייי, מחלקות פון די לעצטע צוואנציק יאָר, דעם נעגנזייטיקען האס די גענענזייטיקע פּעראַכ־טונג און רכילות — וויפיל פון אייערע בעקאנטע זיינען ביז צו אזא גראד איינגעעקעלט געוואָרען פון דעם שמוץ, אז זיי האבען זיך צוריקגעצויגען פון דער באוועגונג אין גאנצען ? און סך הכל האט זיך דער גאנצער שטרייט געפירט מיט'ן מויל. היינט שטעלט זיך פאָר, וואס פאר אן עקעל עס האט נעדארפט נעמען די מענטשען וואס האבען ביינעוואהנט די פראנצויזישע רעוואָלוציע ווען אנשטאט דער פאפירענער „זעג“ (באזו'סא) פון רעליאן'ס פארטיי האט גע־ארבייט די גיליאטינע ? די טאקטיק איז נעווען פונקט די זעלבע. אין נאמען פון פאלק, דעמאקראטיע, האט מען געשניטען קעפּ פון „פארעטער“. צווישען די „פארעטער“ זיינען געפאלען אונטער דער גיליאטינע די טרייסטע אנהיינגער פון דער רעוואלוציע, ווי קאַ־מיל דעמולען וועלכער איז נעווען דער פירער פון דעם פאריזער פאלק אין דעם אויפשטאנד נעגען די מאנארכיע, אנארס'ס קלאַץ, א דייטשער ענטוזיאסט, וועלכען דער קאָנוועגט האט געמאכט פאר אן ערען־בירגער פון דער פראנצויזישער רעפובליק, עבער, איינער פון די ערסטע אנארכיסטען א. אז. וו.

פריהער האט מען געקוילעט די געמעסיקטע רעפּובליקאנער, (די זשיראנדיסטען). דערנאָך האט מען זיך גענומען איינער דעם אנדערען קוילענען, פונקט אזוי ווי אין דער ס. ל. פּ. אימער האט אזא מערדער־פאליטיק ניט געקענט דויערען. מאַרא, איינער פון די בלוטדורסטיקסטע ווילדע חיות פון יענער בלוטיקער צייט, איז גע־פאלען דער ערסטער, דערשטאָכען פון א נאבעלער מיידעל, שארלאָט קארדעי, אן ענטוזיאסטישע רעפובליקאנערין, וועלכע האט אויפגע־אפפערט איר יונגען לעבען צו באפרייען דעם פאלק פון א טיראַן. ראבעספיער, וועלכער האט אויסגעקוילעט אלע זיינע מיטהעלפער אין דעם קאפּ־שניידער האנט־ווערק איז ענדלאָך געקוילעט געוואָרען פון זיינע נעוועזענע אנהיינגער. דער פאלק וואס האט געמאכט א רעוואלוציע געגען א דעספּאָטישע מאנארכיע, האט געקראגען א דעספּאָטישע דעמאקראטיע מיט א רעוואלוציאנערען „רינג“ און א רעוואלוציאנערען „באס“ בראש. איין באס איז געפאלען, אויף זיין שטעל איז אין קורצען געקומען אנאנדערער — נאפּאלעאָן.

בעת איך בין נאָך געווען א חדר אינגעל און האב אנגענומען די אלע רעוואלוציאנערע פראזען פאר אן אמת'ע מטבעה, האט זיך

ביי מיר ניט געלעגט אין קאָפּ, ווי אזוי איז דאָס געקומען, אז דער זעלבער פאָלק, וואָס איז אַזוי באגייסטערט געוואָרען פאר פריי־ הייט, איז מיט דער זעלביקער באגייסטערונג געפאלען כורעים פאר נאפּאָלעאָנ'ען. אבער, אז איך זעה ווי מער אָדער ווייניקער אינ־ טעליגענטע מענטשען, וואָס האלטען זיך פאר די גרעסטע דעמאָקראַ־ טען, בוקען זיך פאר א דעליאָן, אָדער א בראנדייס, וועלכער איז דאָך ניט מער ווי א קארליק אין פארגלייך צו נאפּאָלעאָנען, טו ווערט מיר די מעשה קלאָר די פראנצויזען האָבען אמת אנען, טו ווערט מיר די מעשה קלאָר. די פראנצויזען האָבען אמת געליבט נאפּאָלעאָנען, ווי די דעליאָניסטען האָבען געליבט און גע־ אכטעט דעליאָנען. אמת, נאפּאָליעאָן האָט געטראָטען מיט די פיס דעם פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיע, אבער דאָס זעלבע האָט געטאָן דע־ ליאָן, און די ס. ל. פּ. האָט פאר עס אלע מאָל געפונען א תירוץ. דער אמת איז, אז דער מענשהייט געפעלט נאָך עד היום א מאָנארכי. דער שטורין פון איין מאָנארכישער רעגירונג ברייננט אַן אנדערע, אַן דער שטעלע פון לודוויג דעם זעכצענטען קומט אַן ראָבעספּיער אָדער נאפּאָליעאָן, אַן דער שטעלע פון דעם ענגלישען קעניג ווערט קעניג מוירפּי פון טעמעני־האָל. אַן דער שטעלע פון קייזער וויל־ העלם אָדער דעם ליבאוועצער רבי'ן, קומט דניאל דעליאָן, אָדער לואי ד. בראנדייס.

עס איז נאָך א גרויסע פראגע, אויב זינט נאפּאָלעאָן איז גע־ וואָרען אימפּעראַטאָר איז אין פראנקרייך געוואָרען ווייניגער פריי־ הייט איידער אונטער ראָבעספּיערען.

דער אונטערשיד איז באשטאנען נאָר אין דערין, וואָס אונטער נאפּאָליאָנען האָט דער דעספּאָטיזם אראָפּגעוואָרפען די מאסקע פון רעפּובליקאַנער „אידעאָלאָגיע" דער וואָרט אידעאָלאָגיע שטאמט טאָקי פון נאפּאָלעאָנען גופא. ער האָט דעם וואָרט אויסגעטראַכט צו באצייכענען יעדע פּאָליטישע טעאָריע, וועלכע האָט פאַראורטיילט זיין רעגירונגס־סיסטעם אים נאָמען פון דעמאָקראטישע פּרינציפּען. די „אידעאָלאָגיע" האָט ער טיף פאראכטעט און אים גרונד גענומען איז ער געווען גערעכט. וואָס האָבען די פארטיידיקער פון די „פּרינ־ ציפּען פון 1793" געקענט געגען עס אויסזעצען? אין 1793 האָט מען דק נעהאט אין מויל „פרייהייט, גלייכהייט, און ברידערלאכקייט", מען האָט פארשפּארט אין טורמע אים נאָמען פון „פרייהייט", מען האָט שפּיאָנירט און גע'מסר'ט אים נאָמען פון ברידערלאכקייט, די גלייכהייט איז געווען גלייכהייט פאר דער גיליאָטינע. דער גרעסטער

אומנליק איז באשטאנען אין דערין, וואס דאס זיינען אלץ געווען אין פריוואט־לעבען ערלאכע לייט און האבען טאקע געמיינט די טובה פון פאלק. די ערגסטע טיראנען זיינען אימער די איבערצייגטע פאנאטיקער, ווייל זיי שרעקען זיך ניט אפ פאר קיין נידערטרעכטיקייט צוליעב זייער „אידעאל“.

א בארעכטיקונג פאר זייער טאקטיק פון אונטערדריקונג האבען די רעוואלוציאנערען פון 1793 נעפונען אין דערין, וואס „די פארטיי פון דער רעוואלוציע איז א קעמפפענדע פארטיי“. אנטקעגען איר שטעהען פערבונדענע אלע שונאים פון פאלק. אין א קריג באדארף מען איינעקייט. אין דער צייט פון קריגס־צושטאנד קריטיקירען די פירער אדער די פירונג פון קריג, הייסט אפשוואכען די ארמעע און העלפען דעם שונא. און דאס הייסט פעראט. נאך דעם קריגס־רעכט ווערט א פארעטער באשטראפט מיט'ן טויט.

משפט'ן היינט די רעוואלוציאנערען פון 1793 איז איבעריק. זיי זיינען שוין אלע לאנג טויט. אבער זייער טאקטיק און איר באגרינדונג לעבען נאך. דעם דעספאטיזם אין דער ס. ל. פ. האט מען פארענטפערט פונקט מיט די זעלבע תירוצים. די דיסציפלין אין דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטיע ווערט אויך ערקלערט דורך די זעלבע גרינדע: „די סאציאל־דעמאקראטיע איז א קעמפפענדע פארטיי א. ז. וו.“ מען האט געהערט די רייד אין 1891 אין דער אפאזיציע פון די „יונגע“ אין דייטשלאנד און זינט דעם אלע מאל, ווען עס האט זיך אויפגעהייבען ערגעץ אן אפאזיציע אין דער פארטיי*). די צילען האבען זיך געביטען. די סאציאל־דעמאקראטיע פארפאלגט היינט צו טאג אנדערע צילען, ווי די רעוואלוציאנערען פון 1793. די פראנצויזישע רעוואלוציאנערען האבען זיך נעשטעלט אנאנדער אויפגאבע איידער די פראנצויזישע מאנארכיע, אבער אין איין פונקט זיינען זיי אלע איינשטימיק, נעמליך, אז אונטער געוויסע אומשטענדען איז אונבאשרענקטע פרייהייט שעדלאך פאר די אינטערעסען פון פאלק, און מוז דעריבער באשרענקט ווערען. פון דעם שטאנדפונקט פון א בורבאן אדער א ביס־

*) דאס איז געשריבען געווארען אין 1902, די לעצטע פאסירונג אין דער סאציאל דעמאקראטישער רייכסטאגספראקציאן זיינען גאר קיין נייעס נים.

מארק איז א שטארקע רעגירונג אונמעגלאך, ווען יעדער מעג איר פריי בעאורטיילען. א יאקאבינער אדער א דייטשער סאציאל־דעמאקראט דיינקט אויף פונקט אזוי : א שטארקע ארגאניזאציע הייסט נאך זיין מיינונג נאך, אן ארגאניזאציע מיט א סאלדאטסקע דיסציפלין, וואו יעדער אויספאלניאיעט דעם פריקאז : „מאל־טשאט אי ניע ראסוזשדאט !“.

צו דער זעלבער צייט שטעהט דער גלויבען אין קיין שום ווי־דערשפרוך ניט מיט דער דעמאקראטי פון רוסא : די מאכט פון „פאלק“ איז אונבאשרענקט, ווען דער „פאלק“ געפינט פאר נייטיק איינצושריינקען די פרייהייט פון איינצעלנע פערזאנען, האט ער פאלקאם רעכט דאס צו טאן.

וואס עס איז ערלויבט א „קאמיטע פון עפענטליכער זיכער־הייט“, וועלכע איז ערוועהלט פון א פארלאמענט, איז נאטירליך ערליובט א צעזאר, וועלכער איז ערוועהלט געווארען דורך דעם וואוט פון פאלק. די יאקאבינער האבען אלזא, צוגעגרייט דעם גרונד פאר דעם באנאפארטיזם.

נאך דעם שטורץ פון די יאקאבינער האט מען אויפגעאטעמט אביסעל פרייער אין פראנקרייך : מען האט אויפגעהערט צו ציטע־רען פאר'ן לעבען, פאר רעוואלוציאנערע פיסקאלען, רעוואלוציא־נערע זשאנדארען, רעוואלוציאנערע תליונים, און די בעגייסטערונג פאר דעמאקראטיע האט גענומט נעמען א סוף. מען איז געווארען גלייכגילטיק צו אלע פארמען פון פאליטישע איינריכטונגען. צו דיזער צייט געהערט דער אנהויב פון דער סאציאליסטישער באווע־גונג פון דעם 19־טען יארהונדערט. פארשטעהט זיך, האט זיך אין די סאציאליסטישע טעאריעס אפגעשפיגעלט די פאליטישע גלייכגילטיקייט פון יענער צייט.

פערטער קאפיטעל:
די אוטאָפּיסטען.

סען־סימאָן און די סען־סימאָניסטען.

צווישען די „פּערעטער“, וועלכע זיינען פאַרשפּאַרט געוואָרען אין טורמע אין פּאַריז אונטער דעם טעראָר פון 1793 האָט זיך געפונען דער צוקונפטיקער גרינדער פון דעם פראַנצויזישען סאָציאַליזם, סען־סימאָן. אין וואָס איז בעשטאַנען זיין פאַרברעכען קען מען ניט דערגעהן פון דער געשיכטע. צו יענע צייטען ווי אין רוסלאַנד אונטער די גענעראַל־גובערנאַטאָרס אין די צייטען פון דער רעוואָלוציע האָט מען געכאַפּט מענטשען רעכטס און לינקס, און עס איז גאָר קיין צייט ניט געווען צו פירען וועגען יעדען איינעם א סליעדסטווע.

סען־סימאָן איז געווען א גראף, און האָט געשטאַמט פון דער קעניגלאכער פאַמיליע. ער האָט אָבער געהאַט פאַר לערער די פראַנצויזישע אויפקלערונגס־פילאָסאָפען פון דעם אכצעגטען יאָר הונדערט און איז שוין פון קינדהייט אָן געווען אָפּאָזיציאָנעל געשטימט. אז ער איז געוואָרען דרייצען יאָר, האָט ער געזאָגט זיין פאָטער, אז ער גלויבט ניט אין דער קאטאלישער אמונה. זיין פאָטער האָט עם אריינגעזעצט אין טורמע, אָבער ער איז פון דאנען אַנטלאָפען. אז ער איז געוואָרען 16 יאָר האָט אמעריקע זיך ערקלערט אוּנאָפּהענגיק (1776). אין 1778, אז עם איז געגאַנגען דער ניינצענטער יאָר, איז ער אוועק מיט לאַפּאיעטען קיין אמעריקע און האָט פינף יאָר געקעמפּפט אלס וואָלאָנטיר פאַר אמעריקאנער אונאָפּהענגיקייט. ווען עס האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע אין פראַנקרייך איז ער אלט געווען 29 יאָר. נאַטירליך איז ער געווען באַגייסטערט פאַר דער רעוואָלוציע. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין גראַפסקען טיטול. דורך די רעוואָלוציע איז ער געוואָרען אָן ערעמאַן, אָבער ער איז געבליבען איבערגעבען צו די דעמאָקראַטישע פּרינציפּען, און ווען זיינע געוועזענע פּויערים, האָבען עם געוואָלט ערוועהלען פאַר מעיאָר, האָט ער זיך ענטזאגט מיט דער ערקלערונג, אז נאָך זיין מיינונג נאָך דאַרפען די פּויערים קיין אריסטאָקראַט ניט וועהלען פאַר קיין אַמט. דאָס אַלעס אָבער האָט ניט געשטערט דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג עם צו אריסטירען אלס א שונא פון פאָלק. וואָס פאַר אַן איינפלוס דאָס האָט אויף עם געמאַכט

בשעת־מעשׂה, וועגען דעם שווייגען זיינע ביאָגראַפיעס. איין זאַך ווייסען מיר אָבער, אז אין זיין סאָציאַליסטישען סיסטעם ערשיינט ער

אַלס געגנער פון דעמאָקראַטיע און רעוואָלוציאָן.

סען־סימאָן איז איינער פון די גרעסטע דיינקער פון דעם 19־טען יאָרהונדערט. נאָך היינט צו־טאָג, דאָ אין אמעריקע, קען מען זעהן ווי שאַרפזיניק איז געווען זיין בליק אין די צוקונפט. דעם געגענשטאַנד וועל איך נאָך באַהאַנדלען אין א וויטערען קאַפּיטעל.

דער איינפלוס פון סען־סימאָן אויף דעם גייסטיקען לעבען פון פראַנקרייך אין דער ערסטער העלפט פון דעם ניינצעגטען יאָרהונדערט איז געווען ניט קלענער איידער דער איינפלוס פון קאַרל מאַרקס וועהרענד די לעצטע פופציק יאָר. די אידעע אויסצוגראָבען די קאַנאַלען פון סועץ און פּאַנאַמאַ שטאַמט פון עם, און דער בארימטער פראַנצויזישער אינזשיניער לעסעפּס וועלכער האָט געפּלאַנט און אויסגעפירט די ארבייט ביי דעם ערסטען און אויך געמאַכט די פּלענער אָנצוהויבען די ארבייט ביי דעם צווייטען איז געווען א סען־סימאָניסט. דער קערען פון דער בארימטער „פּאָזיטיפער פילאָסאָפיע“ געפינט זיך אין די ווערק פון סען־סימאָן, און דער גרינדער פון פּאָזיטיוויזם אָגיוסט קאָנט, איז געווען א סענסימאָניסט. דער קערענדעל פון דער טעאָריע פון קלאַסען־קאַמפּף געפינט זיך אויך אין די ווערק פון סען־סימאָן, און דער ערסטער היסטאָריקער, וועלכער האָט באַטראַכט די געשיכטע פון פראַנקרייך אַלס די געשיכטע פון קלאַסען־קאַמפּף, — אָגיוסטען טיעררי — איז אויך געווען א סען־סימאָניסט. סען־סימאָן האָט פארשטאַנען די היסטאָרישע ראָליע פון דעם קאַפּיטאַליזם אַלס א נויטווענדיקע פארבארייטונגס־שטופע צום סאָציאַליזם. די אידעע האָט שפּעטער קאַרל מאַרקס געמאַכט צום גרונד־שטיין פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם.

סען־סימאָן איז אויך געווען דער ערסטער, וועלכער האָט ערקלערט, אז די טרייבענדע קראַפט פון דער געשיכטע איז די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג. אין הערין איז ער א פאָרגענגער פון מאַרקסיזם. ער אנערקענט אָבער די אידעאַלע באַשטרעבונגען,— דאָס וואָס ער רופט „רעליגיע“, אויך פאַר א זעלבסשטענדיקע קראַפט אין דעם מענשליכען פראָגרעס. איניקע מינוטען פאַר זיין

טויט האָט ער געזאָגט צו זיין תלמיד ראָדריגעז: „מען האָט גע־דאַכט אַז רעליגיע מוז פאַרשווינדען, מחמת דער קאַטאָליציזם איז אַלט געוואָרען. דאָס איז א טעות: רעליגיע קען ניט פאַרשווינדען פון דער וועלט, זי בייט נאָר איבער איר געשטאַלט. געדיינקט: אום אויפצוטאָן גרויסע טאַטען מוז מען זיין בעגייסטערט". זיין לעצטע ווערק הייסט „דאָס קריסטענטום". דאָרטען געפינען זיך די גרונדלאַגען פון דעם יעניקען סאָציאַליזם, וועלכער שטיצט זיך אויף דער אידעע פון יושר. דאָס איז דער סאָציאַליזם פון די רוסישע עס־ער־ען*), פון די אמעריקאַנער קריסטליכע סאָציאַליסטען, און פון די סאָציאַליסטישע ארבייטער־מאַסען אין דער גאַנצער וועלט, ביי וועלכע דער סאָציאַליזם איז א רעליגיע אין דעם גוטען און אין דעם שלעכטען זין פון דעם וואָרט. זיי מעגען זיך אפילו רופען „מאַרקסיסטען" אָדער „וויסענשאַפטליכע סאָציאַליסטען", אָבער ביי זיי איז די וויסענשאַפט אויך אַן אמונה: זיי גלויבען אין די וויסענשאַפט ווי מען גלויבט אין גאָט, כאָטש מען האָט עס קיין מאָל ניט געזעהן און מען באַגרייפט עס ניט. און ווען מען גלויבט אין עפּעס, וואָס מען קען אליין ניט און פאַרשטעהט אליין ניט, מוז מען זיך נאַטירליך פאַרלאָזען אַף די תנאים, וואָס קענען און פאַר־שטעהן. וואָס ווייניקער מען פערשטעהט אליין אַלץ פיינדליכער איז מען נעגען יענעם וואָס קומט און וויל פאַרטייטשען די תורה אויף א נייעם אופן: אפּשטרייטען זיינע ווערטער איז מען אליין ניט אים שטאַנד, מען וויים נאָר, אַז ווען מען זאָל צוגעבען, אַז ער איז גערעכט, פאַלט איין די גאַנצע אמונה. דערפאַר מוז א פרומער מענטש האַסען א קריטיקער. דערפאַר פאַרזאָגט דער אידישער פאַ־נאַטיקער דעם עולם אין גאַנצען צו פילאָסאָפירען וועגען רעליגיע. מען מוז גלויבען, און דאָס איז גענוג. דערפאַר האָט די קאַטאָלישע רעליגיע פאַרבאָטען דעם עולם אפילו צו לייענען די תורה: אַז מען לייענט ווערען געבאָרען געדאַנקען אין קאָפּ, און די געדאַנקען קענען ניט זיין אויך איין פאַסאָן אין אַלע קעפּ. ווען עס איז אָבער פאַראַן איין אמת אין דער וועלט, טו מוז דאָך דער וואָס באַשטרייט עס זיין אַן אפּיקורס.

דאָס איז דער גייסט פון רעליגיע און דאָס איז דער גייסט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. סען־סימאָן איז געוועז גערעכט:

---

*) סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען.

די רעליגיע איז ניט פארשוואונדען פון דער וועלט, זי האט נאר איבערגעביטען איר געשטאלט. בעת אבער די היינטיקע „וויסענשאפטליכע“ ארטאדאקסען ווילט זיך דורכאוים אויסווייזען זיך פאר פריינעזאנענע מענטשען, ערקלערט זיך דער סען־סימאניזם אפען פאר א טהעאקראטיע (אזא רעגירונג ווי ביי אידען אונטער די שופטים).

נאך סען־סימאן ווערט די רעגירונג צוטיילט אין צוויי מעכטע: די וועלטליכע און די גייסטליכע, פונקט ווי אין אייראפא איז מיטעל־אלטער. אבער אנשטאט דער אריסטאקראטיע דארף די וועלטליכע מאכט באלאנגט צו די געשעפטס־לייט און די גייסטליכע מאכט — צו די כהנים אדער גלחים. ווי אין די צייטען פון קאטאליציזם, שטעהט אין זיין אידעאלישער געזעלשאפט די מאכט פון די גלחים איבער דער וועלטליכער מאכט. דער נאמען „גלחים“ געברויכט סען־סימאן אליין. אונטער דעם נאמען באצייכענט ער דעם געלערענטען קלאס. עס זיינען אלזא „וויסענשאפטליכע“ גלחים, וועלכע רעגירען אויף'ן גרונד פון „וויסענשאפט“. די „געשעפטס־לייט“ אדער דער „אינדוסטריעלער קלאס“, באשטעהט ביי סען־סימאנען אליין פון די אונטערנעמער און די ארבייטער צוזאמען. די אינטערעסען פון די אונטערנעמער און פון די ארבייטער זיינען דיזעלבע, מיינט ער. די מיינונג ערקלערט זיך דורך דעם, זאגט דער רוסישער פראפעסאר טוגאן־באראנאווסקי, וואס צו יענער צייט זיינען נאך ווייט פארברייט געוועזן אין פראנקרייך קליינע אונטערנעמונגען, אין וועלכע די בעלי־בתים זיינען אליין געוועזן בעלי מלאכות און ווייטער דורך דעם, וואס צו יענער צייט איז נאך שטארק געוועזן די פעאדאלע אריסטאקראטיע און עס איז נאך אנגעגאנגען א קאמפף צווישען איר און דעם אונטערנעמער־קלאס, אין וועלכען די ארבייטער זיינען געוועזן פאראינטערעסירט, אז די אונטערנעמער זאלען אויספירען.

„איך גלויב“, זאגט סען־סימאן „אז רייכע אונטערנעמער, וועלכע זיינען די בעלי־בתים איבער די ארבייטער און זייער טעגלאכער ארבייט, זיינען דורך דעם די ראשי־הקהל פון וועלכען זיי זיינען אויך א טייל. עס פאלגט דערפון אז זיי זיינען די נאטירליכע נאטשאלניקעס פון דעם ארבייטענדען פאלק. איך גלויב, אז ווען מען זאל געבען די אונטערנעמער א גרעסערען וואוט פאר אלעמען איבער די שטייערען (פאדאטקעס), וועט דורך דעם באשאפען ווערען די גרעס־

טע גלייכהייט, צו וועלכער די געזעלשאפט איז נאר פעהיק".

די אנזיכטען פון סען־סימאן איבער הארמאניע צווישען קאפיטאל און ארבייט דארף מען ניט פארשטעהן אזוי ווי ביי עס וואלט אויסגעקומען, אז יעדער קאפיטאליסט איז היינט צו טאג א בעל צדקה פון זיינע ארבייטער. ער האט גאר געמיינט, אז אונטער א ריכטיקער געזעלשאפטס־ארדנונג קענען זיי זיין סאלידאריש. די אנזיכט איז נאך היינט פארשפרייט צווישען פילע ארבייטער־פירערס אין אמעריקע.

אין דער שפעטערער ענטוויקלונג פון סען־סימאניזם פאלט אוועק די ראלע פון דעם פריוואט־אונטערנעמער, ווייל דער סען־סימאניזם פאדערט די אפשאפונג פון ירושה. דער גאנצער אייגענטום מוז אלזא אין איין דור איבערגעהן צום שטאט. דער שטאט בלייבט דער איינציקער אונטערנעמער. בראש פון דער געזעלשאפט בלייבען אלזא די כהנים פון דער וויסענשאפט. די וויסענשאפט ווערט די רעליגיע פון דער מענטשהייט. אזוי ווי עס קען זיין נאר איין אמת'ע וויסענשאפט, דארף אין דעם צוקונפט־שטאט נאר זיין איין אמונה. פאר פרייהייט פון גלויבען איז אין סען־סימאן'ס אידעאל נימא קיין פלאץ, — דאס זאגט ער בפירוש.

די גאנצע געשיכטע צוטיילט ער אויף „ארגאנישע" עפאכעס און „קריטישע". די קריטישע עפאכעס קריטיזירען, צושטערען וואס איז אלט געווארען אין דער געזעלשאפט, אבער זיי זיינען גארנישט ניט אימשטאנד אויפצובויען. נאך יעדער קריטישער עפאכע קומט אן ארגאנישע, וועלכע בויט אויף א נייע געזעלשאפטס־ארדענונג. אין קריטישע עפאכעס הערשט עגאאיזם, מלחמה, אנארכיע. ארגאנישע עפאכעס פארקערט צייכענען זיך אויס דורך דעם גייסט פון חברותא, סאלידאריטעט און דיסציפלין. דער אבצעטער יארהונדערט און די רעוואלוציע זיינען געווען א קריטישע עפאכע. איצט איז נעקומען אן ארגאנישע עפאכע. אין דער צוקונפט וועט דער גייסט פון חברותא וואקסען שטארקער פון דעם עגאאיזם. סען־סימאן אליין האט ניט ליב די קריטישע עפאכעס, זיינען סימפאטיעס געהערען צו די „ארגאנישע".

סען־סימאן פראטענדירט אלזא ניט, אז זיין סיסטעם איז גינסטיק פאר פערזענלאכע פרייהייט, און אין דערין באווייזט ער מער דענקונגס־קראפט פאר די היינטיקע ארטאדאקסען, וואס האבען ניט

דעם מוט פאר זיך אליין מודה צו זיין, אז זיי זיינען געגען פרייע קריטיק, אז זיי פארלאנגען העכסטענס פרייהייט פאר זייער איינענע אמונה, דאס הייסט, נאטירליך, פאר די „אמת'ע ווייסענשאפט". מיט דעם בליק פון א נביא האט סען־סימאן ריכטיק דערקענט דעם גייסט פון דער באוועגונג, וואס האט געזאלט קומען נאך זיין צייט.

די סען־סימאניסטישע באוועגונג האט אויף א קורצער צייט צונעצויגען צו זיך טויזענטער פון די געבילדעטע קלאסען אין פראנקרייך. זיי האבען געגרינדעט סען־סימאניסטישע קירכען אין פילע גרויסע שטעט, מיט א הויפט־קירכע אין פאריז. די קירכע האט געהאט צוויי כהנים־גדולים, באזאר און אפאנטען. שפעטער איז אין דער קירכע געווארען א שפאלטונג און עס איז געבליבען נאר איין כהן גדול, אנפאנטען. זיין אפיציעלער טיטול איז געווען „פאטער פון דער מענטשהייט". ביי די סען־סימאניסטען איז די פירונג ניט געשטאנען אין קיין ווידערשפרוך מיט דער טעאריע: זיי האבען גע־האט א כהן גדול, ווייל זיי האבען אנערקענט די קירכליכע ארגאני־זאציע אין פרינציפ. זיי האבען ניט געדארפט אפנארען זיך אליין און די וועלט, אום אפצולייקענען, אז זיי האבען א „באס": דער באס איז געווען א טייל פון זייער סיסטעם.

דאס „נייע קריסטענטום" האט געהאפט צו באזינגען די וועלט מיט דער זעלבער מעטאדע ווי דאס אלטע, — דורך פראפאגאנדא. די קראפט פון'ם אמת איז גענוג מיט דער צייט צו איבערציינען, אפילו די רייכע, אז אונטער דער נייער ארדנונג וועט דער רייכטום פון דער געזעלשאפט אזוי אויסגעוואקסען, אז אלעמען וועט זיין בע־סער, ווי היינט. דער סען־סימאניזם איז אלזא ניט געווען רעוואלו־ציאנער. ער איז ערשינגען אלס א געגענזאץ צו דעם פאליטישען ראדיקאליזם און ליבעראליזם פון זיין צייט, און האט זיך איבער־הויפט געהאלטען גלייכגילטיק צו יעדער פאליטיק. די פאליטישע ריכטונגען זיינען נאר אן אויבערפלעכליכע פארמע. דער עיקר איז די סאציאלע ארגאניזאציע, דאס איז נאך א צייט לאנג געבליבען דער גרונד־געדאנק פון דער סאציאליסטישער באוועגונג. דא אין אמעריקע האט זיך די סאציאליסטישע באוועגונג נאך עד היום פון עם ניט באפרייט. ווען די ניו־יארקער סאציאליסטען ערקלערען, אז די אויסרייניגונג פון דעם טאמאני־שמוץ איז א זאך, וואס געהט נאר די ארבייטער ניט אן, — איז דאס נאך אן אפקלאנג פון דעם

אוטאפיסטישען סאציאליזם. אין איירָאפּא הערט מען דאס היינט נאר ביי די אנארכיסטען.

2

פוריע.

פוריע האט אנגעהייבען צו שרייבען איבער סאציאליזם נאך פריהער פאר סען־סימאנין, אבער זיינע אידעען האבען געפונען צו־הערער נאר נאך דער אויפלויזונג פון די סען־סימאניסטישע קירכען. מיט א יאר צען שפעטער איז שוין פון דעם פוריעריזם אויסגעוואקסען א גאנצע באוועגונג. אט אין דער צייט (1843) איז מארקס אוועק קיין פאריז. ער איז דאמאלט געווען א יונגער מאן פון 25 יאהר און איז געקומען פון דייטשלאנד מיט ראדיקאלע דעמאקראטישע אידעען. מיט'ן סאציאליזם איז ער באקאנט געווארען אין פראנקרייך. די אידעען פון פוריע האבען אויף עם געהאט א גרויסען איינפלוס. איך וועל זיך דא אפשטעלען נאר אויף איין וויכטיקען פונקט, פון וועלכען מען קען דאס זעהען באשיינבערלאך.

זינט דעם ענגלישען עקאנאמיסט אדאם סמיט איז די גאנצע פאליטישע עקאנאמיע אויפגעבויט געווען אויף דעם פרינציפ פון ארבייטס־טיילונג. די ארבייט, וועלכע מען באדארף אויפ־צוהאלטען די געזעלשאפט, ווערט צוטיילט אין פארשידענע פאכען, אין יעדען פאך ווערט זי ווייטער איינגעטיילט אין פארשידענע ספעציאליטעטען: צום ביישפיל, פרויען־שניידער ווערען צו־טיילט אויף קלאוק־מאכערס, סקווירטס־מייקערס, ווייסט־מייקערס און אזוי ווייטער. אבער דאס איז נאך אלץ ניט דער סוף: די קלאוק־מאכערס ווערען צוטיילט אין שניידער, אפערייטארס, פרעסערס, א חוץ דעם זיינען נאך פאראן דעזיינערס און קאטערס און באטאנ־האל־מייקערס א. אז. וו. אין אנדערע פאכען ווערט די ארבייט צו־טיילט נאך ווייטער, אין פיצינקע ברעקעלאך*). די פאליטישע עקא־נאמיע באטראכט דאס פאר א גרויסען פארטשריט: די ארבייט ווערט ניכער געמאכט, מען קען פארקויפען די סחורה וועלוועלער און דאך בלייבט פאר'ן פאבריקאנט א גרעסערער פראפיט. א חוץ

*) אין דער אמעריקאנער שניידעריי איז דער סיסטעם באקאנט אונטער דעם נאמען „סעקשאן־ארבייט".

דעם, וואס פראסטער די ארבייט איז, אלץ שנעלער קען מען זי אויס־לערנען. אויסצולערנען זיך פאר א שניידער נעמט עטלאכע יאר און אויסצולערנען זיך צוזאמענצושטעפען אן ארבעל נעמט א פאר וואכען. נאטירליך באצאלט מען דעם ארבייטער דערפאר ווייניקער און דאס איז ווייטער א געווינס פאר'ן קאפיטאל.

אז מען נעמט אבער באטראכטען די זאך פון דעם שטאנדפונקט פון דעם בעל מלאכה, זעט דאס אויס גאר אנדערס. וואס מער די ארבייט ווערט צוטיילט ווערט דער ארבייטער רק מער ווי א מאשין. ארבייטען צען שעה א טאג איז שווער, אבער ווען מען מאכט א גאנ־צען בגד, האט כאטש הנאה ווי א קינצלער. עס מאכט ניט אויס וואס פאר אן ארבייט, יעדער מענטש פילט זיך שטאלץ, אז ער ברייננגט ארויס א פיינע שטיקעל מלאכה. ווען אבער א מיידעל זיצט א גאנצען טאג און נייט איין קנעפלאך, וואס פאר א פארגעניגען קען זי האבען פון איר ארבייט? אז זי וועט אריינייען דעם קנעפעל קרום וועט מען איר הייסען איבערנייען, אז זי וועט עס אבער אריינייען אקוראט ווי מען באדארף, וועט זי אליין פון דעם האבען א קנאפען נחת און קיין אנדערער וועט פון דערפון אויך נתפעל ניט ווערען.

אלזא, וואס ווייטער אלץ אונאנגענעמער ווערט די ארבייט, פון בעלי מלאכות ווערען ארבייטס־פיה. ווען דאס איז נייטיק פאר'ן פארטשריט פון דער געזעלשאפט, טו ווערט דער פארטשריט גע־קויפט דורך די פארקריפלונג פון דער גרעסערער העלפט פון דער געזעלשאפט.

נעגען אזא איינטיילונג פון ארבייט ווענדעט זיך פוריע. א מענטש האט הנאה פון ארבייט, זאגט ער. יעדע ארבייט איז אינטע־רעסאנט ביז וואנען זי ווערט ניט דערעסען. דער ציל פון א ריכטיקער געזעלשאפטס־ארדענונג איז אויסצובילדען אלע פייהיקייטען פון יעדען מענטשען, און דערצו דארף מען יעדען איינעם געבען א גע־לעגנהייט אפט איבערצובייטען די ארבייט. דאס איז דער גרונד־שטיין פון פוריעריזם און דעם געדאנק געפינען מיר אויסגעארבייט אף אן אנדער אופן אין דער לערע פון קארל מארקס.

3

ראבערט אוען.

ראבערט אוען האט אויך אנגעהויבען זיין טעטיקייט אלס סא־ציאליסט פריהער פאר סען־סימאנען. פון עס שטאמט די אידעע צו

גרינדען סאָציאַליסטישע קאָלאָניעס, כדי צו ווייזען דער וועלט א ביישפּיל. אונדז ווייזט דאָס איצט אויס קינדיש, אבער פאר אוטאָ־פּיסטישע סאָציאַליסטען האָט די אידעע אויסגעזעהען זעהר פּראַק־טיש. דאָס ערקלערט זיך דורך דעם וואָס ניט אָזען און ניט פּוריע האָבען ניט באַגרינדעט זייערע פּלענער אויף קיין רעוואָלוציע. זיי האָבען געהאָפּט אז דער סאָציאַליזם מוז זיגען, ווייל דער עולם וועט מוזען איינזעהן, אז ער לוינט זיך פאר דער גאנצער געזעלשאַפט. און דערפאר האָבען זיי אלע רק געזוכט מיטלען אויפצובויען א קליי־נעם מאָדעל פון א סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, פּונקט ווי אנדע־רע ערפינדער : אז מען וועט א קוק טאָן אופ׳ן מאָדעל און מען וועט זיך איבערציינען אז עס געהט גוט, וועט די וועלט נעמען פּאָב־ריצירען סאָציאַליסטישע קאָמונעס מאסענווייז.

נאַטירלאך זיינען די מאָדעלס ניט געראָטען געוואָרען. עס איז אָבער א טעות צו דיינקען, אז די גאנצע ארבייט איז אוועק אין ני־וועיז. ראָבערט אָוען איז געוועזען דער גרינדער פון דער קאָאָפּעראַטי־ווער באוועגונג אין ענגלאנד, מען האָט אנגעהייבען מיט גארנישט און הייגט זיינען די קאָאָפּעראַטיווע קראַמען א מיליאָנען געשעפט. נאָך וויכטיקער אָבער איז קאָאָפּעראַציע צווישען פּארמערס. די באַ־וועגונג איז נאָך יונג, זי האָט זיך אָנגעהייבען ביי׳ן ענד פון דעם ניינצענטען יאָרהונדערט, אָבער זי צעהלט שוין מיליאָנען טיילנע־מער פון פארשידענע קאָאָפּעראַטיווע פאראיינען אין דענעמאַרק, שוועדען, פינלאנד, אירלאנד, דייטשלאנד, אין דער שווייץ און דאָ אין אמעריקע.

4

דער איבערגאַנג צום רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם.

מיר ווייסען אלזאָ, אז דער סאָציאַליזם פון די ערסטע גרויסע אוטאָפּיסטען פון דעם 19טען יאָרהונדערט, איז ניט געווען רעוואָלו־ציאָנער און ניט דעמאָקראַטיש. אויב איר מיינט אָבער אז אין דע־רין איז די נפקא מונה צווישען דעם אוטאָפּיסטישען סאָציאַליזם און דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם, טו האָט איר א טעות. ווען מען רעט פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם, האָט מען אין זינען פון איין זייט מאַרקס׳עס לערע און פון דער אנדער די לע־רע פון ראָדבערטוס׳ן. פון ראָדבערטוס׳ן רעט מען געוועהנטלאך

נארניט אין דער פּארטיי ליטעראטור — און איך בין זיכער אז פון הונדערט סאָציאַליסטישע לעזער, האָט קאָם איינער געהערט דעם נאָמען. דאָס איז דערפאר וואָס ער איז געוועזן א מאָנאַרכיסט. ראָד־בערטוס האָט פּארעפנטליכט זיין ערסטען בוך אין 1842, דאָס הייסט אַן ערך ארום יענער צייט וועלכע מיר באטראכטען דאָ. ער האָט אָנגענומען דעססאָציאַליזם, אזוי ווי ער האָט עם געפונען ביי די אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטען פון יענער צייט. ער האָט עס וויסענשאַפטליך באארבייט פון דעם עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט. פּאָליטיש אבער איז ער געבליבען ביי די אידעען פון די אוטאָפּיס־טען. זיין פּאָליטישע פּלאטפאָרמע האָט ער אויסגעדריקט אין דעם שפּרוך: „קריסטליך, מאָנאַרכיש, סאָציאַל“.

די פארבינדונג פון סאָציאַליזם מיט רעוואָלוציע און דעמאָקראַ־טיע פון דער אנדערער זייט, שטאַמט ניט ערסט פון דעם וויסענ־שאַפטליכען סאָציאַליזם: קארל מארקס האָט זי שוין געפונען פאר־טיקערהייט ביי די פראנצויזישע סאָציאַליסטען. די פאראייניקונג פון סאָציאַליזם מיט רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע איז געקומען פּראָסט דורך דעם, וואָס די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטען זיינען פּעוואָרען סאָציאַליסטען. עס האָט דערצו געמוזט קומען, ניט מחמת דער עיקר פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם איז כלומר׳שט „די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן“, אָבער ווייל די פּאָליטישע אומשטענ־דען זיינען געוועזן אזעלכע צו יענער צייט אין פראַנקרייך.

אין דער אמת׳ן ווער האָט זיך געקענט אינטערעסירען מיט׳ן סאָציאַליזם צו יענער צייט? נאַטירליך די אונצופרידענע, יענע אל־זאָ וואָס האָבען שטענדיק צונעגרייט דעם שטורץ פון דער מאָנאר־כיע. פון זיי שטאַמט די „סאָציאַלע“ רעוואָלוציע אלס צוזאץ צו דער פּאָליטישער רעוואָלוציע, די „סאָציאַלע“ דעמאָקראַטיע אלס צו־זאץ צו דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע.

איך קען זיך לייכט פארשטעלען אַן אָרטאָ־דאָקסישע ערקלע־רונג פון דער ענדערונג: ווערענד די ערסטע אוטאָפּיסטישע סאָ־ציאַליסטען האָבען באלאנגט צו דעם מיטעל־קלאס און האָבען דע־פאר געהאט „מיטעל־קלאס אידעען“, איז די רעוואָלוציאָנער־דעמאָ־קראַטישע ריכטונג ארויס אויפ׳ן פאָרדער־גרונד דעמאָלט ווען עס האָט זיך גענומען צום סאָציאַליזם דער פּראָלעטאַריאַט. וועלכע־עמפּפינדעט דעם סאָציאַליזם אלס אויסדרוק פון זיינע קלאַסען־אינ־טערעסען. ביי עס איז אלזאָ קאָמפּראָמיס אומעגלאָך.

דאָס קלינגט אפילו גאַנץ גוט „מאטעריאַליסטיש", דער הכרון איז נאָר וואָס עס איז ניט ריכטיק. דער ארבייטער קלאַס האָט מיט דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער ריכטונגען צו יענער צייט געהאט אזוי ווייניק צו טאָן, ווי פריהער מיט דער פרידלאַך־סאָציאַליסטישער פראָפּאַגאַנדע.

די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען האָבען אויך באַלאַנגט צו דעם מיטעל־קלאַס פונקט אַזוי ווי די פרידלאַכע אוטאָפּיסטען. די אַרבייטער פון פּאריז, ליאָן און אַנדערע גרויסע שטעט, זיינען געווען רעוואָלוציאָנער, זייערע פאָדערונגען אבער האָבען זיך געריכטעט אָף ריין פּאָליטישע פראַגען וועלכע זיינען געווען פארבונדען מיט זייערע טעגלאַכע אינטערעסען: פּאַראיינס־פרייהייט, דאָס הייסט דאָס רעכט צו גרינדען יוניאָנס, דאָס רעכט אויף ארבייט, דאָס הייסט ארבייט פאַר יענע, וואס געהען ארום ליידיק, ווייל עס איז שטיל אין זייער פאַך, דאָס אלגעמיינע שטים־רעכט, פּארזאמלונגס־פרייהייט, רעדע־פרייהייט א. אַז. וו. אין די אַלע פאָדערונגען האָבען די אַרבייטער געהאט די אונטערשטיצונג פון דעם קליינעם מיטעל־קלאַס, און ביז א יאָר צען נאָך דער גרינדונג פון דער איצטיקער רע־פּובליק, האָבען נאָך די פראַנצויזישע ארבייטער געהאַלטען צוזאמען מיט דער ראַדיקאַלער בורזשואַזיע. אפילו אין דער פּאריזער קאָמונע פון 1871 האָט נאָך דער סאָציאַליזם געשפּילט א זעהר קליינע ראָליע. די סאָציאַליסטישע באוועגונג איז געוואָרען אַן ארבייטער־באוועגונג אין פראַנקרייך זינט אן ערך 1881. אַלזאָ קען דער רעוואָלוציאָנערער כאראקטער פון סאָציאַליזם פאַר דער רעוואָלוציע פון 1848 ניט שטאמען פון דעם ארבייטער־קלאַס.

מיר קענען איצט דעם פונדאַמענט אויף וועלכען עס איז אויפגעבויט דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם. איצט זיינען מיר פארטיק צו באטראכטען וואָס איז וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם.

פינפטער קאפיטעל:

קאַרל מארקס.

1.

די טעאריע פון עקאנאמישער עוואלוציאן.

צו יעדער צייט זיינען פאראן אין דער וועלט א פולע יעלויים און משכלים אין יעדען פאך: געלערטע, פאעטען, גלאט שרייבער, פאליטישענס, רעוואלוציאנערען, אינזשינערען, געשעפטס־לייט א. אז. וו. אבער אמת'ע גאונים, וואס דער גוי רופט א זשעני, ווערען געבארען ניט מער ווי עטלאכע אין א יארהונדערט. די צוויי גרעס־טע מענטשען וואס האבען אויף דער וועלט געהאט דעם גרעסטען איינפלוס אין דער צווייטער העלפט פון דעם ניינצענטען יארהונ־דערט זיינען געווען טשארלס דארווין און קארל מארקס. ביידע האבען צו דער זעלבער צייט אריינגעבראכט אין דעם שכל פון דער וועלט דעם זעלביקען געדאנק: דאס די וועלט ענטוויקעלט זיך. מען רופט דאס די „עוואלוציאן". יעדער האט אויסגעארבייט זיין געדאנק, ניט וויסענדיק פון דעם אנדערען. קארל מארקס'עס „מאניפעסט פון דער קאמוניסטישער פארטיי"*) איז ערשינען מער ווי צען יאר פרי־הער פאר דארווין'ס ערסטען בוך, אבער דארווין האט נאטירליך פון דעם מאניפעסט גארנישט געוואוסט.

אנדערע געדאנקען וואס זיי האבען אויסגעשפראכען ווילען זיך

---

*) דער קאמוניסטישער מאניפעסט איז גע'חת'מעט פון ענגעלס'ען אויך. איך וויים אבער אין דער אמת'ן ניט פאר וואס מען רעט רק פון מארקס'ן און ענגעלס'ן, אזוי ווי זיי וואלטען געווען איינס און דאס זעלבע. וואס ענגעלס האט בייגעטראגען און וואס מארקס האט בייגע־טראגען צום „מאניפעסט" קען מען נאטירליך נים זאגען, אבער א חוץ דעם האבען אי מארקס אי ענגעלס געשריבען באזונדערע ווערק, פון וועלכע מען קען איינזעהן, איינערזייטס אז מארקס איז געווען א גע־ניאלער מענטש, און אנדערזייטס, אז ענגעלס איז געווען א גוטער שרייַ־בער, נים גרעסער אבער פון אנדערע בארימטע סאציאליסטישע שרייַ־בער.

אפשר אויסווייזען פאר ניט ריכטיק, אנדערע וועלען שפעטערע גע־לערטע אויסבעסערען, אבער דער געדאנק פון עוואלוציע וועט בליי־בען. דארווין האט עם אריינגעבראכט אין די באטראכטונג פון דער באטור און קארל מארקס אין די באטראכטונג פון דער מענטשלא־בער געזעלשאפט.

די וועלט שטעהט ניט אויף איין ארט: די מינים פלאנצען, די מינים חיות וואס איר זעט היינט זיינען ניט געווען פאר הונדערטער טויזענטער יארען צוריק, און זיי וועלען מסתמא ניט בלייבען אזוי, ווי זיי זיינען היינט, אין הונדערטער טויזענטער יארען ארום. און אין דער מענטשלאכער געזעלשאפט איז אויך אזוי. אזעלכע זאכען וואס ווייזען זיך אונדז אוים אזוי נאטירליך, אז דער שכל קען גאר ניט פארשטעהן, ווי עס קען זיין אנדערס, זיינען אויך ניט אימער געווען אין דער וועלט און וועלען אויך ניט אייביק בלייבען ווי זיי זיינען. למשל „מיינע — דיינע": אז מען וויל באווייזען מיט'ן „פראסטען שכל" דעם משוגעת פון סאציאליזם, גיט מען דעם משל אז אפילו א קליין קינד וואס קען נאך ניט ריידען, פארשטעהט שוין צו שרייען „מיינע", אז מען וויל ביי עם אפנעמען א צאצקע. א פראפעסאר פון פאליטישע עקאנאמי נעמט אן אז יעדער מענטש דאגה'ט נאר פאר זיך אליין. און א פערזענלאכען אינטערעס וואלט די גאנצע וועלט געלעגען אופ'ן אויווען, ווי יענע צוויי פויליאקעס וואס האבען זיך געפוילט אויפצוהויבען א האנט, כדי צו דערלאנ־גען דעם בייגעל, וואס איז געהאנגען איבער זייערע מיילער. און אזוי ווייטער. אז מען נעמט אבער שטודירען די פארצייטיקע פי־רונג געפינט מען גאר אז עס זיינען געווען טויזענטער יארען וואס מען האט פון „מיינע—דיינע" כמעט ניט געוואוסט, אז דער קרע־מערשער גייסט אי זניט דער איינציקער טריב פון דער געזעלשאפט, — עס זיינען געווען צייטען ווען פערזענלאכע אינטערעסען זיינען געווען אונטערגעאָרדענט צו די אינטערעסען פון דעם שבט, פון דער אמונה, פון דעם שטאט.

די וועלט האט זיך געביטען און אז מען קוקט זיך איין זעט

מען ווי זי בייט זיך אימער. און ווייטער ווערט גארנישט ניט גע־מאכט מיט אמאל: די וועלט וואקסט פאמעלאך און דער מענטש קען זי ניט איבערמאכען אף גיך נאך זיין אייגענעם פאסאן. עס דוכט זיך אונדז אז מיר זיינען געפאלען אויף א גלייכען פלאן ווי איבערצוקערען די וועלט קאפויר. אויב אבער דער פלאן איז טאקע

א גלייכער, דאָס הייסט, אויב ער געפעלט דעם עולם, לאָזט זיך נאָר אויס אז מיר זיינען געפאַלען אַף דעם פּלאַן נאָר דערפאר, וואָס אַלץ אין אונדזער גאנצער פירונג האָט אונדז געבראכט אויף דעם גע־דאנק. דאָס הייסט, מאכט מארקס, אז די מענטשהייט שטעלט זיך אַלע מאָל אזעלכע אופגאבען, וועלכע זי קען אויספירען, ווארים אז מען זאָל נאָר באטראכטען, זעט מען, אז די זאך קומט צום פאָרשלאָג נאָר דעמאָלט ווען אַלץ איז שוין אין פאראיוס צוגעגרייט דערצו.

די וויכטיקייט פון דעם געדאנק פאר די געשיכטע פון סאָ־ציאַליזם קען מען נאָר דאן פארשטעהן, אז מען דערמאָנט זיך אָן דעם צושטאנד פון דער סאָציאַליסטישער באוועגונג צו דער צייט ווען מארקס איז ארויסגעקומען מיט זיין תורה. אין פראנקרייך זיינען באשטאַנען פארשידענע קלייזלאך פון סאָציאַליסטען. יעדער קלייזעל האָט געהאט זיין אייגענע תורה און האָט באטראכט אַלע אנדערע סאָרטען סאָציאַליזם פאר ניט קיין עכטען סאָציאַליזם, יעדער קלייזעל איז ארויס פון די כלים צו באַ־ווייזען מיט ארגומענטען אז זייער פּלאַן איז דער בעסטער, אָבער אין די אנדערע קלייזלאך האָט מען געלאכט פון יענע „אויף־מיר־אַרגומענטען". נו, ווען די איינפירונג פון סאָציאַליזם וואָלט גע־דארפט אָפּהייננגען אָן דעם, אַז מען זאָל איינשמועסען דעם עולם אַז דער סאָציאַליזם איז א גלייכע זאך, וואָלט די מעשה אויסגעזע־הען זעהר טרויעריק: אז איין קלייזעל האָט דעם אנדערען קלייזעל ניט געקענט איבערצייגען, טו וואָס רעט מען שוין פון דער זייטיקער וועלט, וועלכע האָט זיך פראָסט אויסגעלאכט פון אַלע קלייזלאך און זיי אַלעמען גערופען „אוטאָפּיסטען".

דאָ קומט מארקס און זאָגט, אז די איינפירונג פון סאָציאַליזם וועט ניט דורך דעם קומען וואָס די סאָציאַליסטען וועלען דרש'ענען סאָציאַליזם, פונקט פארקערט: דאָס וואָס מען דרש'ענט פאר סאָציאַליזם איז א סימן אז די ענטוויקעלונג פון דער וועלט האָט שוין געבראכט צו אזא פונקט, אז דער סאָציאַליזם קומט באַלד. דער סאָציאַליזם איז אַלזאָ ניט קיין „אוטאָפּיע", ניט קיין חלום.

וואָס זשע הייסט „די ענטוויקעלונג" וואָס פירט צום סאָציאַ־ליזם? דער ענטפער אויף די קשיא, פארטייטש אין פּראָסט אידיש, לויטעט אזוי:

א מענטש דארף עסען, טרינקען, קליידער, א דירה, א בית המדרש, א מחזור, א לולב א. אז. וו. דאָס דארף מען אַלץ מאכען.

ניט ריידענדיק וועגען אזעלכע וואכעדיקע זאכען ווי ברויט, א קאַ־פאָטע, א כאַלופע, — דעם בית המדרש דאַרף מען אויסבויען, דעם מחזור דאַרף מען דרוקען, אויף דערויף באַדאַרף מען א דרוקעריי, א פּאַפּיר פאַבריק, טינט, א. אַז. וו. דעם לולב מוז מען פון ערגעץ ברייגען צופירען. מען דאַרף עם איינפלאַנצען, אויפהאָדעווען, אויף דערויף באַדאַרף מען א גערטנער און א בעל עגלה. אלזא אפילו אַז מען וויל זיין א פּרוש און מען וויל גאַר ניט וויסען פון קיין שום זאַך ניט, א חוץ גאָטס־זאַכען, מוז מען פאַרט האָבען אימיצען וואָס וועט טאָן די אַרבייט, אָן וועלכער מען קען אפילע דעם אויבערס־טען אויך ניט דינען ווי די הייליקע תורה הייסט. אָט די אַלע מלאכות צוזאַמען הייסען „פּראָדוקציאָן“. יעדערער ווייס אַז היינט צו טאָג ווערט די אַרבייט אנדערש געמאַכט ווי פאַרצייטען. די וועלט לער־רענט זיך מאַכען די אַרבייט רק בעסער. פאַרשידענע נייע סאָרטען אַרבייט ווערען רק אריינגעבראַכט אין דעם מענטשלאַכען לעבען, דורך דעם ווערט די גאַנצע פירונג געביטען. לאָמיר נעמען נאָר איין משל.

ווען איך בין געוועזען א אינגעל איז ביי אונדז אין מינסק, אין ווילנע, און נאָך אין אנדערע שטעט, געוועהנטלאַך א שניידער גע־ווען ענטוועדער א מייסטער פאַר זיך אליין, אָדער ער האָט זיך נאָר געלערענט פאַר א שניידער. ווען מען פלעגט אוועקגעבען א אינגעל צו א בעל מלאכה, איז ער ביי עם געוועזען אין שטוב און האָט געגעַ־סען צוזאַמען מיט׳ן בעל הבית. דעם עסען דאַרף מען אבער אוים־קאָכען, אין שטוב דאַרף מען ווען ניט איז אויפראַמען. — אויף דערויף דאַרף מען א ווייב. על כן האָט יעדער בעל מלאכה געמוזט חתונה האָבען. היינט טוט א קוק אָבער ווי עם פירט זיך די שניידע־ריי דאָ אין אמעריקע. דער באָס דינגט א שאָפּ און נעמט אָן אַר־בייטער. דער אַרבייטער עסט אין א רעסטאָראַן, דעם שאָפּ ראַמט מען געוועהנטלאַך גאָר ניט אויף. דער אַרבייטער, ווען ער ווערט ניט קיין קאַפּיטאַליסט (און דאָס טרעפט ניט הויפיק), בלייבט ער זיין גאַנצען לעבען אַן אַרבייטער. נו, צו וואָס דאַרף דער באָס א ווייב? און דערפון קומט אַז דער שניידער בלייבט א בחור ביז א יאָר 25— 30, נאַטירליך עם ווערען געבאָרען כמעט אַזוי פיל מיידלאַך ווי אינגלאַך, אלזא מוז פאַר יעדען בחור א מיידעל בלייבען זיצען ביז א יאָר 25־30. דערפון קומט אַז פאַרצייטען האָבען די אידען גע־פירט א ריינעם פאַמיליען־לעבען און היינט זיינען פאַראַן רויטע

לאנטערנעס און מוזיק־האַלס. און אין דערין קענען ניט העלפען די חטאים־זוכערס.

איך זעט אלזא ווי עס בייט זיך די מאראל, ווען עס בייט זיך די איינריכטונג פון מלאכה.

קארל מארקס שילדערט די געשיכטע פון די לעצטע עטלאכע הונדערט יאר און ווייזט, ווי עס האט זיך געביטען די גאנצע איינריכ־טונג פון פראדוקציאן און ווי אזוי די דאזיקע ענדערונג פירט צו סאציאליזם. ניט מחמת דער סאציאליזם איז אזא וויגארנער אדער אזא פיינער, ארענטלאכער פלאן, אבער ווארים עס קומט אויס אזוי, מען קען כמעט זאגען: עס איז „באשערט" אזוי.

.2

ד י ו ו א ר ע ן ־ ו ו י ר ט ש א פ ט .

קארל מארקס הויבט אן פון יענער צייט ווען עס איז שוין באַ־שטאנען א געזעלשאפט מיט פריוואט־איינענטום, מיט האנדעל מיט בעלי מלאכות און אזוי ווייטער. עס איז געווען אמאל א צייט ווען דאס אלץ איז נאך אויך ניט געווען, אבער וועגען יענער צייט דערמאנט מארקס נאר א פאר מאל פארבייגעהענדיק. ווי אזוי עס איז געקומען צו יענעם צושטאנד, מיט דעם האט ער זיך ניט באשעפטיקט. ער האט באשרענקט זיין אויפגאבע אויף דעם, ווי אזוי עס איז פון דער געזעלשאפט פון קליינע סוחרים געווארען א קאפיטאליסטישע געזעלשאפט, וואס איז איצטער מעוברת מיט דער סאציאליסטישער געזעלשאפט.

אז מען נעמט ענגלאנד אדער פראנקרייך אין דעם 17טען יאר־הונדערט, דייטשלאנד און אמעריקא אין דעם 18טען און רוסלאנד ביז דער באפרייאונג פון די פויערים אין 1861, איז נאך דארטען קיין קאפיטאליזם ניט באשטאנען. עס זיינען געווען רייכע קופצעס, עס זיינען אפילו געווען א פאר פאבריקעס, אבער אין גאנצען געגנו־מען האט זיך ניט אויף זיי געהאלטען די געזעלשאפט. דער גרונט פון אלעמען איז געווען דער פויער. נאך מיט א הונדערט און פופ־ציק יאר צוריק איז אפילו אין ענגלאנד דער גרעסטער טייל פון פאלק באשטאנען פון פויערים. אין ענגלאנד, אין פראנקרייך, אין רוסלאנד, אומעטום וואו די ערד האט זיך אפילו גערעכענט אז זי באלאנגט צום פריץ, האט ער פאר זיך געהאלטען נאר א חלק, דאס איבעריקע

איז געווען צוטיילט צווישען די פויערים. יעדע פאמיליע האט געהאט איר אייגענעם שטיקעל פעלד, אירע אייגענע פערד און בהמות, איר אייגענע סאכעס, בארגנעס, א. אז. וו. און יעדער האט פאר זיך באארבייט זיין שטיקעל ערד. דעם פריץ'ס ערד האבען געאקערט די זעלביקע פויערים מיט זייערע פערד, מיט זייערע סאכעס א. אז. וו. דער גאנצער אקערבוי האט זיך אלזא געפירט אף א קליינעם אופן. אין ווינטער אין פאראן ווייניק וואס צו טאן ארום דעם פעלד. די צייט פלעגט יעדער פויער באנוצען צו פאריכטען די סאכע, דעם וואגען, דעם פארקאן, מען האט געהאקט האלץ אין וואלד, וואו מען האט געמעגט איז מען געגאנגען אויף פאליעוואניע אויף ווילדע חיות און מען האט פארקויפט די פעלען. יעדערער האט געקענט זיך ארומ־געהן מיט א האק. אז מען האט געדארפט עפעס א שטיקעל פאטשינ־קע אין הויז, האט דאס דער פויער אליין איספראוועט און אפילע אז מען האט געדארפט בויען א שטוב פון דאס ניי, האט מען דאס גע־וועהנטלאך געמאכט אליין. די ווייבער האבען אין ווינטער געשפונען פלאקס און וואלען, געוועבט לייווענט און טוך, גענייט קליידער און גרעט פאר די גאנצע געזינד. די פויערים האבען געפלאכטען לאפ־ציעס אליין. יעדער פויער האט געקענט א פולע פארשידענע מלאכות, וואס ווערען היינט צו טאג געמאכט פון האנט־ווערקער אדער פאבריק־ארבייטער. א חוץ דעם איז אין דארף געווען א מיהל א קוזניע און בכלל אזעלכע בעלי מלאכות, וואס דארפען או איינגע־ארדענטען פלאץ פאר ארבייט און פיל געצייג. יעדער פון זיי איז אבער צו דער זעלבער צייט געווען א פויער, ער האט געהאט זיינע אייגענע ערד און האט זי באארבייט פאר זיין אייגענעם געברויך. זיין ווייב האט געבאקט ברויט, געשפונען, געוועבט, גענייט, ווי ביי אלעמען האט זיך געפירט. עס זיינען ווייטער געווען נאך אנדערע בעלי מלאכות, למשל ווי קירזשנער, וואס פלעגען ווינטער־צייט ארומגעהן פון הויף צו הויף און ארבייטען ביי דעם קונד אין הויז, אויף זיינע קעסט. זיי זיינען אבער גרעסטען טיילס אויך געווען פוי־ערים, זיי האבען געהאט זייערע ערד און זי באארבייט זומער צייט. עס זיינען ווייטער געווען נאך אנדערע פויערים, וואס פלעגען מאכען זייער סחורה אין דארף, למשל, ציגעל, טעפ, הילצערנע שיסלען און לעפעל און נאך אנדערע זאכען, און פלעגען זיי דאס פירען אין מארק אדער אויפ'ן יריד פארקויפען.

דער מארק אדער דער יריד איז געווען גרעסטען־טיילס אין א

גרויסען דארף. די איינוואוינער פון דארף זיינען געווען פויערים. עס פלעגען זיך צונויף פארען פויערים פון פארשידענע נעהענטערע געגענטען און מען פלעגט פארקויפען איינער דעם אנדערען. קיין גרויסע שטעט ווי היינט איז צו יענע צייטען ניט געווען. ניו־יארק איז בשעת דער רעוואלוציע געווען א שטאט פון אן ערך 30.000 איינוואוינער. אין די ווייניקע שטעט וואס זיינען געווען האבען געוואוינט קרעמער, סוחרים, בעלי אכסניא׳ס, שיינקער און בעלי מלאכות וואס האבען געארבייט אויף שטאטיישע קונדען און אביסעל אויך אויף פריצים, ווי זייגער־מאכער, יאוועלירען און נאך אזעלכע. אבער אפילע די שטאט האט נאך אויף אויסגעזעהען ענלאך צו א דארף. פילע פון די בעלי הבתים האבען געהאט אייגענע בהמות, ציגען, אדער חזרים, ווי נאך דער אמונה נאך. מען האט געהאט אייגענע מילך און סמעטענע, און צווארא̇ך און פוטער, מען האט געהאלטען אייגענע מילך, און סמעטענע, און צווארא̇ך און פוטער, מען האט געהאלטען הינער, גענדז, קאטשקעס, ענדיקעס, מען האט געבאקט ברויט אין דער היים. כמעט יעדערער האט געהאט א גארטען. מען פלעגט פארזייען קרויט, באב, רעטאך, חריין, אוגערקעס, ברוצקע, אלץ וואס מען באדארף אין הויז. כמעט יעדערער האט געהאט א פערד און פילע פלעגען קאסיען גראז פאר׳ן פערד ערגעץ אונטער׳ן שטאט. אנדערע האבען אפילו געהאט א שטיקעל ערד און פארזייעט תבואה.

היינט נעמט דעם פריץ׳ס הויף. אין יעדען מאיאנטעק איז געווען אפגעשטעלט א געוויסער חלק, אויף וועלכען די פויערים האבען געארבייט פאנשטיזנע. מיט דערמיט איז דער פריץ געווען פארזארגט מיט תבואה פאר זיין אייגענעם הויף. צו דערצו האט ער געהאט זייגע בהמות, זיינע הינער און אז. וו. ווייטער־צו האבען די פויערטעס געמוזט ברייגגען אין הויף לייוועגט און נאך פארשידענע אזעלכע זאכען. א חוץ דעם האט יעדער גרויסער פריץ געהאלטען ביי זיך אין הויף הונדערטער פויערים און שיקסעס, וואס זיינען געווען אויסגעלערענט אלערליי מלאכות: שניידער, שוסטער, סטאליארעס, מוליארעס, אפילו מוזיקאנטען און אקטיארען.

איר זעט פון דערפון, אז פילעס פון דעם וואס מיר קויפען היינט אין מארק אדער אין קראם פלעגט מען אין יענע צייטען מאכען אין דערהיים. די אלע זאכען זיינען ניט געווען קיין סחורה. די ארבייט איז נאך געווען זעהר ווייניק צוטיילט אין פארשידענע פאכען און

אין יעדען פאך האט יעדער בעל מלאכה געארבייט פאר זיך, נעד־וועהנטלאך מיט זיינע קינדער, אפט מיט איינעם אדער א פאר נע־זעלען. קיין גרויסע פאבריקעס ווי היינט איז ניט געווען.

פאר פילע ארבייטען פלעגט דער פויער באצאלען מיט תבואה, מיט אייער און דערגלייכען, למשל דעם שמיד פאר אונטערקאווען דעם פערד, דעם קאנאוואל פאר היילען דעם פערד, דעם ציגיינער פאר פארריידען ציינער אדער בויך וועהטאק (קיין דאקטיירים, איז אין די מערסטע רוסישע דערפער נאך היינט אויך ניטא). אפילו דא אין אמעריקע מיט א יאר הונדערט צוריק פלעגט דער פארמער צא־לען די סאבסקריפשאן פאר די צייטונגען מיט תבואה, מיט טויר־קיס און נאך אזעלכע זאכען.

אזא פירונג באצייכענט מען אין דער פאליטישער עקאנאמיע מיט דעם נאמען „נאטוראל־ווירטשאפט“. אבער אז איר ויעט נוט באטראכטען, וועט איר זעהען אז אין דער נאטוראל־ווירטשאפט גופא זיינען געווען אזעלכע ווארצלען פון וועלכע עס האט געזאלט אויפגעהען און אויסוואקסען „א געלט־ווירטשאפט“. וואס רופט מען א געלט־ווירטשאפט ? עס איז אזא פירונג וואס אלץ ווערט געשאצט אף געלט. און ווען ווערט אלץ געשאצט אף געלט? ווען אלץ ווערט געקויפט און פארקויפט. דאס טרעפט איר נאר אין א הויך ענטוויי־קעלטער, קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, אבער דעם אנפאנג פון דעם זעט איר שוין אין דער נאטוראל־ווירטשאפט. געוויסע זאכען, אמת ניט פיל, ווערען שוין פארקויפט און געקויפט, דאס הייסט זיי זיינען שוין געווארען א סחורה, אדער אויף טייטש „וואארע“. דערי־בער באצייכענט מארקס דעם צושטאנד מיט דעם נאמען „וואארען־ווירטשאפט“. נעמט די אלע סארטען סחורה וואס בייטען הענט אין מארק אדער אויף א יריד; אין יעדע איז אריינגעלעגט א שטיקעל מלאכה, אלע צוזאמען מאכען זיי אוים די מלאכה פון דעם גאנצען כלל. אז איר האט צייט און א קאפ צו פילאסאפירען, קענט איר זיך דאס פארשטעלען אזוי ווי די גאנצע מלאכה פון דעם כלל וואלט גע־ווען איינגעטיילט צווישען די פארשידענע בעלי מלאכות. די פאלי־טישע עקאנאמיע רופט דאס טאקע אזוי — „ארבייטס־טיילונג“. אין דער אמת'ן אבער איז דאס ניט מער ווי א וויסענשאפטליכער בא־גריף, אז איר זיינט א שניידער און געהט „צווישען די קראמען“ קוי־פען פאר זיך א יארמולקע, מעלדעט איר ניט דעם פארקויפער אז איר זיינט א שניידער, און איר פרעגט אפילו ביי עם ניט, אויב ער איז

אליין דער קירזשנער. איר טרעפט זיך איינער מיט'ן אנדערען פראסט ווי א קויפער און א פארקויפער. אין מארק איז יעדער א סוחר, א בעל מלאכה טרעפט אן א בעל מלאכה אין מארק, נאר ווי איין סוחר דעם אנדערען. און א חוץ ווי אין מארק האבען זיי איינער מיט'ן אנדערען קיין געשעפטען ניט.

אלזא אין א ווארען־געזעלשאפט איז די ארבייט איינגעטיילט אין הויז און איינגעטיילט אין כלל; די נפקא מינא איז אז אין הויז איז די ארבייט איינגעטיילט אויף א געוויסען פלאן: דער טאטע שנייט צו, דער בחור נייט צוזאמען, דער אינגעל ציט ארויס די פאסטריגעס, די מאמע קאכט ווארעמעס, די טאכטער פיטערט די בהמה, — אין דער גאנצער געזעלשאפט אבער איז די ארבייט ניט איינגעטיילט געווארען אויף קיין פאראויסגעזעהענעם פלאן, מען האט ניט געמאכט קיין מאססמיטינג מיט רעזאלושאנס: „אין אנ־בעטראכט וואס דורך די טיילונג פון דער ארבייט אונטער פארשי־דענע פאך־לייט קען די מלאכה צוגעהן בעסער און גיכער, זיי עס בא־שלאסען: צו ערוועהלען א צעכאווע אופראווע מיט א סטאראסטע, זיי זאלען צוטיילען דעם גאנצען עולם אויף שניידער, שוסטער, קיר־זשנער און אז. וו. זיי עס ווייטער באשלאסען: אז די שניידער, שוס־טער, קירזשער א. אז. וו. זאלען איינער דעם אנדערען פארקויפען זייער סחורה אין מארק". ניין, אזוי איז דאס גראד ניט צוגעגאנגען. די ארבייטס־טיילונג איז אויסגעוואקסען, ווי עס רעט זיך „מיט דער נאטור". איינער איז געווארען א שוסטער, דער אנדערער א שניידער און איינער האט פון אנדערען ניט געוואוסט ביז וואנען זיי האבען זיך ניט געטראפען אין מארק ווי סוחרים. אין א פאר הונדערט יאר ארום איז געקומען אן ענגלישער געלערענטער אדאם סמיטה, און האט געגעבען צו פארשטעהן, אז די אלע סוחרים זיינען ניט מער ווי בעלי מלאכות און אז דאס הייסט „ארבייטס־טיילונג".

.3

דער איבערגאנג פון ווארען־ווירטשאפט צו קאפיטאליזם.

עס איז שוין א לאנגע צייט זינט די גאנצע וועלט איז געווא־רען א וועלט פון סוחרים: יעדערער מוז עפעס פארקויפען און יע־דערער מוז עפעס קויפען. פאר א יאר הונדערט — צוויי הונדערט

צוריק זיינען דאָס געווען גרעסטענטיילס קליינע סוחרים. יעדער בעל מלאכה איז געווען א סוחר. א באַנדער וואָס האָט געבראַכט עמער פארקויפען אַפ'ן מארק, א קירזשנער וואָס האָט געבראַכט היטלען, האָבען זיך איינע די אנדערע באטראַכט ווי סוחרים. יעדערער פון זיי האָט זיך געדונגען אַף וואָס די וועלט שטעהט, כדי אפּצודינגען פון דעם אנדערען א צענעריל. האָט איר ווען עס איז געהערט א קירזש־נער זאָל זאָגען עס איז אן עולה אָפּצודינגען אַ פּאָר גראָשען פון דעם באנדער? אזאַ געדאנק האָט קיינעם גאר ניט געקענט איינפאלען. יע־דער בעל מלאכה האָט געארבייט שווער און ביטער פאר זיינע פּאָר גראָשען, און פאר וואָס קומט עס, דער באנדער זאָל איבערצאָלען דעם קירזשנער, אָדער דער קירזשנער דעם באַנדער? געוועהנלאַך, אז מען האָט זיך שוין באדונגען וועגען דעם מקח, דעמאָלט ניט באַ־צאָלען וואָס מען האָט זיך באדונגען — איז א שווינדעל. אָבער אזוי לאנג ווי איין סוחר באַצאָלט דעם אנדערען וואָס מען האָט אפּגערעט, זיינעןביידע ארענטלאַבע לייט.

ניט אלע מלאכות קען מען ברייגגען פארטיקערהייט אַף'ן מארק אָדער אין קראָם אריין. היטלען קען מען פארקויפען פארטיקע, אז מען דארף אָבער מאכען אן אויווען, מוז מען דינגען א מוליאר ער זאָל קומען צו אייך אין שטוב און מאכען די ארבייט. אז מען דארף אונ־טערקאָווען א פערד, מוז מען געהן צום שמיד. א קאַפּאָטע קען מען אפילע קויפען אין טאַנדעט, אָבער אז מען וויל א רעכטען שבת'די־קען בגד קויפט מען די געוואַנט און מען גיט אָפּ א שניידער, ער זאָל מאכען צו דער מאָס. היינט לאָמיך אייך פרעגען: איז דאָ עפּעס פּאַ־ראַן א נפקה מינה פון קויפען אַ היטעל א פארטיקע און דינגען א מוליאר ער זאָל אייך ארייגשטעלען א הרובקע אין חדר? אויב איינס איז רעכט, איז דאָס אנדערע אויך יושר. אָדער קען מען זאָגען אז ווען איך קויף א קאַפּאָטע אין טאַנדעט, בין איך א קויפער און דער טאַנדעטניק א פארקויפער; אז איך באדינג זיך אָבער מיט'ן שניידער דריי רובעל פאר אויפנייען בין איך הייסט דאָס דער „עקס־פּלואַטאַטאָר" און ער ,דער שניידער, איז דער „עקספּלואַטירטער"? אזאַ געדאנק קען אין יענע צייטען קיינעם גאר ניט איינפאלען, גאָר פּראָסט מחמת יעדען איינעם קומט אויס צו דינגען דעם אנדערען צו טאָן א שטיקעל ארבייט.

אַלזאָ עס איז אַ וועלט פון קליינע סוחרים, אונאָפּהענגיקע בעלי מלאכות. פון דערפון לאָזט זיך אויס אָבער, אז עס זיינען פאראַן

בעלי מלאכות וואָס געהען ארבייטען פאַר אַן אנדערען. דער מוליאַר וואָס געהט מאַכען אַן אויוועוון ביי'ן קורזשנער אין שטוב, דינגט דער קירזשנער צו זיך אין שטוב אויפנייען אַ פיזימענעם פוטער. היינט איז דער קירזשענער דער „בעל הבית" און דער מוליאַר איז דער „אַרבייטער", מאָרגען איז דער מוליאַר דער „בעלי הבית" און דער קירזשנער דער „אַרבייטער", ווער איז דאָ דער „לאַהנ־שקלאַף" ? אָט אַזוי ווערט פאַמעלאַך איינגעפירט אַז מען דינגט אַרבייטער און אַזוי לאַנג ווי מען באַצאָלט דעם אַרבייטער וואָס מען האָט זיך בעדונגען, הייסט דאָס מען האָט עס באַצאָלט פאַר זיין אַרבייט וויפיל זי איז ווערט.

היינט ווען איך בין אַ מוליאַר און געה אַרבייטען פאַר יעדען איינעם, וואָס דינגט מיך, טו וואָס מאַכט מיר אויס צי דער וואָס דינגט מיך איז אַ קירזשנער אָדער אַליין אַ מוליאַר, אַבי ער באַצאָלט מיר מיין פרייז ? אָט אַזוי קומט עס צו דערצו אַז אַ בעל מלאכה דינגט אַנאַנדער בעל מלאכה פון דעם אייגענעם פאַך צו אַרבייטען אַף שכירות, און ביידע באַטראַכטען עס פאַר יושר. עס שטעלט זיך אָבער אַ קשיא : פאַר וואָס זאָל למשל איין שניידער געהן אַרבייטען פאַר אַן אַנדערען און ניט פאַר'ן קונד גופא ? אַז איר וועט זיך אַרומקוקען און דערמאָנען זיך ווי אַזוי עס זיינען ביי אונדז אין מינסק, אָדער ביי אייך אין קאָוונע געוואָרען „מויר־טשענט־טעילאָרס", וועט איר דאָס לייכט בייגרייפען. פאַר אַ יאָר פופציק צוריק זיינען געווען געווען די גראַניקעס מענער שניידער שמעון איז געווען אַזוי זיך אַ שניידער, ווי גראַניקעס אָבער זיינען געוועזן „ערסטער קלאַס". אַזוי זיינען צו זיי ביסלאַכווייז איבערגע־גאַנגען שמשעון'ס קונדען. די גראַניקעס האָבען שוין ניט געקענט פאַרטיק ווערען אַפ'ן אַלטען אופן מיט אַלע אַרבייטען וואָס זיי האָבען געהאַט. מען האָט געמוזט איינטיילען די אַרבייט אין שאַפּ : איינער האָט געמאַכט נאָר הויזען, דער אַנדערער נאָר קאַמיזעלקעס, איינער האָט נאָר געפּרעסט און אַזוי כסדר. דורך דעם איז גע־גאַנגען די אַרבייט גיכער און מען האָט זיך געקענט באַנוצען אַפילו מיט ניט קיין זעהר גוטע שניידער. און אַנב אַז אַזאַ שמעון אָדער אַברהם לייב האָט אָנגעוואָרען זיינע בעסטע קונדען האָט ער זיך באַטראַכט : איידער אַרומגעהן ליידיק, וועט ער בעסער געהן אַרבייטען צו די גראַניקעס און ער וועט ביי זיי נאָך אפשר מאַכען מער ווי פאַר זיך.

ווייטער, די גראניקעס האבען געקענט באשטעהן צו באצאלען זייערע געזעלען בעסערע שכירות איידער שמעון און פארט אויס־קומען בעסער פאר עם. ווייל ביי זיי איז די ארבייט געגאנגען ני־כער, דורך דעם וואס זי איז געווען בעסער איינגעטיילט. שמעון האט ניט געקענט אזוי אייטיילען די ארבייט ביי זיך, ווייל ער האט אפשר סך הכל געהאט איינעם אדער צוויי ארבייטער.

היינט לאמיר מאכען א חשבון. שמעון נעמט צוויי רובעל פאר אופנייען א פאר הויזען, און עס געדויערט ביי עם מיט אן אויסהעלפער א גאנצען טאג. ער באצאלט דעם אויסהעלפער זעקס רובעל א וואך, בלייבט עם אליין אויך זעקס רובעל א וואך, אז ער האט יעדען טאג א פאר הויזען צו מאכען. ביי די גראניקעס איז די ארבייט אזוי צוטיילט, אז די זעקס פאר הויזען ווערען געמאכט, אין איין טאג און עס זיצען אף דעם זעקס ארבייטער. אז יעדער פון זיי באקומט א רובעל מיט א פערטעל א טאג מאכט דאס אויס אכטאלבען רובעל, בלייבט פאר'ן באלעבאס פינפטאלבען א טאג, אדער 27 רובעל א וואך. פארשטעהט איר דעם אונטערשיד ? שמעון האט געמאטערט זיין אויסהעלפער פאר 6 רובעל א וואך און האט זיך אליין אויך ביי דערביי געמאטערט פאר די איינענע 6 רובעלס. גראניק צאלט זיינע אויסהילפער אכטאלבען רובעל א וואך און מאכט ביי דערביי 27 רובעל, און אלייע נייט ער שוין ניט אין געהט ארום ווי א פריץ. פון וואנען נעמט זיך די27 רובעל ? לאמיר זאגען, ער קען אליין פארדינען אכטאלבען רובעל א וואך ווי דער ארבייטער, פון וואנען נעמט זיך די איבריקע ניינצען רובעל? האט ער עפעס חלילה בעראבעוועט זיינע ארבייטער, ווען ער צאלט זיי מערער איידער שמעון דער שניידער קען מאכען פאר זיך, הגם שמעון איז אליין פאר זיך א בעלי הבית ?

דער פראפיט קומט פון קאאפעראציע אין שאפ, פון דער איינטיילונג פון דער ארבייט אין שאפ. די גראניקעס האבען אר־גאניזירט די ארבייט, זיי נעמען זיך דעם פראפיט. דער ארבייטער באקומט באצאלט אזוי פיל וויפיל ער קען אליין מאכען פאר זיך. דאס איז דער יושר פון א וועלט פון סוחרים. דער ארבייטער איז אליין אויך א סחר און ער באטראכט דאס אויך פאר יושר.

אזוי ווערט פאמעלאך איינגעפירט ארבייט אף שכירות און עס וואקסט אויס פון א בעלמלאכה א קליינער קאפיטאליסט מיט

א סך ארבייטער אונטער וועלכע די ארבייט איז איינגעטיילט אין שאפ גופע. אזא שאפ רופט מארקס „מאנופאקטור“. פון דער מאַנואפקטור הויבט זיך אָן די מאכט פון קאפיטאל איבער דער ארבייט, וואָס מען רופט קאפיטאליסטישע פּ ר אָ ד וק צ י אָ ן. עס זיינען געווען נגדים פאר דעם אויך, אָבער דאָס זיינען געווען ענטוועדער פריצים און טשינאָווניקעס וואָס האָבען געלעבט פון פּאַטשינע און פּאָדאטקעס, אָדער גרויסע סוחרים און מלוים, וואָס האָבען נעמאכט געלט הויפּטזעכטליך ארום די פריצים אָדער פון דער רעגירונג. פון וואַנען שטאַמט למשל דער רייכטום פון די גינצבורג׳ס אין רוסלאַנד ? עס וועלען זיך נאָך אפשר געפינען צוויי־שען די לעזער א פּאָר וואָס געדיינקען די צייט פון דעם אָטקופּ פון אקציז. ביז מיט פופציק יאָר צוריק פלעגט די רוסישע רע־גירונג אָפּגעבען דעם אקציז צו אָן ארענדאַטאָר. דער אַלטער גינז־בורג איז געווען איינער פון אזעלכע ארענדאטאָרס און אָן דעם פלעגען זיי מאכען גאָלדענע געשעפטען. נאַטירליך, אַזוי צי אַזוי, פלעגט דער פּראָפיט סוף כל סוף קומען פון אָרעמאַן, אָבער אין דער ארבייט גופע האָט זיך דער קאפיטאליסט ניט געמישט, אלזאָ די פּראָדוקציאָן אליין איז ניט געווען קיין קאפיטאליסטישע.

נאָר זינט עס ווערט איינגעפירט קאָאָפּעראַציע אין שאַפּ, הויבט זיך אָן די מאכט פון קאפיטאל איבער דער ארבייט גופע. דער באַלעבאָס ארגאניזירט די קאָאָפּעראַציע. און, פאַרשטעהט זיך, ער אָרגאניזירט זי פאר זיין אייגענעם תכלית. מאכט נאָר ניט קיין טעות : איר האָט מסתמא געהערט פון קאָאָפּעראטיווער קראָמען, אָבער דאָס איז נאָר אָן אנדער סאָרט קאָאָפּעראַציע. ווען מארקס רעט פון „קאָאָפּעראַציע“ מיינט ער דעם ארבייטען צוזאַמען פון א סך מענטשען, וואו איינער קען אָן דעם אנדערען ניט אויסקור־מען אין זיין ארבייט, ווי למשל אין א קלאָוק שאַפּ, וואו דער אָפּ־רעיטאָר קען ניט אויסקומען אָן דעם פּרעסער. א. אז. וו. אזוי רופט זיך דאָס אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

אלזאָ פון דעם ערסטען שריט אָן באשטעהט דער כוח פון קאפיטאל אין דעם, וואָס ער אָרגאניזירט די ארבייט אף א געזעל־שאפטליכען פּלאַן. וואָס מער עס וואַקסט דער געשעפט, וואָס מער באשטעלונגען דער פאבריקאנט קריגט, אלץ מער ווערט די ארבייט איינגעטיילט. דער באַרימטער עקאָנאָמיסט אדאם סמיטה דער־צעהלט ווי מען האָט געמאכט שפּילקעס פאר אָן ערך הונדערט

און פופציק יאָר צוריק. די ארבייט איז געווען איינגעטיילט צווישען עטלאכע צענדליק ארבייטער און יעדער האָט געטאָן נאָר איין ספּעציעלע מלאכה. די גאנצע מאנופאקטור איז געווען ניט מער ווי א גרויסע לעבעדיקע מאשין וואָס איז באשטאנען פון א סך לעבעדיקע שרייפלאך און פעדאלאך, יעדער ארבייטער איז געווען ניט מער ווי א פּיצינקער שרייפעל אָדער א קליינינקע רעדעלע.

ווען די ארבייט איז געוואָרען אזוי איינגעטיילט, זיינען די געצייג אויך געוואָרען איינגעטיילט אין פארשיעדענע סאָרטען. א פּארצייטיקער שמיד האָט גענוצט די זעלבעקע אבצווענגע פאַר אלערליי מלאכות. ווען די ארבייט איז געוואָרען איינגעטיילט אין פּיצ־ברעקלאך איז פאַר יעדע שטיקעל ארבייט נויטיג געוואָרען א בעזאָנדערע אבצווענגע, און נאטירליך האָט מען זיי געקענט בעסערצופּאסען צום מאָס, ווי מען דאַרף פאַר יעדע ארבייט. דורך דעם איז דער אונטערשיד צווישען א מאנופאקטור און א קליינעם בעל מלאכה געוואָרען נאָך גרעסער. ווייטער, ווען די ארבייט איז געוואָרען אזוי איינפאַך, אז איינער האָט נאָר געצווינגען דעם דראָט, דער אנדערער האָט געשניטען, דער דריטער האָט געשליפען דעם שפּיץ און אזוי כסדר, איז שוין זעהר לייכט געוואָרען פאַר אזעלכע איינפאכע ארבייטען אנשטאט לעבעדיקע שרייפאלאך און רעדאלאך אויסצוטראַכטען מאשינען. איינע נאָך די אנדערע זיינען זיי איינגעפירט געוואָרען אין יעדער ארבייט און האָבען באפעסטיקט די מאכט פון קאפּיטאל. יאנקעל דער שוסטער האָט נאָך ווי עס איז געקענט אויסהאלטען געגען די וואַרשעווער שיך. אז ס'שוין געקומען זעהר שלעכט, איז ער געווען צופרידען געווען צו מאַכען די פאַר שיך אונטערען מקח און עסען הערינג מיט בולבעס, אבי ניט געהן איבער די הייזער. ווען עס איז אָבער איינגעפירט געוואָרען די מאשין, איז פאַר'ן שוסטער געקומען דער טויט. ווען מען מאכט היינט אין הייווערויל שיך ביי די טויזענטער און מען פארקויפט אמת גוטע שיך פאַר דריי פיר דאָלאר א פּאָר טו ווי אזוי קען א שוסטער מאכען א לעבען ? דער האָווערילער קאפּיטאליסט האָט ביי יאנקעל דעם שוסטער ניט אוועקגענומען די קאָלאָדקעס, מיט דעם דריי־פיסיקען ביינקעל, אַף דעם קען איך אייך שווערען ביין ארון קודש, אָבער די קאָלאָדקעס מיט'ן ביינקעל האָבען אָנגעוואָרען דעם ווערט, און אזוי איז געוואָרען אין אלע צווייגען ארבייט. יאנקעל דער שוסטער

האט אויסגעהייצט אין אויווען מיט זיינע „אינסטרומענטען פון פראדוקציאן“ און איז געגאנגען אין די פאבריק פון שיף ארבייטען פאר שכירות. אזוי איז ער ארונטער פון אן אונאבהענגיקען בעל מלאכה צו א פראלעטאריער.

אבער ניט נאר יאנקעל דער שוסטער איז געווארען א פראלע־טאריער, איר געדענקט פארצייטען האט דער פויער געהאט א פילע ארבייטען א הויז גאספאדארקע מיט וואס ער פלעגט אנפילען זיין ווינטערצייט. זיין ווייב און זיינע טעכטער האבען אויך נע־האט גענוג וואס צו טאן. היינט ווען מען האט איינגעפירט מאשינען אין דער שפינערייי און אין דער וועבערייי, איז קאלענקאר און קארטון געווארען אזוי וואלוועל, אז עס האט זיך שוין פשוט ניט באצאלט אנצואווערען די צייט אין דער היים. דעם פארמערס טאכטער איז אוועק אין שטאט ארבייטען אין א פעקטארי און דער פארמער אליין איז אויך געווארען אף צרות, ווארים ארבייטענדיק א האלב יאר איז שווער אויסצוקומען א גאנץ יאר. דעם פארמערס זון האט אויך געמוזט געהן אין שטאט זוכען ארבייט אין פעקטארי, אזוי איז אויסגעוואקסען דער פראלעטאריער־קלאס.

4.

דער איבערגאנג פון קאפיטאליזם צו סאציאליזם.

מיר האבען געזעהען, ווי אזוי דער קאפיטאליזם איז געקומען אף דער וועלט. זיין ווייטערע ענטוויקעלונג איז דער רעזולטאט פון דער אויסברייטונג פון מאשינערי אין אלע צווייגען פון דער אינ־דוסטרי. די איינפיהרונג פון רק נייע מאשינען האט געבראכט מיט זיך קאנקורענץ אונטער קאפיטאליסטען. דער גרעסערער קאפיטא־ליסט פארשלינגט דעם קלענערען, ביז וואנען עס בלייבען נאר עטלאכע פאבריקאנטען אין יעדען געשעפט.

דער „מיטעלקלאס“ ווערט רק קלענער און די גאנצע געזעל־שאפט צופאלט זיך, וואס ווייטער, רק מערער, אין צוויי קלאסען: דעם קאפיטאליסטישען קלאס און דעם ארבייטער קלאס, צום סוף מוז קומען אזא צייט, אז עס וועלען בלייבען נאר צוויי קלאסען, דער מיטעלקלאס וועט אין גאנצען נעלם ווערען. דאמאלס מוז עס קומען צו א סאציאלע רעוואלוציאן. דער ארבייטער קלאס, דער גרע־סערער, וועט זאגען צו דעם קאפיטאליסטישען קלאס, דעם קלענע־

רעז: „לך לך“, קיין קלאס אין דער גאנצער וועלט־געשיכטע האט נאך ניט אפגעטראטען זיינע פריווילעגיעס פרייוויליק, און א קאמפף. דעריבער מוז מען זיך ריכטען אף אן אופשטאנד פון דעם פראלעטאריאט, אדער אף א „רעבעליאן (בונט) פון שקלאפען־האלטער“, ווי אין דעם אמעריקאנער בירגער־קריג פון 1861—1865.

דיזע געדאנקען זיינען שוין געווען פארשפרייט אין פראנקרייך פאר מארקס'ן. ער האט זיי געפונען פארטיקערהייט און ער האט זיי געגעבען א פילאסאפישע ערקלערונג אין דעם „קאמוניסטישען מאניפעסט“ און אין דעם „קאפיטאל“.

איך געדענקט, אז דער סאציאליזם איז געווארען רעוואלו־ציאנער נאר דעמאלט, ווען ער האט זיך פארשפרייט צווישען די רעוואלוציאנערע דעמאקראטען אין פראנקרייך, א יאר צען פאר דער רעוואלוציע פון 1848. דער נאמען „סאציאל־דעמאקראטיע“ שטאמט אויך פון יענע צייטען. פריהער האט מען פארלאנגט נאר פאליטישע דעמאקראטיע, איצטער האט מען צוגעלייגט דעם ווארט „סאציאלע“, צו ווייזען אז אלץ מוז ווערען דעמאקראטיש, ניט נאר דער שטאט, אפילו די פאבריקען אויך. היינט איז אין דער פאבריקע דער באלעבאס אזוי ווי א קיסר, ער קען טאן וואס ער וויל; אין א סאציאלער דעמאקראטיע טאר אין שאפ אויך קיין קיסר ניט זיין, אלע דארפען זיין גלייך, דער סופעראינטענדענט, די פארלייט דאר־פען ערוועהלט ווערען פון פאלק, ווי די בעאמטע פון שטאט. נאטיר־ליך, וועלען די קאפיטאליסטען מיט גוטען דאס ניט דערלאזען. און רעוואלוציע קען אלזא דער סאציאליזם ניט איינגעפירט ווערען.

היינטצוטאג, נאך כמעט פופציק יאר פון פארלאמענטארישער

מעטיקייט פון די סאציאליסטישע פארטייען אין אלע לענדער, רעדט מען שוין זעהר אפט פון א פרידליכען איבערגאנג פון קא־פיטאליזם צו סאציאליזם: וועלען די קאפיטאליסטען האבען שכל צו געהן מיט גוטען, וועט מען זיי נאך אפשר פארזארגען מיט שטע־לען פאר פארלייט, ווארים זיי זיינען געניט אין געשעפט. וועלען זיי זיך אבער איינשפארען, וועט מען זיי מוזען אנכאפען פאר'ן קאל־נער און ארויסווארפען.

אבער ניט מארקס אליין און ניט ענגעלס האבען ניט געהאט קיין גרויסען בטחון אין א פרידליכע „סאציאלע רעוואלוציאן“. ווי די ביאגראפען פון מארקס'ען דערצעהלען, איז ער געווען מיט

דער מיינונג, אז אפשר אין ענגלאנד קען דער איבערגאנג פון קאַ־פּיטאַליזם צו סאָציאַליזם זיין אַ פרידליכער. ענגעלס האָט אויסגע־שפּראָכען די מיינונג, אז איינער פון די גרויסע וועלט־קריזיסען וועט זיך אויסלאָזען מיט אַ „סאָציאַלער רעוואָלוציאָן“. ניט די פּאָ־ליטישע, ניט די עקאָנאָמישע לאַגע פון די קאַפּיטאַליסטישע לענ־דער אין דער צייט ווען מארקס איז ארויסגעקומען פאר דער וועלט מיט זיין טעאָריע, האָבען ניט געלאָזט דענקען פון קיין אנדערען וועג איינצופירען „סאָציאַלע דעמאָקראַטיע“, ווי דעם וועג אף וועלכען מען האָט נעקעמפּפט פאר פּאָליטישע דעמאָקראַטיע. אין 1847, ווען דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט“ איז ערשינען. האָט דער ארבייטערקלאַס אין קיין איינראָפּעאישען לאַנד ניט געהאט קיין שטימרעכט און אין די פאַראייניקטע שטאַטען האָט נאָך עקזיסטירט שקלאַפערייַ. אין 1867, ווען „דאָס קאַפּיטאַל“ איז ערשינען, איז אין פראַנקרייך געוועזן אַ מיליטערישער דעספּאָטיזם מיט אַן אַלגע־מיינעם שטימרעכט, וואָס האָט נעהאט אזוי פיעל באַדייטונג ווי אין מעקסיקאָ אין דיאַס'עס צייטען. אין ענגלאַנד האָט דער ארבייטער גאָר קיין שטימרעכט ניט נעהאט. וואָס איז שייך די עקאָנאָמישע ענטוויקעלונג, בשעת דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט איז ערשינען, האָט מען נאָר אָקאָרסט אָנגעהויבען צו בויען אייזענבאַנען און טעלעגראַפען. ווען „דאָס קאַפּיטאַל“ איז ערשינען איז נאָך קיין טעלעפאָן ניט געווען, פון עלעקטרישע באַלייכטונג, אייזענבאַנען, עלעקטרישע קראַפט אין דער אינדוסטרי האָט מען נאָך גאַרנישט ניט געוואוסט.

דער ערסטער טראָסט, דער סטענדארד אויל טראָסט, האָט זיך אָרגאַניזירט אין 1882. אין אַ האַלב־יאָר איז קאַרל מארקס געשטאָר־בען. די ענטוויקעלונג פון די טראָסטס האָט ער שוין ניט געזעהען, און פון קאָפּ האָט מארקס קיין נביאות ניט געשפּונען. די סאָציאַ־לע רעוואָלוציאָן האָט זיך עם אויסגעוויזען פאַר דעם איינציקען וועג איינצופירען דעם סאָציאַליזם. ווייל אין זיין צייט האָבען זיך נאָך ניט ארויסגעצייגט קיינע פאַקטען, פון וועלכע מ'וואָלט נעקענט שליסען, ווי אזוי דער סאָציאַליזם קען זיך ענטוויקלען אף אַ פרידליכען וועג.

5.

די טעאָריע פון מערווערט.

די נרעסטע באַדייטונג פון מארקס'ען באשטעהט אין זיין טע־

אריע, אַז דער סאָציאַליזם וועט מקוים ווערען ניט מחמת ער איז אַזוי פיין מאָראַליש, נאָר דורך די ענטוויקעלונג פון דער אינדוסטריע. וואָס מאַכט דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס רק קלענער און דעם אַרבייטערקלאַס רק גרעסער און שאַפט אַ פאַרטיקע אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט, וואָס דער אַרבייטער־קלאַס דאַרף נאָר קומען און איבערנעמען דעם געשעפט. דאָס איז דער עיקר פון זיין מאַטעריאַליזם. פאַר מאַרקס'ען האָבען די סאָציאַליסטען רק גע'טענה'ט צום עולם: „ב'לעבען, דער סאָציאַליזם איז דאָך אַזאַ שעהנע אמונה, זאָלען נאָר אַלע ווערען סאָציאַליסטען, וועלען זיי מאַכען אַ גן־עדן נאָך אויף ד ע ר וועלט, — כ'לעבען, פאַרוואָס זאָלט איר טאַקע ניט ווערען אַ „סאָציאַליסט?" דער זייטיקער מענטש אָבער פלעגט זיך צוהערען צו די רייד פון די סאָציאַליסטען און פלעגט בלייבען ווי אַ צומיישטער: יעדער קלייזעל האָט געהאַט זיין אייגענעם באַגריף וואָס איז שעהן און מאָראַליש, און זיין אייגענעם פּלאַן ווי דער סאָציאַליסטישער גן־עדן דאַרף זיין איינגעפיקסט ער זאָל אויסזעהן שעהן, און ווען די אַלע סאָציאַליסטישע פּלענער פלעגען ניט שטימען צווישען זיך, פלעגט איין קלייזעל באַשולדיגען דעם אַנדערען, אַז יענעם'ס סאָציאַליזם איז אַ נאָכגעמאַכטער, ניט דער עכטער סאָציאַליזם. אַביסעל איז דאָס אייך מסתמא באַקאַנט. נאַטירלאַך ווען דער זיג פון סאָציאַליזם וואָלט געדאַרפט אָפּהיינגען פון דער אָדער יענער מאָראַלישער טעאָרי, וואָלט ער געהאַט זעהר שלעכטע אויסזיכטען, קאַרל מאַרקס אָבער איז געקומען און האָט באַוויזען אַז דער זיג פון סאָציאַליזם הייננגט ניט אָפּ פון דעם, צי ער איז שעהן, צי ער איז מיאוס, צי ער איז מאָראַליש צי אונמאָראַליש. דער סאָציאַליזם וואַקסט דורך עקאָנאָמישע ענטוויקלונג, צי ער געפעלט אייך צי ניט, און איר קענט ניט העלפען, ווען עס געפעלט אייך אפילו ניט. דאָס האָט פאַרשטאָפּט דעם מויל ביי יענע וואָס האָבען גע'טענה'ט, אַז דער סאָציאַליזם איז ניט פּראַקטיש, והא ראיה, אַז די סאָציאַליסטען אליין זיינען ניט אייניק וועגען דעם אויף וואָסער אופן זיי ווילען גליקלאַך מאַכען די וועלט. דער ענטפער פון קאַרל מאַרקס'ן אויף דעם, איז אַז דער סאָציאַליזם וועט קומען אַזוי זיכער ווי דער טויט; עס איז אַלזאַ איבעריק צו זוכען אויף עם חסרונות. דאָס האָט נאַטירלאַך געגעבען אַ נייע קראַפט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דער סאָציאַליזם קומט אַלזאָ, ניט דורך שעהנע רייד, נאָר דורך עקאָנאָמישע ענטוויקלונג. נאַטירלאך, אַ מענטש מוז אַלע מאָל האָבען ערגעץ אַ תירוץ איבערצובייטען זיין פירונג. קארל מארקס'עס תירוץ איז די ווערט־טעאָריע. דער ארבייטער, זאָגט ער, פארקויפט זיין ארבייטס־קראַפט. ארבייטס־קראַפט איז אַ סחורה ווי יעדע אַנדערע. ווען איר קויפט אַ פערד, באַצאָלט איר דעם מקח, דער פאַרקויפער האָט די געלט און איר דעם פערד. וואָס טוט איר מיט'ן פערד? איר שפאַנט עס איין און צווינגט עס צו ארבייטען, היינט ווען איר פאַרקויפט אייער ארבייטס־קראַפט, טו האָט איר די געלט, אייערע שכירות, און דער באַלעבאָס האָט אייער ארבייטס־קראַפט. וואָס טוט ער מיט אייער ארבייטס־קראַפט. ער נוצט זי, ער צווינגט אייך צו ארבייטען, וואָס איר ארבייט אויס, איז אָבער גרעסער איידער וואָס איר באַקומט. פאַרוואָס? וואָרים, זאָגט ער, דער ווערט פון אַ זאַך ווערט געמאַכט דורך די ארבייט וואָס עס נעמט זי צו מאַכען. צו מאַכען מענטשלאַכע ארבייטס־קראַפט, דאַרף מען דעם מענטשען האָדעווען, קאָרמענען, קליידען און אז. וו. אַט דאָס איז דער ווערט פון זיין ארבייטס־קראַפט. עס נעמט למשל זעקס שעה אַ טאָג דאָס אַלץ צו באַזאָרגען; דער ארבייטער ארבייט אָבער צען שעה אַ טאָג, דער אונטערשיד געהערט צו דעם באַלעבאָס. דאָס הייסט „מער־ארבייט“ און דער ווערט, וואָס מען ארבייט אויף די איבריקע פיר שעה הייסט „מער־ווערט“. דעם מער־ווערט באַקומט דער באַלאַבאָס אומזיסט. דער מער־ווערט קלייבט זיך אָן; אז דער באַלאַבאָס זאָל פון דעם אָנקלייבען למשל נאָר 5% אַ יאָר אויף זיין קאַפּיטאַל, מאַכט דאָס אויס אין צוואַנציק יאָר אַזוי פיל, ווי ער האָט פון אָנהויב אריינגעלעגט אין זיין געשעפט. היינט רעכענט אויס ווי פיל עס מאַכט אין צוויי הונדערט יאָר, ווען דער קאַפּיטאַל ווערט פאַרדאָפּעלט יעדע צוואַנציק יאָר, עס איז מער ווי טויזענט מאָל אַזוי פיל, ווי דער קאַפּיטאַל וואָס איז פון אָנפאַנג אָן אריינגעלעגט געוואָרען. אַלזאָ ווען אַ קאַפּיטאַליסט האָט מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק אויף אָן ערלאַכען אופן אָפּגעשפּאָרט אַ טויזענט דאָלאַר און האָט מיט דעם געמאַכט אַ געשעפט, טו האָט זיך ביי זיינע אור־אייניקלאך פון היינט אָנגעקליבען אַ מיליאָן און פון דעם מיליאָן איז 999,000 „מער־ווערט“, דאָס הייסט די פרוכט פון אונבאַצאָלטע ארבייט.

צי דער חשבון איז ריכטיק צי ניט, היינגט אָפּ אין גאַנצען

פון דעם, צי די ארבייט איז די אמת'ע מאָס פון ווערט. דאָס איז אָבער קיין מאָל ניט באוויזען געוואָרען מיט פאקטען; אוי־בער־חכמות זיינען קיין פאקטען ניט. א מארקסיסטישער חסיד, ווען ער הערט דאָס ווערט ער א צוקאָכטער. אויב דער קאפיטאל איז אָנגעקליבענע אומזיסטע פראצע, טו מעג מען עס ביי די קאפיטאליסטען אָפּנעמען, אויב אָבער ניט, טו שרייבט א ראשי־תבות אפ'ן סאָציאליזם: „פּ" „פּ" — פּארפּאלען! איי וואו איז אייער מאטעריאליזם? וואו איז די נביאות אז דער סאָציאליזם מוז קומען אפילו ווען איר גלויבט אין עם ניט?

האָט גאָר קיין מורא ניט: וואו שטעהט דאָס אז עס איז פאראן נאָר איין תירוץ אף דער וועלט?

מיר וועלען זעהען אין דעם נעקסטען קאפיטעל, אז עס זיינען פאראן נאָך אנדערע תירוצים אף איינצופירען דעם סאָציאליזם.

ז ע ק ס ט ע ר ק א פ י ט ע ל.

סאציאליזם אלס שטאטס־רעפארמע.

ק א ר ל ר א ב ע ר ט ו ס.

קארל מארקס האט באוויזען אי דאס דער קאפיטאליסט אר־גאניזירט די ארבייט פון דער געזעלשאפט, אי דאס מיט דער צייט, ווען ער האט שוין פארטיק געמאכט די ארבייט, ווערט ער גאר איבעריק פאר דעם כלל און מ׳ קען אן עם אויסקומען.

אין דער סאציאליסטישער אגיטאציע ווערט געוועהנליך פאר־געסען דער ערסטער פונקט, אז דער קאפיטאליסט איז נויטיק גע־ווען צו מאכען די געוואלטיקע רעוואלוציע אין דער גאנצער מענטש־ליכער פירונג, איבערצומאכען א קליין־שטעטעלדיקע, פויערישע וועלט אף א וועלט פון גרויסע שטעט, גרויסע פאבריקעס, אייזענ־באנען, טעלעגראפען, טעלעפאנען, און וועלט־האנדעל. גאנץ נא־טירליך גיט מען דעם אולם צו פארשטעהן יענע זייטען פון קא־פיטאליזם, פון וועלכע די קאפיטאליסטישע בעל־דרשנים שוויינען שטיל, דאס הייסט, אז דער קאפיטאל איז רעוואלוציאנער און ער קען נאך זיין נאטור ניט אפשטעלען זיך ביז וואנען ער וועט ניט איבערקערען קאפויר דעם קאפיטאליזם גופא.

אין אנהויב פון די „ניינציקער" יארען, נאך איידער בערנשטיין איז ארויסגעקומען מיט דעם רעוויזיאניזם, האט מען אין דעם בא־רימטען גריטלי־פאראיין, אין דער שווייץ, דעבאטירט די פראגע: וואס טוט די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי, ווען זי באקומט היינט אדער אין קורצען די פאליטישע מאכט אין אירע הענט? מען איז געקומען צו דער אנזיכט, אז א סאציאל־דעמאקראטישע רע־גירונג וואלט געקענט איבערנעמען נאר יענע געשעפטען, וואס גע־פינען זיך שוין אין ווייניקע הענט, די איבריקע וואלט מען מו־זען לאזען אין קאפיטאליסטישע הענט. ווי מיר האבען געזעהען, איז דערזעלביקער געדאנק אויסגעדריקט געווארען אין דעם פרא־יעקט פון דער פלאטפארמע, וואס די צענטראל־קאמיטע פון דער אמעריקאנער סאציאליסטישער פארטיי האט דעם היינטיקען יאהר (1916) איבערגעגעבען צו אן אפשטימונג פון די פארטיי־מיטגלי־

דער. וואס באדייט דאס? אז די קאפיטאליסטען מוזען פריהער האבען ארגאניזירט דעם געשעפט איידער א סאציאליסטישע פאר־וואלטונג קען עס נעמען אין אירע הענט. דאס ווייזט, אז דער קאפּיטאליסט טוט נאך היינט צו טאג, א נויטיקע ארבייט פאר דער געזעלשאפט, וואס קיין אנדערער קען ניט טאן, אדער אז אן דעם קאפּיטאליסט קען מען נאך היינט ניט אויסקומען.

דער געדאנק איז בפירוש אויסגעשפּראכען אין ענטוויקעלט געוואָרען פון קארל ראדבערטוס'ען אין זיין בוך „דאס קאפּיטאל“. אדער „דער פערטער סאציאלער בריף“, וועלכער איז שוין ערשי־נען נאך זיין טויט.

ראדבערטוס ווערט באטראכט אין דער וויסענשאפט אלס איינער פון די גרינדער פון דעם וויסענשאפטליכען סאציאליזם. לאסאל האט אין איינע פון זיינע רעדען בארופען זיך אויף ראדבער־טוסען אלס איינעם פון די אנערקענטע סאציאליסטישע וויסענ־שאפטס־מענער. נאר ראדבערטוס איז געווען א מאנארכיסט און האט נאטירלאך ניט געקענט זיין פאפולער אונטער דעמאקראטיש גע־זאנענע מענטשען. אבער צוליעב דעם גופא איז אינטערעסאנט צו וויסען, ווי ער האט פארשטאנען דעם סאציאליזם.

דער קאפּיטאליסט, זאגט ער, טוט היינט צו טאג א נויטיקע ארבייט פאר דער גאנצער געזעלשאפט. ער דינט אלזא דער גאנ־צער געזעלשאפט, אבער אונטער דער היינטיקער ארדנונג טוט ער דאס נאר אויסשליסלאך צוליב זיין אייגענעם תחלית און שטעהט ניט אונטער דער קאנטראלע פון דער געזעלשאפט. דאס מוז איבער־געביטען ווערען.

עס איז נישט דער ערסטער ביישפּיל, אז א קהל'שע זאך ווערט באזארגט ווי א פריוואט־געשעפט. מיט עטלאכע הונדערט יאר צו־ריק איז יעדער פריץ געווען א ריכטער איבער זיין מאיאנטעק. אין ענגלאנד האט זיך דאס נאך איינגעהאלטען ביז גאר ניט לאנג צוריק, ווער עס האט גע'ירש'ענט, אדער געקויפט דעם מאיאנטעק, האט געקויפט דאס רעכט צו משפּט'ן אין דעם מאיאנטעק. מיט דער צייט איז אנערקענט געווארען, אז משפּט'ן איז א קהל'שע זאך און מ'האט ביי'ן פריץ אוועקגענומען דאס רעכט און איבערגעגע־בען דעם שטאט. פארצייטען האט דער פריץ געהאט זיינע אייגענע סאלדאטען און האט געפירט מלחמה מיט אנדערע פּריצים, עס

איז געקומען א צייט, דער שטאט האט ביי די פריצים אוועקגענומען דאס רעכט צו נעמען זיינע פויערים פאר סאלדאטען און פירען מלחמה. דאס זיינען אנערקענט געווארען פאר קהל'שע זאכען. און אקוראט אזוי איז געקומען די צייט אז דער געשעפט פון א קאפיטאליסט זאל אנערקענט ווערען פאר א קהל'שע זאך, און דער קאפיטאליסט וועט געשטעלט ווערען אונטער עפענטליכע קאנטראלע. היינט נעמט זיך דער קאפיטאליסט פאר זיין טרחה אזוי פיל ווי ער וויל און צאלט דעם ארבייטער ווי פיל ער איז געצוואונגען צו צאלען, ווען דער געשעפט פון א קאפיטאליסט זאל אנערקענט ווערען פאר א קהל'שע זאך, וועט דער שטאט באשטימען וואס פאר א פראצענט ער מעג זיך נעמען און וויפיל ער מוז צאלען דעם ארבייטער.

איך געדענקט מסתמא, אז דער פראנצויזישער סאציאליסט פוריע האט אויך דאס זעלביקע פארלאנגט, דאס הייסט אז דער קאפיטאליסט זאל באקומען א באשטימטען פראצענט פאר זיין אנטייל אין דעם קהל'שען געשעפט, און דער ארבייטער זאל אויך באקומען א באשטימטען חלק פון דעם פראדוקט.

איך מיינט דאך אז דאס איז „אוטאפיסטיש", אז עס איז א חלום, איך האט אבער א תעות: ראדבערטוס'עס אנזיכטען ווערען היינט רק מערער פארברייטעט אין אזעלכע קעפ, וואס האבען אפילו זיין נאמען קיין מאל ניט געהערט, טאקע אין קאפיטאליסטישע קעפ גופא.

2.

הענרי דזשארדזש.

הענרי דזשארדזש איז אליין ניט געווען קיין סאציאליסט, הגם אין זיינע „סאציאלע פראבלעמען" איז ער געקומען זעהר נאהענט צום סאציאליזם. אבער זיין בוך איבער „פראגרעס און דלות" און זיין פראפאגאנדא אין אמעריקא און אין ענגלאנד האבען צוגעגרייט דעם ענגליש־שפרעכענדען עולם פאר די סאציאליסטישע אידעען.

ווען עס זיינען פאראן אין א געוויסען צווייג פון דער אינדוסטרי א סך קאפיטאליסטען, טו ווערט דער פרייז באשטימט דורך קאנקורענציע, און יעדער באקומט אזוי פיל, וויפיל ער האט פאר־

דינט; מיט דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט אבער וואקסען אלערליי „נאטירליכע מאנאפאליעם" — זאגט העגרי דזשאָרזש, ווען ישראל דער וואסער־טרעגער פלעגט ברייננגען צו אייער מאמען אין שטוב א פאר עמער וואסער פאר צוויי גראשען, טו האט ער נאר באקומען וויפיל זיין ארבייט איז ווערט געווען; ווען ער וואלט בעטען דריי גראשען, וואלט זי באדונגען זיך מיט אן אנדער וואסער־טרעגער. אז מען האט אבער אין מינסק אויסגעבויט דעם וואדאפראוואד, איז געווארען גאר אן אנדער מעשה. די קאמפאני שטעלט אזא פרייז ווי זי וויל און איר קענט ניט געהן ערגעץ וואו אנדערש: ישראל איז געווארען אוים וואסער־טרעגער, און אן וואסער קענט איר דאך ניט זיין. מיט א יאר זיבעציק־אכציק צו־ריק אז אייער זיידע האט געדארפט פארען פון ווילנע קיין מינסק, איז געווען משה יאג א בעל עגלה און יאנקעלע דאקשיצער, און ווען איינער האט געבעטען צו פיל האט מען זיך באדונגען מיט אן אנ־דערן. היינט איז קיין בעל עגלות מער ניטא, אז איר ווילט פארען פון ניו־יארק קיין פילאדעלפיע, מוזט איר באצאלען פאר א טיקעט (א בילעט) אף דער באן וויפיל מען פארלאנגט. אז איר ווילט, קען איר אפטאן דער אייזענבאן, — איר מעגט געהן צו־פוס. אדער פארען אף אן אויטאמאביל. איר מעגט, אבער איר קענט ניט! דאס רופט העגרי דזשאָרזש א נאטירלאכע מאנאפאליע. א מאנאפאליסט שטעלט אזא פרייז, וואס עם געפעלט עם. דאס איז ניט קיין ארענטלאכער פרייז, ווי עס פירט זיך צווישען ארענטלאכע סוחרים, דאס הייסט באריסען. ווי אזוי קען ער באריסען דעם גאנצען פובליקום? ווארים דער געזעץ האט עם געגעבען א פריווילעגיע. ווען די געז־קאמפאני וויל לייגען פייפס (טרובעס) מוז זי אופרייסען די גאסען און די גאסען באלאנגען צי דער שטאט און א קאנצעסיע „(פרעגנטשייז") פון שטאט קען די קאמפאניע דאס ניט טאן. אלזא פון וואנען קומט דער פראפיט פון דער מאנא־פאליע? פון דער פרעגנטשייז, דאס הייסט פון דעם שטאט. פאר וואס האט די שטאט עם געגעבען די פרעגנטשייז. לטובת הכלל: כדי יענער זאל אויסבויען אן אייזענבאן, אדער א וואדא פראוואד און דערגלייכען, ווען דער מאנאפאליסט באריסט דעם עולם, איז דאס די פליכט פון שטאט אריינצומישען זיך און אוועקנעמען פון עס די מאכט צו באדריקען דעם פאלק. דערפאר פארלאנגט העגרי

רואדזש, אז אלע נאטירלאכע מאנאפאליעס זאלען באלאנגען צום שטאט.

היינט ווייסט איר, אז אין די אלע זאכען איז ארײנגעלעגט א קאפיטאל וואס איז פיל מער איידער אין אלע פאבריקעס ? ווען די אלע זאכען וועלען איבערגעהן צום שטאט, הייסט דאס, אז א העלפט פון די פראדוקציאנס מיטעל געהט איבער אין דעם אייגענ־טום פון שטאט. דער סאציאליזם, ווי איר נעדענקט, באדייט אז אלע פראדוקציאנס־מיטעל זיינען דאס אייגענטום פון שטאט. ווען א העלפט פון די פראדוקציאנס מיטעל געהט איבער צו דער שטאט, באדייטעט דאס א העלפט סאציאליזם.

אלזא פאר איין העלפט סאציאליזם האבען מיר גאר א גייעם תירוץ. און וואס איז נאך וויכטיקער, — די ערסטע העלפט ווילען איינפירען אזעלכע לייט, וואס זיינען גאנץ צופרידען, אז די אנדערע העלפט זאל בלייבען קאפיטאליסטיש. אלזא א העלפט פון סאציא־ליזם וועט מקוים ווערען דורך די געגנער פון סאציאליזם.

נאך אמאל זישע : קיין מאנאפאליעס דארף ניט זיין, ווען קאנקורענציע איז אונמעגלאך אין א געשעפט, טו מוז דער געשעפט באלאנגען צו דעם שטאט, דאס הייסט צום כלל. היינט שטעלט זיך א קשיא : ווען עס ווערט א טראסט אין אן אנדער געשעפט, למשל אין שוועבאלאך? איז דער ענטפער אז אזא געשעפט דארף אויך באלאנגען צים שטאט. ווער זאגט דאס, די סאציאליסטען ? חלילה, די קאמיסיע פון בופצען קאנגרעסלייט און פאליטישענס, וואס פרע־זידענט מאק־קינלי האט אנגעשטעלט, זיי זאלען דערנעהן אלצדינג איבער די אינדוסטרי אין די פאראייניקטע שטאטען. די קאמיסיע זאגט טאקע בפירוש אזוי : ווען דער שטאט מעג אוועקנעמען די אייזענבאנען, מחמת זיי זיינען א מאנאפאליע, טו מעג מען אוועק־נעמען יעדען אנדערען געשעפט וואס איז אויך א מאנאפאליע. היינט מיר ווייסען דאך, אז אלע צווייגען פון געשעפט איינער נאך דעם אנ־דערען פאלען אריין אין די הענט פון טראסטס, דאס הייסט מיט דער צייט וועט יעדער געשעפט ווערען א מאנאפאליע. אלזא וועט דער שטאט האבען דאס רעכט אוועקצונעמען אלע געשעפטען פון די קאפיטאליסטען. דאס איז דער תירוץ פאר די אנדערע העלפט סאציאליזם. אט אזוי זיינען מיר שוין פארזארגט מיט תרוצים פאר'ן גאנצען סאציאליזם. און גאר אז דער ווערט־טעאריע. מיט

וואס זיינען די תרוצים ערגער פאר אנדערע ? מע וויל דאך ניט די הגדה, מע וויל די קניידלאך, טו וואס מאכט דאס אויס מיט וואס פאר א תירוץ מען קומט צום סאציאליזם ?

זיבעטער קאַפּיטעל.

אינדוסטריעלע קריזיסען און דער „צוזאַמענברוך“ פון קאַפּיטאַליזם.

1.

די טעאָריע פון דער „אונטערקאָנסומפּציאָן“.

דער גלויבען אין אַ „סאָציאַלע רעוואָלוציאָן“ שטיצט זיך אויף דעם פאַקט, אַז דער גאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע ווערט אונטערבראָכען דורך אינדוסטריעלע קריזיסען, וואָס ווערן גרעסער און גרעסער, אַז די צייט פון איין קריזיס ביז דעם אַנדערען ווערט רק קירצער, און סוף כל סוף מוז קומען צו אַ כראָנישען קריזיס, וואָס וועט ברינגען אַ פאָלשטענדיקען באַנקראָט פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט און וועט זיך אויסלאָזען מיט אַ „סאָציאַלער רעוואָלוציאָן“. לאָמיר באַטראַכטען די דאָזיקע טעאָריע גענויער.

אין וואָס באַשטעהט אַ קריזיס? פאַבריקעס ווערען געשלאָסען, אַרבייטער געהען אַרום ליידיק, די קראָמען זיינען געפּאַקט מיט וואַרע, אָבער עס געפינען זיך קיין קויפער ניט. אַלצדינג איז פאַראַן מער ווי מען באַדאַרף, און דערפאַר פעלט אַלצדינג ביי אַלעמען: עס זיינען פאַראַן אי מאַשינען, אי מאַטעריאַלען, אי אַרבייטער זיי צו באַאַרבייטען, אָבער די אַרבייט שטעהט. עס זיינען פאַראַן צו־פיל שיך און דערפאַר געהען אַרום די אַרבייטער אָן פאָדעשוועס.

פון וואַנען קומט עס? מען וויים אַז פאַרצייטען איז דאָס ניט געוועזען אַזוי. עס זיינען געוועזען אָרעמע לייט, וואָס עס האָט זיי געפעלט אַלצדינג, עס זיינען געוועזען גבירים, וואָס האָבען געהאַט מער ווי זיי האָבען געדאַרפט. אָבער אַ גביר זאָל באַנקראָטירען דערפאַר, וואָס ער האָט צופיל וואַרע אין זיינע קראַמען, דערפון האָט מען ניט געוואוסט. די האַנדעלס־קריזיסען זיינען געקומען צוזאַמען מיט דעם קאַפּיטאַליזם, פון וואַנען זשע נעמט זיך אַ קריזיס אונטער דעם קאַפּיטאַליזם? אויף דערויף איז פאַראַן אַ פּאָרטיקער ענטפער: דער אַרבייטער קריגט נאָר אַ טייל פון דעם פּראָדוקט פון זיין אַרבייט, דעם אַנדערען טייל נעמט צו דער קאַפּיטאַליסט. דער אַרבייטער פאַר־

צערט זיין טייל, דאָס הייסט מיט זיינע שכירות קויפט ער וואָס ער האָט נויטיק פאר זיך און זיין פאמיליע, דער קאפיטאליסט פאר־צערט אויך עפּעס, אבער ער איז דאָך ניט מער ווי א מענטש. וויפיל קען א מענטש אופעסען? מער ווי איין פּאָר הויזען אָנטאָן מיט אמאָל קען דאָך דער קאפּיטאליסט אויך ניט. אלזאָ, דעם גרעסטען טייל פון זיין פּראָפיט שפּאָרט ער אָפּ. אָט די אָפּגעשפּאָרטע געלט מוז ער אריינלייגען אין א נייעם געשעפט. דאָס זעלבע ווידערהאָלט זיך ווייטער, נאָר אָף א גרעסערען מאסשטאב. און וואָס ווייטער ווערט דער אונטערשיד צווישען דעם גאנצען פּראָדוקט און די שכירות פון די ארבייטער אלץ גרעסער. עס הויפען זיך אָן ווארען אין די קראָמען, וואָס קענען ניט פארקויפט ווערען. די קרעמער הערען אָף צו קויפען. די פאבריקאנטען זיינען געצוואונגען אָפּצושטעלען זייערע פאבריקעס, ביז דער איבעריקער פּראָדוקט וועט פאר־צערט ווערען, און דעמאָלט הויבט זיך ערשט אָן די זעלבע חד גדיא נאָר פון אָנהויב.

קורץ געזאָגט זאָגט מען, אז קריזיסען קומען פון „איבער־פּראָדוקציאָן" און „אונטערקאָנסומציאָן". און היות ווי דער עצם פון דעם קאפּיטאליזם איז די אונטערקאָנסומציאָן פון דעם ארבייטער, מוז סוף כל סוף קומען אזא קריזיס, וואָס וועט מאכען אָן ענד פון דעם קאפּיטאליזם און אינסטאָלירען די סאָציאלע רעוואָלוציאָן*).

געוועהנטלאך מיינט מען אז דאָס איז די סאמע אמת'ע תורה פון קארל מארקס. דאָס איז ניט מער ווי א בלבול אָף דעם גרויסען געלערנטען. אין דעם ווייטערען טייל פון דעם קאפיטעל וועל איך ווייזען, ווי מארקס אליין ערקלערט די קריזיסען.

2.

צירקולאציאָן פון ווארען און צירקולאציאָן פון קאפּיטאל.

דער מענטש געפינט זעהר ווייניק פאר זיך אין דער נאטור פאר טיקערהייט, ער מוז אומארבייטען וואָס ער געפינט, איידער ער קען

*) די מיינונג איז זעהר הייס אויסגעשפּראָכען געוואָרען אין דעם רוסישען סאָציאל־דעמאָקראטישען זשורנאל „פּראוודא" — אין 1904, צוריק, אָבער דאָס איז ניט דער איינציקער אַרטיקעל. ציטירען — וואָלט מען געדארפט די גאַנצע סאָציאליסטישע ליטעראטור.

עס באנוצען. נעמט אפילע די ווילדע מענטשען, האבען זיי א סארט סוכה אין וועלכער זיי שלאפען, געווער אף צו שיסען חיות, עפעס א געצייג אף צו חאפען פיש. א שארפען ביין אף צו שניידען, און נאך א סך זאכען וואס זיינען באשאפען געווארען דורך די ארבייט פון דעם מענטשען. די אלע ארבייטען מיט וועלכע די געזעלשאפט האלט זיך אויף, רופט מען „ווירטשאפט“, אדער „עקאנאמיע“.

אזוי ווייט ווי מיר ווייסען, האבען די מענטשען שטענדיק געלעבט אין גרופען און שבטים אדער משפחות*). גאר פון אנהויב פלעגט יעדע געזעלשאפטליכע גרופע מאכען פאר זיך אלצדינג וואס זי האט פארברויכט. אזא ווירטשאפט רופט מען „נאטורעלע ווירטשאפט“.

עס מאכט ניט אויס ווי דער פראדוקט ווערט צוטיילט צווישען די מיטגלידער פון אזא געשעפט: אין א פרייער פויערשער פאמיליע ווערט אלצדינג פארברויכט פון אירע מיטגלידער. אין א גרופע וואו עס זיינען פאראן א האר און שקלאפען, נעמט דער האר צו דעם גרעסטען און דעם בעסטען חלק, — אבער אזוי צי אזוי, איז דאס א נאטורעלע ווירטשאפט, ווארים אלץ ווערט געמאכט פאר דעם אייגענעם געברויך פון די מיטגלידער פון דער ווירטשאפטליכער גרופע.

אין אן ענטוויקעלטער געזעלשאפט אבער קען קיין איינציקע ווירטשאפטליכע גרופע ניט אויסקומען נאר מיט אזעלכע זאכען, וואס זי האט אליין געמאכט מיט איר אייגענער ארבייט, א סך זאכען מוז זי קויפען אין מארק. אלזא א טייל פון דעם פראדוקט פון יעדער

---

*) צי עס זיינען געווען אזעלכע מענטשען, וואס האבען געלעבט איינציקווייז, און א געזעלשאפט, יעדער איינער נאר פאר זיך, אזוי ווי היינט, דאס ווייסען מיר ניט גענוי. רייזענדע, וואס האבען געזעהען ווילדע מענטשען, דערצעהלען פון אזעלכע ביישפילען, אבער צי מען קען זיך אף זיי פארלאזען, אז זיי האבען פארשטאנען דעם לעבען פון די ווילדע, מיט וועלכע זיי האבען זיך צוזאמענגעטראפען, איז א פראגע. מיר ווייסען ווי ווייניק מען קען זיך פארלאזען אפילע היינט אף די באשרייבונגען פון די קארעספאנדענטען, וואס קומען אין א פרעמדע לאנד. אבער ווען עס זיינען אפילע וואו־עס־איז און ווען־עס־איז געווען אזעלכע מענטשען, זיינען דאס אויסנאמען. „דער מענטש איז א געזעלשאפטליכע חיה“, זאגט דער גריכישער פילאסאף אריסטאטעלס.

ווירטשאפטליכער גרופע ווערט געמאכט פאר׳ן מארק. זי איז א „וואַ־רע“ וואָס מוז אויסגעביטען ווערען אַף אנדערע ווארען. דאָס רופט זיך אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע „געלט ווירטשאפט“.

היינט לאָמיר א קוק טאָן וואָס איז דער פונדאמענטאלער אונ־טערשיד צווישען א נאטוראלע ווירטשאפט און א געלט־ווירטשאפט. אין א נאטוראלער ווירטשאפט ווערט יעטוועדע זאך געמאכט פאר דעם אייגענעם געברויך: דער פויער וויים וואָס ער דארף און טיילט איין אזוי זיין ארבייט, אז עס זאָל זיין צייט פאר אלצדינג. דער פריץ וויים אויך וואָס ער דארף און ער פארזאגט זיינע פויערים, זיי זאָ־לען עם צושטעלען אזוי פיל פון דעם און אזוי פיל פון יענעם. עס קען זיך טרעפען, אז א פויער זאָל האָבען מער תבואה, אָדער מער קיה איידער ער באדארף. אזא פויער רעכענט זיך פאר א גביר. עס קען זיך טרעפען אז דער פריץ האָט מער פארשידענע זאכען איידער ער קען פארברויכען, ליגט עס ביי עם אין די שפייכלערס. וואָס איז דאָ פאר אן אומגליק?

אין א געלט־ווירטשאפט איז גאָר אנדערש. דער מאן וואָס האָט פּראָדוצירט אַף צו פארקויפען אין מארק, האָט זיך ביי קיינעם ניט נאָכגעפרעגט, צי מען דארף זיין ווארע, צי ניט. ער ארבייט זיך און ער ברענגט זיין ווארע אין מארק. ער האָפט, אז ער וועט געפינען א קונה. עס איז זעהר מעגלאך אבער, אז מען האָט געמאכט צופיל פון זיין סאָרט ווארע און ער וועט אַף זיין ווארע קיין קונים ניט געפינען. פאר עם אליין טויג זי ניט, — וואָס קען א איד א קירזשנער טאָן מיט א צענדליק אָפּיצערסקע היטלען? דורך דעם וואָס ער האָט אן איבערפלוס איז ער גאָר קיין גביר ניט, פונקט פארקערט, כל זמן ער קען ניט פארקויפען זיין ווארע, האָט ער קיין געלט ניט מיט וואָס צו קויפען אנדערע.

אלזאָ, די געלט־ווירטשאפט צושייט דעם בעל מלאכה, וואָס מאכט די ווארע, דעם „פּראָדוצענט“, פון יענעם וואָס ניצט זי, פון דעם „קאָנסומענט“, און שאפט דערמיט די מעגלאכקייט פון אי־בערפּראָדוקציאָן. ווען עס איז נאָך גאָר קיין קאפּיטאליסטישע פּראָ־דוקציאָן ניטאָ.

היינט לאָמיר געהען ווייטער. עס האָט זיך שוין פּאַיאָוועט א קאפּיטאליסט, וואָס האָט א פאבריקע מיט געדונגענע ארבייטער. דער ארבייטער קריגט ניט דעם גאנצען פּראָדוקט פון זיין ארבייט, א

טייל פון עם בלייבט ביי דעם קאפיטאליסט. ער פארקויפט עס און צוטיילט דעם ווערט צווישען אלע אפטיילונגען פון דעם קאפיטא־ ליסטישען קלאס: דער באנקיר, דער סוחר, דער לענדלארד, דער שטאט, קריגט יעדער א חלק. דעם ווערט פון די אלע חלקים צוזאַ־ מען רופט מארקס „מערווערט“, דעם פראדוקט גופא אין וועלכען דער מערווערט בעשטעהט רופט ער „מערפראדוקט“, און די ארבייט דורך וועלכע ער ווערט באשאפען, רופט ער „מערארבייט“.

מערארבייט און מערפראדוקט זיינען באשטאנען טויזענטער יאָ־ רען איידער דער קאפיטאליזם איז געבארען געווארען. דער שקלאף האט געמאכט מערארבייט, דאס הייסט, ער האט געארבייט מער איי־ דער דאס איז נויטיק געווען פאר עם צו לעבען. דער פראדוקט פון זיין מערארבייט, דער מערפראדוקט, איז געבליבען ביי דעם בעל הבית פון דעם שקלאף, אבער קיין „מערווערט“ איז ניט געווען, וואָ־ רים דעם מערפראדוקט האט דער בעל הבית ניט פארקויפט, נאר עס איז געבליבען ביי עם פאר זיין אייגענעם געברויך. אלזא דער אונטערשיד צווישען קאפיטאליזם און די פריהערע לעבענספאר־ מען פון דער געזעלשאפט באשטעהט נאר אין דעם, וואס אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט מוז דער מערפראדוקט פארקויפט ווערען. טויזענטער יארען האבען די ארבייטער געליפערט דעם הער־ שענדען קלאס מערפראדוקט, אבער פון קיינע אינדוסטריעלע קרי־ זיסען האט מען ניט געוואוסט, ביז דעם אנפאנג פון קאפיטאליזם. דערפון קען מען שוין זעהען, אז ניט אין דערין איז די אורזאכע פון קריזיסען, וואס דער ארבייטער קריגט ניט דעם מערפראדוקט, נאר אין דעם וואס דער מערפראדוקט מוז פארקויפט ווערען. די אורזא־ כע פון קריזיסען איז אלזא ניט אין דער עקספלואטאציע פון דעם ארבייטער, נאר אין מארק.

יעדער פראדוקט ווערט געמאכט פאר א געוויסען געברויך. ווי־ באלד עס האט זיך געענדיגט די פראדוקציאן, מוז ער אנקומען אין דעם געביט פון געברויך (קאנזומפציאן אף טייטש). ער קען געניצט ווערען פאר דעם פערזענליכען באדארף, צום ביישפיל, געבאקטע ברויט, פארטיקע קליידער, פאפיראסען, אדער אלס מאטעריאל פאר פראדוקציאן, צום ביישפיל, מעל אין דער בעקעריי, טוך אין דעם שניידער־שאפ, טאבאק אין דער ציגאר־פאבריק און דערגלייכען. אין א נאטוראלער ווירטשאפט איז דער איבערגאנג פון פראדוקציאן צום געברויך א דירעקטער: די לייוונט וואס א יאראסלאווער מוזשיק

פלעגט ליפערען דעם פּריַיז, פלעגט גענוצט ווערען ביים פּריַיז אין הויז. היינט מוז דער פאבריקאנט פון לייוועגט פארקויפען זיין ווארע, און יענער וואס דארף די לייוועגט, מוז עס קויפען. צווישען פּראָדוקציאָן און געברויך טרעט איין אַלזאָ אַן אונטערברעכונג. — דער פארקויפען און דער קויפען. דאָס רופט זיך „צירקולאציאָן“. דער צוועק פון צירקולאציאָן איז אריבערצוברענגען די ווארען פון דעם פּראָדוצענט צו דעם קאנסומענט. אין אַן ענטוויקעלטער ווארען־ווירטשאפט ווערט דאָס באזארגט דורך געלט: דער פּראָדוצענט פארקויפט זיין ווארע און קריגט באצאָלט מיט געלט, און מיט די געלט קויפט ער אנדערע ווארען, וואָס ער דארף אַליין פאר זיין גע־ברויך. אַלזאָ אין דער ווארען־ווירטשאפט ווערט, ראשית, די ווארע איבערגעביטען אויף געלט און די געלט ווערט איבערגעביטען אויף אנ־דערע ווארען. אבער דאָס מוז מען פארשטעהן: ווען חיים יאנקעל פארקויפט זיין ווארע צו טאָדרעסען, מוז טאָדרעס האָבען די געלט, און פון וואנען האָט עס טאָדרעס גענומען? ער האָט שוין פריהער פארקויפט זיין ווארע און אויף דעם אופן איז ער איצט דער קויפער. אַלזאָ די צירקולאציאָן פון איין ווארע איז צוזאמענגעטשעפעט מיט דער צירקולאַציאָן פון אנדערע ווארען. די גאנצע קייט פון קויפען און פארקויפען בילדעט אויס די גאנצע צירקולאציאָן פון ווארען אין דער געזעלשאפט. אבער דאָס איז נאָך ניט די צירקולאציאָן פון קאַ־פּיטאל.

וואָס הייסט „קאפּיטאל“? אנגעקליבענער מערווערט, וואָס ווערט באנוצט אויף ארויסצושלאָגען אַ נייעם מערווערט.

היינט לאָמיר זיך איינקוקען ווי עס געהט פאר די פּשוט׳ע צירקולאציאָן פון ווארען. עס הויבט זיך אָן פון דער ווארע, זי ווערט אומגעביטען אויף געלט און די געלט ווערט ווידער אומגעביטען אין וואַרען, נאטירליך אין אנדערע סאָרטען ווארען. מיט דעם קאפּיטאל איז עס אנדערש. עס הויבט זיך אָן דערמיט, אַז אַ קאפּיטאליסט לעגט אריין זיין געלט, פאר די געלט ווערען געקויפט אלערליי ווארען, — מאשינערי, מאטעריאלען און ארבייטסקראפט. די אַלע ווארען ווע־רען גענוצט אין דער פאבריקע צו פּראָדוצירען נייע ווארען. דער פּראָדוקט האָט אַ גרעסערען ווערט איידער די אריינגעלעגטע געלט. ער ווערט צום שלום פארקויפט, דאָס הייסט איבערגעביטען אויף געלט.

די צוויי מינים צירקולאציאָן זיינען אין גרונד פארשידען איינע פון דער אנדערער. ווען די פּשוט׳ע צירקולאציאָן פון ווארען איז גע־

ענדיגט, האָט יעדער די וואַרע וואָס ער באַדאַרף פאַר זיין געברויך, דאָס איז אַלזאָ דער סוף. כדי די צירקולאַציאָן זאָל זיך ווידער אָנהויבען, מוז געשאַפען ווערן אַ נייע וואַרע, די אַלטע צירקולירט שוין ניט מער. למשל, אַ פּויער האָט געבראַכט אַ קאַלב אין מאַרק, ער האָט די קאַלב פאַרקויפט און געקויפט זאַלץ, אייזערנע צוועקעס, אַ שער פאַר די שעפּסען, אַ האַק. די אַלע וואַרען וועט ער שוין ווידער ניט פאַרקויפען. כדי די צירקולאַציאָן פון וואַרען זאָל זיך ביי עם ווידער אָנהויבען, מוז ער שאַפען אַ נייע וואַרע. ער מוז ברענגען אין מאַרק אַ חזיר, אָן ענדיק, אבער דער שאַפען פון די נייע וואַרען, פון דעם חזיר אָדער פון דעם ענדיק, האָט גאָר קיין שייכות ניט צו דער צירקולאַציאָן פון דער קאַלב, וואָס ער האָט פריהער פאַרקויפט, אָדער פון די שער, וואָס ער האָט פריהער געקויפט.

די געלט קומט דאָ אַריין ניט מער ווי אַלס אַ מיטעל, דורך וועלכען איין וואַרע ווערט איבערגעביטען אויף אַנאַנדערע. הגם די פּראָדוקציאָן איז שוין אָפּגעזונדערט פון דעם פאַרברויך, דער צוועק אָבער פון דער צירקולאַציאָן איז צו ברענגען די וואַרען צו די יעניקע וואָס וועלען זיי פאַרברויכען.

אין דער קאַפּיטאַליסטישער צירקולאַציאָן איז די מעשה גאָר אַנדערש. זי הייבט זיך אָן פון געלט און ענדיקט זיך מיט געלט. צום סוף אַלזאָ, געפינט זיך דער אַריינגעלעגטער קאַפּיטאַל אין אַזאַ פאָרמע, אין וועלכער ער קען ווידער אַריינגעלעגט ווערען אין געשעפט, דאָס הייסט ווידער אַריינטרעטען אין צירקולאַציאָן.

פריהער, די פּשוט'ע צירקולאַציאָן איז באַשטאַנען פון פאַראיינצעלטע אקטען, די קאַפּיטאַליסטישע צירקולאַציאָן, פאַרקערט, קען געהן אָן אונטערברעכונג. דער צוועק פון די צירקולאַציאָן איז ניט דער פאַרברויך פון די וואַרען, נאָר זייער ווערט אין געלט, און נאַטירליך פאַרגרעסערטער ווערט. ניט דער פאַרברויך איז דער צוועק פון דער קאַפּיטאַליסטישער צירקולאַציאָן, נאָר דער מערווערט.

לאָמיר איצטער אונטערזוכען דעם גאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער צירקולאַציאָן גענויער. דער ערסטער אקט באַשטעהט אין דעם וואָס געלט ווערט אויסגעגעבען אויף איינצוקויפען אַלערליי וואַרען. זיי קענען אַלע צוטיילט ווערען אין צוויי קלאַסען: ערסטענס, ווערט געלט אויסגעגעבען אויף פּראָדוקציאָנס מיטלען, עס הייסט, מאַשינען,

מאטעריאלען און, צווייטענס, ווערט אויסגעגעבען געלט אף צו קוי־פען ארבייטס־קראפט — „הענט“.

אין דעם האנדעל צווישען דעם קאפיטאליסט און דעם אר־בייטער איז דער קאפיטאליסט דער קויפער, דער ארבייטער — דער פארקויפער. דער ארבייטער פארקויפט זיין איינציקע ווארע, זיין ארבייטס קראפט. דאס איז די ערסטע העלפט פון דער צירקולא־ציאן פון זיין ווארע. נאך דער ערסטער העלפט קומט די צווייטע: דער איינקויפען פון ווארע, וואס דער ארבייטער באדארף. דאס הייסט אז דער קאפיטאליסט פארגרעסערט דעם מארק: פאר דעם אנפאנג פון קאפיטאליזם פלעגט דער פויער פארקויפען נאר דאס וואס עס איז געווען איבעריק פאר עם, אין זיין אייגענער ווירט־שאפט. דעם גרעסטען טייל דערפון וואס ער האט פארברויכט, האבען זיי פראדוצירט פאר זיך און עס איז קיין מאל ניט גע־קומען אין מארק. אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט פאר־קויפט דער לוין־ארבייטער זיין גאנצע ארבייטס־קראפט און ער מוז קויפען אין מארק אלץ וואס ער דארף. דאס הייסט דער קא־פיטאליזם פארניכטעט אין גאנצען וואס איז נאך איבערגעבלי־בען אין דער ווארען־פראדוקציאן פון דער נאטוראל־ווירטשאפט: די געלט־ווירטשאפט ווערט אלגעמיין.

ווייטער איז פאראן נאך אנאנדער אונטערשיד צווישען דער פשוט׳ער צירקולאציאן פון ווארען און דער קאפיטאליסטישער ציר־צירקולאציאן, אין דער פראסטער געהט זיך פאר די פראדוקציאן גאנץ אונאבהענגיק פון דער צירקולאציאן, די צירקולאציאן נעמט אריין נאר דעם האנדעל. אין דער קאפיטאליסטישער צירקולאציאן מוז יעדער אקט פון צירקולאציאן אין א געוויסער צייט אונטער־בראכען ווערען דורך די פראדוקציאן. דער קאפיטאליסט קויפט די פראדוקציאנס־מיטלען און די ארבייטס־קראפט און פארברויכט זיי. אבער דער רעזולטאט פון דעם פערברויך איז א נייע ווארע. דאס רופט זיך „פראדוקטיווער פארברויך“. דער אונטערשיד צווישען פערזענליכען פארברויך און פראדוקטיווען פארברויך באשטעהט אין דעם, וואס אין דעם פרעזענליכען פארברויך ווערט די ווארע פאר־צערט און קען שוין מער ניט צירקולירען, בעת דער פראדוק־טיווער פארברויך שאפט א נייע ווארע, וועלכע טרעט ווידער אריין אין צירקולאציאן. די פראדוקציאן איז אלזא נויטיק כדי די צירקולאציאן זאל זיין פאלשטענדיק.

דאס איז אלזא דער „קרייזלויף" פון דעם געלט־קאפּיטאל. ווען דער לויף איז געענדיגט, געפינט זיך דער קאפּיטאל אין דער פּארמע פון געלט, און געלט קען צו יעדער צייט ווידער אנ־הויבען דעם זעלבען לויף. עס דרעהט זיך תמיד ארום און ארום: פון געלט ווערט ווארע, די ווארע ווערט אריינגעווארפען און די פּראָדוקציאן, אדער ווי דער טייטש זאגט, זי ווערט פערוואנ־דעלט אין פּראָדוקטיווען קאפּיטאל, פון דעם פּראָדוקטיווען קאפּיטאל ווערט געבאָרען א נייע ווארע, די ווארע ווערט פערוואנדעלט אין געלט, פון געלט ווערט ווארע.

ווען איר קוקט ווי א ראָד דרעהט זיך, קענט איר זאָגען וואו זי הויבט זיך אָן צו דרעהען און ווען זי האָט זיך ארומגע־דרעהט איין מאָל ארום איר אקס ? עס ווענדעט זיך אן אייך, וועלכען פּונקט איר ווילט אויסקלייבען פאר אייער אָנהויב. אזוי איז מיט דער צירקולאציאן פון קאפּיטאל. מיר האָבען געזעהען דעם קרייזלויף פון דעם געלט־קאפּיטאל, אבער ווען איר וועט זיך גוט איינקוקען, קענט איר זעהן, אז איר קענט אָנהויבען דעם צירקעל מיט דעם פּראָדוקטיווען קאפּיטאל, אדער מיט דעם ווארען־קאפּיטאל, אויב איר ווילט, נעמליך:

1.) עס הויבט זיך אָן פון פּראָדוקציאן, פון דעם פּראָדוק־טיווען קאפּיטאל ווערט געבאָרען א ווארע, אדער ווארען־קאפּיטאל, די ווארע ווערט איבערגעביטען אַף געלט, די געלט ווערט אי־בערגעביטען אַף ווארען, די ווארען ווערען באנוצט אלס פּראָדוקטי־ווער קאפּיטאל א. ז. וו.

2.) אדער איר קענט אָנהויבען פון דער אויסגעפערטיקטער ווארע, דאָס הייסט פון דעם ווארען־קאפּיטאל, די ווארע ווערט איבערגעביטען אַף געלט, די געלט ווערט איבערגעביטען אַף ווארען, די ווארען ווערען באנוצט אלס פּראָדוקטיווער קאפּיטאל, דער רעזולטאט דערפון איז א נייע ווארע א. ז. וו.

איר זעט ווי די צירקולאציאָן פון קאפּיטאל איז צוזאמענ־געבונדען מיט דער פּראָדוקציאָן. אין דער פּשוט'ער צירקולאציאן פון ווארען מעג זיך די פּראָדוקציאן געהען ווייטער, צי דער פּראָ־דוקט געפינט א קויפער, צי ניט. דער פויער וועט זייען תבואה צי ער האָט פארקויפט די פאר־א־יאָריקע צי ניט. דער קאפּיטאליסט וואָס האָט א גרויסען מאַגאַזין פול מיט ... פארקויפען זיין תבואה, כדי

ער זאָל האָבען געלט מיט וואָס צו דינגען ארבייטער און פירען זיין ווירטשאפט ווייטער.

אָבער אין דער קאפיטאליסטישער צירקולאציאן איז מעגלאך, עס זאָל זיך נאָר אָפּדוכטען אז די וואַרע איז כלומרשט פארקויפט. די קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציאן ברענגט ווארען אין די וועלט אין גרויסע מאסען, און זיי מוזען פערקויפט ווערען מאַסענווייז. דער קויפער אין דעם קאפיטאליסטישען מארק איז קודם קל דער האָלסיילער (אפּטאָווער הענדלער). דער פאבריקאנט (דער אינדוסטריעלער קאָפּיטאַליסט) קריגט באצאָלט פאר זיין ווארע און געהט ווייטער פּראָדוצירען, ניט וויסענדיק און ניט קימערענדיק זיך וועגען דעם, וואָס דער האָלסיילער וועט טאָן מיט זיין ווארע. עס קען זיך טרעפען, אז די ווארע וועט בלייבען ערגעץ ליגען אופ'ן פּאָליצע, אָבער דער פאבריקאנט וועט זיך דערווייל געהן ווייטער מיט זיין פאבריקע אזוי ווי בעפאָר. אין דער פּראָסטער וואַרען־פּראָדוקציאָן איז דאָס געוועזן אונמעגלאך, וואָרים די וואַרען ווערען פּראָדוצירט פאר'ן קונד אַף'ן אָרט. דעריבער זיינען איבערפּראָדוקציאָן און קריזיסען געוועזן אונבאקאנט.

מילא, דער קרייזלויף פון דעם פּראָדוקטיווען קאפּיטאל ווערט אונטערבראָכען דורך די צירקולאציאָן פון דער וואַרע, וואָס ער פּראָדוצירט: די ווארע ווערט פארקויפט פאר געלט, די געלט ווערט ווידער אריינגעלייגט אין ווארען. דאָ דאַרפען מיר זיך איינקוקען נעהנטער. דער פאבריקאנט האָט אריינגעלייגט א געוויסען קאפּיטאל אין פּראָדוקציאָן, און ווען די פּראָדוקציאָן איז געענדיגט, נעמט ער ארויס וואַרע פון אַ גרעסערען ווערט, איידער דער קאפּיטאל וואָס ער האָט אריינגעלייגט. די פּראָדוצירטע וואַרע ענטהאלט אלזאָ אין זיך דעם מערווערט. וואָס טוט זיך אָבער ווייטער מיט דעם מערווערט? דער קאפּיטאליסט קען עס פארצערען אין גאנצען, דעמאָלט הויבט זיך אָן דער קרייזלויף פון זיין קאפּיטאל ווידער מיט דעם זעלבען ווערט ווי גאָר פון אָנהויב. אָדער א טייל פון דעם מערווערט ווערט באנוצט אַף אויסצוברייטען די פּראָדוקציאָן. אין דער קאפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן איז דאָס דער כלל. די אויסברייטונג פון פּראָדוקציאָן קען באשטעהן ענטוועדער אין דערין, אַז די עקזיסטירענדע געשעפטען ווערען געפירט אַף אַ גרעסערען פוס, אָדער אז עס ווערען געגרינדעט נייע. אָבער דערצו איז נויטיק אַ געוויסע פּראָפּארציע פון דעם קאפּיטאל. אויב דער

צוואוואקס פון א געוויסען קאפּיטאל איז צו קליין, מוז דער מער־ווערט אַנגעקליבען ווערען אין מזומנים. דאָס זעלבע קומט פאָר אין אלע געשעפטען, עס ווערט אַלזאָ אַנגעקליבען אין דער געזעלשאַפט א געלט־פאָנד. אָט דער פאָנד ווערט אריינגעטראָגען אין די באנקען, דאָרט ווערט עס באַנוצט אַף צו גרינדען נייע אונטערנעמונגען און אויך אלס קרעדיט־פאָנד, ווען די אומשטענדען מאַכען עס נויטיק.

ווען מיר באטראכטען אן אייצעלנעם קאַפּיטאל, באמערקען מיר, אז, אין זיין קרייזלויף זיינען פאראייניקט פּראָדוקציאָן און צירקולאציאָן. אין דעם קרייז־לויף פון דעם געלט־קאַפּיטאל ווערט די צירקולאציאָן אונטערבראכען דורך פּראָדוקציאָן. אין דעם קרייזלויף פון פּראָדוקטיווען קאַפּיטאל ווערט די פּראָדוקציאָן אונטערבראכען דורך צירקולאציאָן. אין דעם קרייזלויף פון דעם וואַרען־קאַפּיטאל קען די צירקולאציאָן זיך ווידער אָנהויבען בלויז נאָך דער פּראָדוקציאָן. כדי יעדער סאָרט קאַפּיטאל זאָל קענען זיין טעטיק אָן אונטער־ברעכונג, איז נויטיק, אז עס זאָל זיך צו יעדער צייט געפינען אַ חלק פון דעם קאַפּיטאל פון דער גאנצער געזעלשאַפט אין יעדער פון די דריי פאָרמען, אי אין דער פאָרמע פון געלט־קאַפּיטאל, אי אין דער פאָרמע פון פּראָדוקטיווען קאַפּיטאל, אי אין דער פאָרמע פון וואַרען ־ קאַפּיטאל. בעת איין געלט־קאַפּיטאל ווערט פארוואנדעלט אין פּראָדוקטיווען קאַפּיטאל, דאָס הייסט, בעת עס געהט פאָר די פּראָדוקציאָן, טרעט אריין אַנאַנדער געלט־קאַפּיטאל; בעת דער וואַרען־קאַפּיטאל מאכט דורך זיין צירקולא־ציאָן אין מארק, טרעט איין אנאַנדער פּראָדוקטיווער קאַפּיטאל, א. אז. וו., דאָס הייסט, אַז דער גאנצער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס ווערט איינגעטיילט אין דריי גרופּען: באנקירען, פאבריקאנטען און הענד־לער. צווישען זיי ווערט צוטיילט דער מערווערט.

ביז אהער האָבען מיר גערעט אַזוי, ווי דער גאנצער קאַפּיטאל וואָלט איבערגעגאנגען מיט אמאָל פון איין פאָרמע אין די אַנדערע. אין דער ווירקליכקייט געהט עס אנדערס. דער פּראָדוקטיווער קאַ־פּיטאל, אַף וועלכען דער קאַפּיטאליסט האָט אויסגעגעבען זיין געלט, באַשטעהט פון ארבייטס־קראַפט און פּראָדוקציאָנס־מיטלען. די פּראָדוקציאָנס־מיטלען באַשטעהען אין מאַטעריאַלען וואָס געהען אריין אין דעם פּראָדוקט, קוילען, אויל אַף צו שמירען די רעדער און מאַשינערי. ארבייטסקראפט, מאַטעריאלען, קוילען, אויל ווערען פארצערט אין דער פּראָדוקציאָן אין גאנצען און טראָגען איבער

זייער גאנצען ווערט אף דעם פראָדוקט. די מאשינערי, פאַרקערט, ווערט געניצט פילע יאָרען, ביז מען דאַרף זי ארויסוואַרפען, דעריבער מוז דער ווערט פון די מאשינען איינגעטיילט ווערען צווישען דער גאַנצער מאסע וואַרען, וואָס ווערען פּראָדוצירט מיט זייער הילף אין דער צייט וואָס זיי דינען. דערפון שטאַמט אן אונטערשיד אין דער צירקולאַציאָן פון די ביידע טיילען פון דעם פּראָדוקטיווען קאַפּיטאל. די געלט וואָס ווערט אויסגעגעבען אף ארבייטס־קראַפט און מאַטעריאַלען קערט זיך באלד אום צוריק אין דעם ווערט פון דער פּראָדוצירטער וואַרע. די אויסגאַבע אף מאַשינערי מוז געמאַכט ווערען מיט אמאָל אין א גרויסער סומע אף א לאַנגע צייט און עס קומט צוריק אין דער וואַרע אין קליינע איינצאָלונגען. דער גאַנצער קאַפּיטאל פון א פאבריקאַנט איז אלזא איינגעטיילט אין צוויי חלקים: איין חלק, וואָס ווערט אריינגעלייגט אף א לאַנגע צייט, רופט זיך „פיקסער קאַפּיטאל“, דער אנדערער חלק, וואָס קערט זיך אָפּט אום אין מזומנ'ע געלט, רופט זיך „צירקולירענדער קאַפּיטאל“.

3.

די „אונטערקאנזומפּציאָן“ און דער האַנדעל מיט אויסלאַנד.

איצטער קענען מיר שוין נעהענטער צוקומען צו דער פראַגע, וואָס זיינען די אורזאַכען פון קריזיסען. איך האָב שוין דערמאַנט פון אַנהויב די מיינונג, אז קריזיסען קומען דערפון וואָס דער ארבייטער קען מיט זיינע שכירות ניט אָפּקויפען דעם גאַנצען פּראָדוקט פון זיין ארבייט. אמת, עס זיינען נאָך פאַראַן קאַפּיטאַליסטען, אָבער זייער צאָל איז זעהר קליין אין פאַרגלייך מיט דעם ארבייטער־קלאַס. און דעריבער, ווי זיין זאָלען ניט שטאָפּען זיך די קישקע, קען קיינער פון זיי פּאַרט ניט אופעסען מער ווי אן ארבייטער. דעריבער מוז דער איבערפלוס פון צייט צו צייט ווערען אזוי גרויס, אז די פּראָדוקציאָן מוז זיך אָפּשטעלען.

די קאפיטאליסטען, הייסט עס, האלטען רק אין פראדוצירען אזעלכע זאכען, וואס עס איז פאר זיי ניטא קיין מארק. וואס אין דער היינטיקער געזעלשאפט איז דאס א זאך וואס עס קען גאר ניט זיין, מוז זיין קלאר פאר יעדען איינעם, וואס רעכנט זיך אריין אין דעם צווייטען באנד פון מארקס׳עס „קאפיטאל“*). דער קאפיטאל מוז אימער צירקולירען, בייטען זיין פארמע. די קאפיטאליסטען קענען אנקלייבען אוצרות פון שעהנע קונסטווערק, טייערע בגדים, זעלטענע מעבעל,—דאס אבער איז ניט קיין טייל פון זייער קאפיטאל. דאס איז וואס זיי האבען אויסגעגעבען פאר זיך. אבער ווען זיי ווען זיי ווילען אנקלייבען רויהע מאטעריאלען אדער מאשינען, טו איז דאס א טויטער קאפיטאל, — מיט וואס וועלען זיי ווייטער פירען זייער פראדוקציאן? פארגעסט ניט, אז מזומנ׳ע געלט איז פאר־

*) פאר למדנים וואס זיינען מבין בלע״ז וויל איך דא איבערגעבען ווארט פאר ווארט וואס מארקס זאגט וועגען דעם:

„עס איסט איינע ריינע טויטאלאגיע צו זאגען, דאס די קריזען אויס מאנגעל אן צאהלונגספעהיגער קאנזומפציאן אדער אן צאהלונגס פעהיגען קאנזומענטען הערפארגעהן... דאס וואארען אונפערקויפליך זינד, הייסט ניכטס אלס דאס זיך קיינע צאהלונגס־פעהיגע קויפער פיר זי פינדען. וויל מאן אבער דיזער טויטאלאגיע איינען שיין טיפער בעגרינדונג דאדורך געבען, דאס מאן זאגט, די ארבייטער קלאסע ערהאלטע איינען צו גערינגען טייל איהרעס אייגענען פראדוקטס אונד דעם איבעלשטאנד ווערדע מיטהין אויפגעהאלפען, זאבאלד זי גרעסערן אנטייל דאפאן עמפפענגט, איהר ארבייטס־לאהן פאלגליך וועקסט, זא איסט נור צו בעמערקען, דאס די קריזען יעדעסמאל געראדע פארבערייטעט ווערדען דורך איינע פעריאדע, ווארין דער ארבייטסלאהן אלגעמיין שטייגט אונד די ארבייטער־קלאסע גרעסערן אנטייל אין דעם פיר קאנסומפציאן בעשטימטען טייל דעם יעהרליכען פראדוקטס ערהעלט“. („דאס קאפיטאל“ צווייטער באנד, ז. ז. 385 — 386).

ראַן נאָר זעהר אַ קליינע סומע אין פארגלייך מיט דער יערלאכער פּראָדוקציאָן. מען קען דערמיט אויסקומען נאָר דערפאר, וואָס די פּראָדוקטען ווערען שטענדיק אויסגעביטען אויף געלט און געלט ווידער אויף פּראָדוקטען, און מיט דעם זעלבען דאָלאר קען מען קויפען און פארקויפען דורכשניטלאך אויף פינף און צוואנציק דאָלאר וואָרען. אָבער ווען דער קאפּיטאַליסט האָט אויסגעגעבען דעם דאָלאר אויף ווארע און די ווארע בלייבט ליגען, מוז ער דאָך קריגען ערגעץ אַנאַנדער דאָלאר אויף צו פירען ווייטער די פּראָדוקציאָן. אבער דער געלט־קאפּיטאל פון דער קאפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט האָט דאָך אַ געוויסען גרענעץ. ווי אַזוי וואָלט דער קאפּיטאַליסטישער קלאַס געקענט רק פארבינדען זיין קאפּיטאל און נאָך אלץ פּראָדוצירען ווייטער ?

ווען איר ועט א קוק טאָן אין די סטאַטיסטיקע פון דער פּראָדוקציאָן, וועט איר זעהען, אז דער גאַנצער סטאַק (זאפּאס) פון די וויכטיקסטע וואָרען מאַכט ניט אויס מער ווי דער פּראָדוקט פון עטלאכע מאָנאַט. ווען עס בלייבט ליגען דער פּראָדוקט פון אַ גאַנצען יאָר אין ערגעץ א צווייג פון דער אינדוסטריע, שטעלען זיך אָפּ די רעדער.

לאָמיר איצטער אויסרעכענען וויפיל באַטרעפט דער מערווערט פון דעם קאפּיטאַליסטישען קלאַס. לויט דעם צענזוס פון 1910, האָט דער פּראָדוקט פון די פעקטאָרים פאר דעם יאָר 1909, אראָפּגערעכענט דעם קאָסט פון מאַטעריאלען, באטראָפען $8,500,000,000; דער מערווערט האָט אויסגעמאַכט $2,200,000,000, דאָס הייסט אן ערך א פערטעל, אָדער דעם פּראָדוקט פון דריי מאָנאַט. ווען זיי זאָלען אויסגעבען איין העלפט און אָנקלייבען אין זייערע שפּייכלערס די אנדערע, וועט זיך אין דער צייט פון 8 יאָר אָנקלייבען אין די שפּייכלערס די אנדערע, וועט זיך אין דער צייט פון יאָר אָנקלייבען א גאַנצער יערלאכער פּראָדוקט. וואָס וועלען זיי טאָן דערמיט ? עס וועט ווערען א קריזיס, זאָגט דער וואולגארער סאָציאַליסט. נו און ווייטער ? זיי וועלען דאָך ניט אָנהויבען ווייטער פּראָדוצירען, איידער זיי וועלען דאָס ניט פארצערען. שטעלט זיך ווידער די קשיא : ווער וועט דאָס פארצערען ? די ארבייטער האָבען דאָס ניט פארמאָגט צו קויפען אפילו דעמאלט, ווען יעדער האָט געהאַט א שטעל, און איצטער ווען עס איז אַ קריזיס און זיי געהען ארום ליידיק, קענען זיי דאָך אודאי ניט קויפען קיין איבערי־

קע. די קאפּיטאַליסטען זיינען דאָך אפילע אין גוטע צייטען קיין קאָנסומענטען ניט (אַזוי לערענט דאָך דער וואולגארער סאָציאַליסט), בפרט נאָך אין דער צייט פון אַ קריזיס, ווען זיי לאָזען שטעהען זייערע פאבריקעס, דאַרפען זיי דאָך געוויס ניט אַזוי פיל, ווי אין דער צייט, ווען אַלע רעדער האָבען זיך געדרעהט. טו ווער זשע וועט דאָס אַלץ אפּקויפען, כדי מען זאל ווידער קענען אָנהויבען פּראָדוצירען פאר אַ נייעם קריזיס?

דאָן הייכט דאָס, אַז דער קאַפּיטאַליזם קען להלוטין ניט עקזיסטירען, ווייל עס איז שוין עם אַזוי באַשערט, ער זאָל פּראָדוצירען מער, איידער די געזעלשאַפט קען פאַרברויכען. עס איז אַ חידוש וואָס די וועלט האָט זיך שוין לאַנג ניט אָפּגעשטעלט.

אָף דערוף איז פאַראַן אַ פּאַרטיקער תירוץ, אַז דעם קאַפּיטאַליזם ראַטעווען דער אויסלענדישער מאַרק: וואָס די קאַפּיטאַליסטען קענען ניט פאַרקויפען אין דער היים, פירען זיי אַרויס קיין אויסלאַנד. דאָס איז אַזוי ווי מאַרק טווען דערצעהלט פון אַ קליין שטעטעל, אַז די איינוואָהנער האָבען דאָרטען געמאַכט אַ לעבען דערפון, וואָס זיי האָבען איינער ביי דעם אַנדערען געוואַשען גרעט.

אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זיינען דאָך אומעטום פאַראַן מער אייגענע פּראָדוקטען, ווי דער היימישער מאַרק קען פאַרשלינגען (דאָס הייסט אַזוי קומט אויס נאָך דער וואולגאַר־סאָציאַליסטישער טעאָריע), בלייבען אַלזאָ די ריקשטענדיגע לענדער ווי כינא, אינדיע, פּערסיע, אפריקע, וואָס האָבען קיין אייגענע פּראָדוקציאָן ניט. איז אָבער ווייטער אַ קשיא: מיט וואָס וועלען זיי קויפען די אימפּאָרטירטע וואַרען? די קויפער אין אויסלאַנד קענען ניט קויפען, ווען זיי פאַרקויפען ניט אויף אַ גלייכע סומע וואַרען. כדי די אמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטען זאָלען קענען פאַרקויפען זייערע וואַרען צו די פיליפּינער, מוזען די פיליפּינער פאַרקויפען אָף גלייכע סומע וואַרען צו די אַמעריקאַנער. דער אונטערשיד איז אַלזאָ, נאָר אין דעם סאָרט וואַרען, וואָס מוזען פאַרקויפט ווערען אין דעם היימישען מאַרק. שטעלט זיך ווידער די זעלבע פראַגע: ווער וועלען זיין די קויפער? ווען דער אַרבייטער־

קלאס קען קויפען נאר א טייל פון דעם היימישען פראדוקט, וועט ער דעם איבעריקען טייל פארט ניט קענען קויפען, צי ער בלייבט אין דעם היימישען מארק, צי ער ווערט אויסגעביטען אף אויסלענדישע ווארען. טו וואס איז דער תכלית פאר דעם אמעריקאנעם קאפיטא־ליסט, וואס אנשטאט זיינע היימישע קנעפלאך וועט ער זיך מוזען האלטען מיט פיליפינער צוקער־שטעקענס, אז עס איז ניטא ווער עס זאל עסען דעם צוקער אין אמעריקע? די ארבייטער קענען ניט און די קאפיטאליסטען ווילען ניט.

אום קלאר צו ווערען אין דער באדייטונג פון דעם אויסלענדי־שען האנדעל, לאמיר אקארסט אויסרעכענען וואס ער באטרעפט אין אזא קאפיטאליסטישע לאנד ווי אמעריקע.

די אויספור פון פאבריק־פראדוקטען האט באטראפען אין 1909 סך הכל $671,000,000. צווייטענס אבער אין דעם זעלבען יאר האט אמעריקע אריינגעפירט אויסלענדישע פאבריק־פראדוקטען אף $521,000,000. אלזא איז זי דורך דעם אויסווערטיקען האנ־דעל פטור געווארען אין גאנצען פון $150,000,000, דאס מאכט אויס 3% פון דער גאנצער פראדוקציאן. פארשטעהט איר שוין, ווי מען קען דערמיט ראטעווען א לאנד פון איבער־פרא־דוקציאן!

היינט לאמיר פארגלייכען ווי עס זיינען געוואקסען די פרא־דוקציאן און די אויספור.

אין 1909 איז די אויספור פון פאבריק־פראדוקטען געוועזן מיט $289,000,000 גרעסער ווי אין 1899, און די איינפור מיט $306,000,000 גרעסער ווי אין 1899. אלזא איז דער נעט עקס־פארט קלענער געווארען מיט $17,000,000. צו דער זעלבער צייט איז דער ווערט פון דער אמעריקאנער פאבריק־פראדוקציאן גרעסער געווארען מיט $3,700,000,000. אלזא, עס איז קלאר ווי צוויי

מאָל צוויי, אַז די אויסברייטונג פון דער אמעריקאנער קאַפּיטאַליס־טישער אינדוסטרי איז גאָר אונאבהענגיק געווען פון דעם אויסלענ־דישען מארק*).

וואָס אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער זוכען אויסלענדישע מארקען איז אַ פאַקט, אבער עס האָט קיין שייכות ניט מיט קריזי־סען. יעדער איינצעלנער קאַפּיטאַליסט זוכט אויסצוברייטען זיין געשעפט. ווען די קאָנקורענץ איז שטארק אין דעם היימישען מארק, זוכט ער קונדען אין דעם אויסלענדישען מארק. איין קאַפּי־טאַליסט קען דאָס אַפּגילטען, אַבער ווען אַלע קאַפּיטאַליסטען פון דער גאַנצער וועלט טוען דאָס זעלבע, ווערט פון אַלע היימישע מאַר־קען איין וועלט־מארק.

„דער אויסוועהרטיגע האַנדעל" — זאָגט מארקס — „פערלעגט נור די ווידערשפּריכע אויף אויסגעדעהנטערע ספערען, ערעפענט איהנען גרעסערען שפּילקרייז"**).

*) איך האָב געמאַכט די רעכענונג נאָר פון פאַבריק־פּראָדוקטען. איך וואָלט איך געקענט ווייזען אַז דער רעזולטאַט וואָלט געווען דער זעל־בער ווען מיר וואָלטען פארגליכען די גאַנצע פּראָדוקציאָן מיט דעם גאַנצען עקספּאָרט.

**) „דאס קאַפּיטאל", צווייטער באַנד, ז. 444. אין אַנאַנדער שטעל (דריטער באַנד, ז. ז. 231-232) ווידערשפּרעכט מארקס דעם געדאַנק, וואָס איז אויסגעדריקט אין דער פאָריקער ציטאַטע. מען מוז אָבער געדענקען, אַז דער איינציקער טייל פון „קאַ־פּיטאל", וואָס איז ערשינען פאר מארקס'עס לעבען, איז דער ערסטער באַנד. נאָך זיין טויט זיינען איבערגעבליבען אַ סך כתבים, וועלכע ער האָט נאָך געוואָלט איבערארביטען. זיין לעבענס־פריינט ענגעלס האָט זיי צוזאמענגעשטוקעוועט, ווי עס האָט זיך געלאָזען, און האָט ארויסגע־געבען דעם צווייטען און דעם דריטען באַנד.

די מאַנוסקריפּטען פון וועלכע ענגעלס האָט צוזאמענגעשטעלט דעם דריטען באַנד זיינען אַלע געשריבען געוואָרען צווישען 1861 און 1865. עס זיינען געבליבען פון דער זעלבער צייט מאַנוסקריפּטען, וואו עס ווערען באהאנדעלט די פראגען וואָס געהערען צו דעם צווייטען באַנד, אָבער מיט יענע מאַנוסקריפּטען האָט זיך ענגעלס ניט באנוצט, ווייל

4.

דער באלאנס פון דער קאפּיטאליסטישער ווירטשאפט.

די פאלשקייט פון דער טעאָריע פון „אונטערקאָנזומפּציאָן“ שטאמט דערפון, וואָס זי פארשטעהט ניט די ראָליע פון דעם מערווערט און דעם טייל קאפּיטאל, וואָס רעפּרעזענטירט די פּראָדוקציאָנס־מיטלען. דער יערלאכער פּראָדוקט באשטעהט אין אָזוינע וואַרען וואָס זיינען געמאכט געוואָרען פאר'ן פּערזענליכען פארברויך און פאר'ן פּראָדוקטיווען פארברויך. די וואַרען וואָס דינען דעם פּראָדוקטיווען פארברויך קענען נאָר פארקויפט ווערען צו דעם קאפּיטאליסטישען קלאס, וועלכער באנוצט זיי אף צו באנייען דעם אָפּגעניצטען טייל פון דעם פּראָדוקטיווען קאפּיטאל און אף עם אויסצוברייטערן. דער קאפּיטאליזם צייכענט זיך אויס דערמיט וואָס אַט דער חלק פון דעם קאפּיטאל וואקסט שטענדיק אין פּראָפּארציע צו דעם גאנצען קאפּיטאל. עס איז לייכט צו פארשטעהן פאר וואָס: ווען איין ארבייטער קען מאכען מיט'ן האנט איין שטיקעל ארבייט און מיט א מאַשין צעהן שטיקלאך, איז דאָך קלאָר, אז דער ווערט פון די פארברויכטע מא־

זיי זיינען פון מארקסען נאָך אַ פּאָר מאָל איבערגעאַרבייט געוואָרען. דער לעצטער מאַנוסקריפּט פון דעם צווייטען באנד איז געשריבען געוואָרען אין 1878, ער איז אריין אין יענע קאפּיטלען, וועלכע איך האָב פּאָפּולאריזירט פאר די לעזער אין דיזען קאפּיטעל. (איר קענט דאָס אַלץ געפינען אין ענגעלס'עס פאָרוואָרט צום צווייטען באַנד).

ווען אַ מאַן ווי מארקס האַלט צוואנציק יאר אין איין שרייבען און מעקען, טו איז לייכט צו פארשטעהן, אז אין די איבערגעבליבענע פּאַפּירען זיינע מוזען זיך געפינען שטעלען וואָס שטימען ניט איין מיט זיינע שפּעטערע געדאנקען. ווען מארקס וואָלט זיין ווערק פארעפענטליכט אליין, וואָלט ער אפשר אנגענומען איין געדאנק אלס פונדאמענט און אפשר דעם אנדערען. אָבער זיין פריינט האָט זיך ניט געהאלטען פאר בארעכטיקט צו זיין אַ צענזאר איבער זיינע געדאנקען. ער האָט געקלערט, אַז מארקס איז אַ מאַן, וואָס האָט דאָס רעכט, די וועלט זאָל הערען, וואָס ער האָט געהאט אין זינען צו זאָגען, אײדער עס האָבען זיך ביי עם פארמאכט די ליפּען אף אייביק.

טעריאלען איז געוואקסען צען מאל אזוי גרויס. און וואו איז דער קאסט פון דער מאשין? אלזא מוז דער טייל פון דעם פראדוקט וואס דער קאפיטאליסט קויפט איין פאר דעם פראדוקטיווען פארברויך, שטענדיק וואקסען. עס בלייבען דאן נאך די ווארען וואס ווערען גע־ניצט נאר פאר דעם פערזענליכען פארברויך. אזעלכע ווארען זיינען בוויטיק ניט פאר דעם ארבייטער קלאס אליין, נאר אויך פאר די קא־פיטאליסטען. די הייזער, די ווילאס, די לוסט־יאכטען, די אטאמא־בילס, די פראדוקטען פון קונסט, די צירונג, פון די קאפיטאליסטען און זייערע פאמיליעס זיינען ווערט, ניט איבערטריבען, הונדערט, זאגאר טויזענט מאל אזוי פיל, ווי עס קאסט אויסצוהאלטען א גאנ־צע ארבייטער־פאמיליע. אויסהאלטען איין קאפיטאליסטישע טאכ־טער קאסט, ארעם 20,000 דאלאר א יאר. אויסהאלטען א בייבי — 4,000 א יאר. חוץ עסען האט דער פארברויך פון אלע אנדערע זאכען, בפרט נאך לוקסוס־געגענשטענדע, גאר קיין גרענעץ ניט.

דער קאפיטאליסטישער קלאס פארברויכט דעם מערווערט טיילווייז פערזענליך און טיילווייז פראדוקטיוו. דער מערווערט ווערט דעריבער פראדוצירט אין אזעלכע ווארען, וואס זאלען דינעןביידע צוועקען.

פאר דעם פערזענליכען פארברויך פון די קאפיטאליסטען ווע־רען פראדוצירט אזעלכע ווארען וואס זיי באדארפען און אזוי פיל, ווי עס באטרעפט יענער טייל פון דעם מערווערט, וואס זיי גיבען אויס געוועהנלאך אף זיך. פאר דעם פראדוקטיווען געברויך ווע־רען פראדוצירט פראדוקציאנס מיטעל און ווארען, וואס דער אר־בייטער קויפט מיט זיינע שכירות.

אין דעם צווייטען באנד פון „קאפיטאל“ ווייזט מארקס א חשבון, ווי אזוי די פראדוקציאן גלייכט זיך אויס מיט דעם פאר־ברויך און זיי געפינען זיך ביידע אין גלייכגעוויכט.

לאמיר, ערסטענס, אויסרעכענען, ווי וואלט עס אויסזעהען, ווען די קאפיטאליסטען וואלטען פארצערען זייער גאנצען פראפיט. אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט פירט זיך דאס ניט, ווארים די קאפיטאליסטען זוכען אימער צו פארגרעסערען זייער קאפיטאל. אין דעם מיטעלאלטער, ווען דער הערשענדער קלאס זיינען געווען די פריצים, וואס האבען געלעבט פון פאנשטשיזנע, פלעגען זיי אויס־

ברייננגען אליז, וואס זיי האבען געהאט, און געווערהנטלאך פלעגען זיי נאך מאכען חובות. אלזא, לאמיר ערסט זעהען, צי די פראדוקציאן און דער פארברויך קענען בלייבען אין גלייכגעוויכט אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, ווען די קאפיטאליסטען זוכען ניט אויסצוברייטען זייער פראדוקציאן, און דערנאך וועלען מיר זעהען, וואס קומט ארויס, ווען זיי שפארען אפ א טייל פון זייער פראפיט און לייגען עס אריין אין ווייטערע פראדוקציאן. די ציפערען נעם איך פון קארל מארקס'עס „קאפיטאל".

דעם גאנצען יערלאכען פראדוקט מוז מען צוטיילען אין צוויי חלקים: ערסטענס, די פראדוקציאנס־מיטלען, דאס הייסט, מאטע־ריאלען, וואס מען וועט דארפען איבער א יאר, אפגעניצטע מא־שינען און דערגלייכען; צווייטענס, וואס עס געהט אף דעם פערזענליכען פארברויך. און דעם חלק קען מען איינטיי־לען אין צוויי חלקים: וואס די ארבייטער פארברויכען און וואס די קאפיטאליסטען גיבען אויס אף זיך אליין. די ארבייטער פארצערען זייערע שכירות אין גאנצען, און די קאפיטאליסטען האבען מיר אנגענומען פארצערען זייער גאנצען פראפיט. לאמיר אנעמען, אז דער פראפיט באטרעפט אזוי פיל, וויפיל די שכירות. לאז זיין א קאפיטאל פון 5,000 מיליאן דאלאר ליגט אין פראדוקציאן פון איי־זען, קופער, מאשינערי און דערגלייכען, קורץ פון פראדוקציאנס־מיטלען, און 2500 מיליאן דאלאר אין דער פראדוקציאן פון די לעבענס־מיטלען: 1250 — פון פראדוקטען, וואס די ארבייטער פארצערען און אנדערע 1250 — פון אזוינע וואס די קאפיטאליסטען פארצערען. כדי אונדזער רעכענונג זאל זיין וואס פראסטער, וועלען מיר אנעמען, אז די מאשינערי ווערט אין גאנצען אפגעניצט אין דער צייט פון דעם יאר, און מיר וועלען זי אריינרעכענען צווישען די מאטעריאלען. אונדזער חשבון וועט אויסזעהען, למשל, אזוי:

א) פאבריקאציע פון פראדוקציאנס־מיטלען:

הוצאות: מאטעריאלען, לאז זיין 4,000, שכירות 1,000, צו־זאמען 5,000.

הכנסות (צום ענד יאר): דער קאסט פון מאטעריאלען 4,000, דער קאסט פון ארבייטס־קראפט 1,000, דער פראפיט אויך 1,000, צוזאמען 6,000. דאס ליגט איצטער אין ווארען וואס קענען באנוצט ווערען פאר מאטעריאלען פאר דעם נייעם יאר.

ב) פאבריקאציע פון לעבענסמיטלען פאר די ארבייטער:
הוצאות: מאטעריאלען, לאז זיין 1,000, שכירות 250, צוזאמען 1,250.
הכנסות: דער קאסט פון מאטעריאלען 1,000, דער קאסט פון ארבייטס־קראפט 250, פראפיט 250, צוזאמען 1,500.

ג) פאבריקאציע פון לעבענס־מיטלען פאר די קאפיטאליסטען — נאך א מאל די זעלבע רעכענונג ווי אין „ב".
דער גאנצער יערלאכער פראדוקט צוזאמען באטרעפט 9,000.
כדי די רעכענונג זאל ביי אייך זיין פאר די אויגען, טו שרייבט זיך אן די ציפערען אויף א שטיקעל פאפיר אט אזוי:

	מאטעריאלען	שכירות	פראפיט	ס"ה
א)	4,000	1,000	1,000	6,000
ב)	1,000	250	250	1,500
ג)	1,000	250	250	1,500

איצטער לאמיר רעכענען. די 250 שכירות פון די ארבייטער „ב" זיינען פראדוצירט געווארען אין לעבענס־מיטלען פאר ארבייטער. דיזעלבע ארבייטער וועלען מיט זייערע שכירות קויפען אט די לעבענס־מיטלען. די 250 פראפיט פון די קאפיטאליסטען „ג" זיינען פראדוצירט געווארען אין לעבענס־מיטלען פאר קאפיטאליסטען, די קאפיטאליסטען וועלען איינער ביי דעם אנדערען קויפען זייערע לעבענס־מיטלען (שאמפאניער, זיידענע קליידער, אויטאמאבילען). אלזא, 250 „ב" און 250 „ג" איז אראפ פון מארק. עס געפינט זיך נאך אין די הענט פון די קאפיטאליסטען „ב" 1250 אין לעבענס־מיטלען פאר ארבייטער. זיי פארקויפען 250 צו די ארבייטער „ג" וואס זייערע שכירות ליגען אין לעבענס־מיטלען פאר קאפיטאליסטען און מיט די געלט קויפען זיי יענע 250. אף דעם אופן האבען איצט די קאפיטאליסטען „ב" און די ארבייטער „ג" יעדערע זייערע לעבענס־מיטלען. ווייטער דארפען די קאפיטאליסטען „ב" אף 1000 דאלאר פראדוקציאנס־מיטלען און די ארבייטער „א" דארפען אף 1,000 דאלאר לעבענס־מיטלען. די קאפיטאליסטען „ב" פארקויפען זייערע 1000 אין לעבענס־מיטלען פאר ארבייטער צו די ארבייטער „א" און מיט די געלט קויפען זיי אפ די 1000 פראדוקציאנס־מיטלען, אין וועלכע עס ליגען די שכירות פון די ארבייטער „א". אזוי זיינען מיר פטור געווארען פון אלע פראדוקטען וואס זיינען געמאכט געווארען פאר דעם פארברויך פון די ארבייטער.

די קאפיטאליסטען „א" דארפען פארקויפען זייער 1,000 פראָ־פיט, וואָס ליגט אין אלערליי מאטעריאלען, צו קויפען לעבענס־מיטלען. פארקערט די קאפיטאליסטען ג" האבען 1,000 און לע־בענס־מיטלען פאר קאפיטאליסטען, וואָס זיי מוזען אויסבייטען אף אלערליי מאטעריאלען פאר זייערע פאבריקעס. די 1,000 „ג" ווערט אויסגעביטען אף די 1,000 „א". בלייבט נאָך די 4,000 „א". דאָס ליגט אין פראָדוקציאָנס־מיטלען, און עס מוז ווידער אריינגעלייגט ווערען אין פראָדוקציאָן אין דער זעלבער אפטיילונג. אלזאָ, וועלען די קאפיטאליסטען „א" איינער ביי דעם אנדערען אפקויפען דיזע מאטעריאלען. די קאפיטאליסטען „א", „ב" און „ג" קענען איצט ווידער אָנהויבען די פראָדוקציאָן אף דעם נייעם יאָר מיט דעם זעלבען קאפיטאל ווי פאר־א־יאָרען.

איצטער לאָמיר נעמען דעם פאל, ווען די קאפיטאליסטען פארצערען אף זיך נאָר א טייל פון זייער פראָפיט, דעם אנדערען לייגען זיי אריין אין געשעפט: וואָס הייסט דאָס זיי לייגען עס אריין אין געשעפט? דאָס הייסט, איבער־א־יאָר וועלען זיי מיט די געלט, אנשטאָט זיידענע קליידער און אויטאָמאָבילען, קויפען אייזען און קופער און צאָלען שכירות, פאר וועלכע די ארבייטער וועלען קויפען פאר זיך ברויט.

אלזאָ דער יערלאָכער פראָדוקט מוז זיין אנדערש איינגעטיילט, למשל, אזוי:

א) מאטעריאלען 4,000, שכירות 1,000, פראָפיט 1,000, צו־זאמען 6,000.

ב) מאטעריאלען 1,000, שכירות 450, פראָפיט 450, צוזאמען 1,900.

ג) מאטעריאלען 500, שכירות 300, פראָפיט 300, צוזאמען 1,100.

„א" און „ב" און „ג" אין איינעם באטרעפען די זעלביקע 9000 ווי פריהער, אָבער זיי זיינען אנדערש פארטיילט.

אלזאָ פארשרייבט עס ביי זיך אָט אזוי:

א) פראָדוקציאָנסמיטלען — ——	4,000	1,000	1,000	6,000
ב) לעבענסמיטלען פאר ארבייטער	1,000	250	250	1,500
ג) לעבענסמיטלען פאר קאפיט. —	500	300	300	1,100
ס"ה —	6,000	1,500	1,500	9,000

לאָמיר איצט אַ קוק טאָן וואו ליגט דער אונטערשיד. אין דעם ערסטען ביישפּיל האָבען די קאַפּיטאַליסטען „א“, „ב“ און „ג“ אָנגעהויבען מיט אַ קאַפּיטאַל פון 7,500, צום סוף האָבען זיי געמאַכט פּראָפיט 1,500, און דאָס איז ביי זיי געווען אָפּגעמאַכט צו פאַרצערען. עס איז פּראָדוצירט געווען אין אַזעלכע וואַרען. פּראָדוקציאָנס־מיטלען אויף דעם נעקסטען יאָר האָבען זיי געהאַט 6,000 און 1,500 אין לעבענסמיטלען פאַר ארבייטער. נאָך דעם נייעם פּלאַן מאַכען זיי אַ פּראָפיט פון 1,750, פון דעם קענען זיי אָבער פאַרצערען ניט מער ווי 1,100, וואָרים נאָר אויף אַזוי פיל איז פאַר זיי פּראָדוצירט געוואָרען. אנגעהויבען האָבען זיי מיט מאַטעריאַלען אויף 5,500, צום סוף יאָר האָבען זיי אָבער 6,000, דאָס הייסט, עס איז פאַראַן אויף 500 מער מאַטעריאַלען אויף צו פאַרגרעסערען די פּראָדוקציאָן. לעבענס־מיטלען פאַר ארבייטער איז פּראָדוצירט געוואָרען אויף 1,900. הגם די ארבייטער האָבען פאַרדינט דורך דעם יאָר נאָר 1,750. אַלזאָ עס איז פאַראַן אויף 150 איבעריקע לעבענס־מיטלען פאַר ארבייטער. ווי־זשע וועט מען זיך דערמיט איספּראַווען?

די ארבייטער „ב“ וועלען מיט זייערע שכירות קויפען די 450 אין לעבענס־מיטלען, אין וועלכע עס ליגען זייערע שכירות. די ארבייטער „א“ וועלען מיט זייערע שכירות קויפען די 1000 אין לעבענס־מיטלען, אין וועלכע עס שטעקען די מאַטעריאַלען „ב“. די ארבייטער „ג“ וועלען אָפּקויפען פון די קאַפּיטאַליסטען „ב“ 300 און לעבענס־מיטלען פון זייערע 450 וואָס עס שטעקט אין זייערע פּראָפיטען. עס בלייבט ביי זיי אויף 150 לעבענס־מיטלען פאַר ארבייטער, וואָס דערווייליגע האָבען מיר נאָך פאַר זיי אויף דאָרויף קיין קויפער ניט.

די קאַפּיטאַליסטען „ב“ נעמען די 300 וואָס זיי האָבען געלייזט פאַר אַ חלק פון די וואַרען, אין וועלכע עס ליגט זייער פּראָפיט, און קויפען דערמיט אויטאָמאָבילען און זיידענס, אין וועלכע עס ליגען די שכירות פון די ארבייטער „ג“. די קאַפּיטאַליסטען „ג“ פאַרצערען זייערע 300 פּראָפיט וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרען אין אַזוינע זאַכען וועלכע זיי דאַרפען, דאָס הייסט, זיי קויפען עס אָפּ איינער ביי דעם אנדערען. עס בלייבט נאָך צו פאַרקויפען די 500 לעבענס־מיטלען פאַר קאַפּיטאַליסטען, וואָס אין זיי ליגט דער ווערט פון דעם מאַטעריאַל וועלכען די קאַפּיטאַליסטען „ג“ האָבען נויטיק אין זייערע פאַבריקעס. זיי פאַרקויפען עס צו די קאַפּיטאַליסטען „א“, וועלכע

פארצערעו 500 פון זייערע 1,000 פראפיט, און זיי קויפען אפ ביי די קאפיטאליסטען „א“ מיט די געלט אף 500 מאטעריאלען. מיט די אנדערע 500 פון זייער פראפיט האלטען זיך נאך די „קאפיטא־ ליסטען "א". ווייטער בלייבען נאך די 4,000 וואס אין זיי ליגט דער ווערט פון די מאטעריאלען פאר די גאנצע אפטיילונג „א“, אבער דאס וועלען די קאפיטאליסטען „א“ איינער ביי דעם אנ־ דערען אפקויפען, ווארים זיי דארפען עס אין זייערע פאבריקעס.

אלזא, עס איז געבליבען אף 500 מאטעריאלען און אף 150 לעבענסמיטלען פאר ארבייטער. דאס רעפרעזענטירט די 650 פרא־ פיט וואס דער קאפיטאליסטישער קלאס וויל ניט פארצערען, נאר ער וויל עס ארייגלעגען אין נייע פראדוקציאן. דערצו איז נויטיק מאטעריאלען אף 500 און 150 דארף אוועקגעהן אף שכירות. אלזא, די קאפיטאליסטען פון דער אפטיילונג „א“ וועלען איינער ביי דעם אנדערען אפקויפען די מאטעריאלען, מיט די 150 וועלען זיי דינ־ גען א גרעסערע צאל ארבייטער, און די נייע ארבייטער וועלען נע־ מען די 150 שכירות און אפקויפען די 150 לעבענס־מיטלען וואס זיינען געבליבען ניט פארקויפט.

נאטירליך, אין דעם ביישפיל ווערט אנגענומען, אז קיין שווע־ ריקייט צו קריגען געלט איז ניטא: כל זמן עס זיינען פאראן קונים אף דעם גאנצען פראדוקט, געפינט זיך שוין געלט, ווארים, ערס־ טענס, הייבט דאך יעדער קאפיטאליסט אן זיין געשעפט מיט געלט, אט די געלט ליגט דאך אימער ערגעץ, און צווייטענס איז דאך פא־ ראן א קרעדיט סיסטעם, וואס גיט די קאפיטאליסטען די מיטעל צו פירען זייערע געשעפטען אן אונטערברעכונג, און אפצורעכענען זיך שפעטער. די פראגע איז ניט וואו נעמט זיך געלט אף איבערצוקע־ רעווען זיך, נאר וואו נעמען זיך קונדען? און מיר האבען געזעהען, אז קונדען געפינען זיך יע, ווען די פראדוקציאן איז נאר ריכטיק אויס־ געמארקירט. די פארגרעסערונג פון דער פראדוקציאן אין אונדזער ביישפיל באשטעהט אין דעם, וואס די קאפיטאליסטען קויפען אף 500 מער מאטעריאלען און דינגען אף 150 מער ארבייטער. דער פארברויך פון די ארבייטער איז אלזא קלענער ווי יענער טייל פון דעם פראפיט וואס די קאפיטאליסטען קענען ניט פארברויכען, און פונדעסטוועגען, ניש־קשה, די איבעריקע פראדוקטען געפינען א מארק אן די ארבייטער.

מארקס'עס חשבון ווייזט, ווי אזוי די קאפיטאליסטישע פראָ־דוקציאָן קען זיך אויסברייטען פון איין יאָר צום אנדערען און די גלייכגעוויכט זאָל ניט געשטערט ווערען.

די אויסברייטונג פון דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציאָן צייכענט זיך אויס דערמיט, וואָס דער שטענדיקער קאפיטאל, דאָס הייסט, דער חלק וואָס ווערט אויסגעגעבען אף מאטעריאלען, מא־שינען און געביידעס, ווערט רק גרעסער. אזוי איז עס געגאנגען זינט דעם אָנהויב פון קאפיטאליזם עד היום הזה.

דער וואולגארער סאָציאליסט קען דאָס ניט פארשטעהן, ווייל ער מיינט, אז דער צוועק פון דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציאָן איז די באשאפונג פון לעבענס־מיטלען. ער פארשטעהט, ווי די קאפיטאליסטען קענען פארצערען דעם גאנצען מערווערט פאר זיך: מיסים גולד מאכט זיך נאָך א קלייד, די ברעדלי מארטינס גיבען נאָך א באָל, מארגאן קויפט נאָך א גאלעריע טייערע בילדער, קארנעגי בויט אויס נאָך א צענדליק פרעכטיקע הייזער פאר ביבליאָטעקען. אָבער דאָס אלץ גילט אזוי לאנג, ווי עס ווערט דערמיט ניט פאר־גרעסערט די פראָדוקציאָן. ביז א געוויסען גרענעץ קען מען פאר־שטעהן ווי די פראָדוקציאָן קען זיך אויך אויסברייטען: די באפעל־קערונג וואקסט, דארף מען פון יעדער זאך מער. אבער עס איז דאָך א פאקט אז דער מערווערט וואקסט גיכער ווי די באפעלקערונג, וואָס טוט מען דערמיט וואָס איז איבעריק? אויב די איבעריקע לע־בענס־מיטלען פון איין יאָר ווערען באנוצט אף באשאפונג פון נאָך מער פראָדוקציאָנס־מיטלען, וואָס זייער צוועק איז צו באשאפען נאָך מאסענהאפטער און מער לעבענס־מיטלען, טו וואָס וועט זיין דער סוף דערפון?

הונדערט מאָל אפשר חזר'ט איבער מארקס אין זיין „קאפי־טאל“, אז דער אונטערשיד צווישען דער קאפיטאליסטישער פראָ־דוקציאָן און דער פראָסטער ווארען־פראָדוקציאָן וואָס האָט עקזיס־טירט פאר דעם קאפיטאליזם, באשטעהט אין דערין גופא, וואָס דער ענדצוועק פון דער פראָסטער ווארען־פראָדוקציאָן איז דער געברויכס־ווערט פון דער וואָרע, וועלכע ווערט אויסגעביטען אין מארק, און פארקערט, דער ענדצוועק פון דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציאָן איז דער מערווערט.

איך וויל, אז דער לעזער זאָל דאָס קלאָר פארשטעהן.

קומט א זונטאג צו אונדז אין מינסק, אין גרויסען מארק, אף טרעצקער בארג. א פויער ברייננגט א וואגען האלץ און פארקויפט עם פאר א פאר קערבלאך, מיט די געלט געהט ער צווישען די קראָמען און קויפט זיך א פאר שטיוועל. וואס האט פאסירט? האלץ איז א נויטווענדיקע זאך און שטיוועל זיינען אויך א נויטווענדיקע זאך, א „געברויכסטווערט“, ווי דער דייטש זאגט. די האלץ אבער הגם א נויטיקע זאך בכלל, איז ניט נויטיק געווען גראד פאר יענעם פויער, און די שטיוועל, וואס זיי זיינען אויך א נויטיקע זאך בכלל, זיינען ניט נויטיק געווען פאר יענער קרעמערקע. דורך דעם קויפען און פארקויפען אין מארק האבען די האלץ און די שטיוועל איבערגעביטען זייערע פלעצער, און איצטער האט די ווייבעל האלץ אויסצוהייצען די שטוב און דער פויער שטיוועל צו טראגען. דערמיט האט זיך דער האנדעל געענדיגט, יעדער האט דאס וואס ער דארף, יעדער האט א געברויכטס־ווערט, מיט וועלכען ער וועט שוין מער ניט האנדלען, ער וועט עם פארצערען.

איצט טראגט זיך אריבער אין אמעריקע. די פילאדעלפיא ענד רעדינג אייזען־באן האט אריינגעלייגט איר געלט אין קוילען־גרובען. די קוילען פארקויפט זי און איר קאפיטאל קומט צו איר צוריק ווידער אין דער פארמע פון געלט מיט א צואוואקס, א „מערווערט“. די געלט קען זי ווידער אריינלייגען אין געשעפט, וואס דער פויער האט עם מיט זיין פאר שטיוועל ניט געקענט טאן. אין וואס פאר א געשעפט? דאס מאכט פאר איר גאר ניט אויס, אבי עס זאל טראגען מערווערט. דער מסחר באשטעהט אין דעריין וואס מען בייט געלט אף געלט און מען מאכט דערביי מעהר געלט.

הונדערטער מיליאנען זיינען אריינגעלעגט געווארען אין דעם פאנאמא קאנאל. פון וואנען האבען זיי זיך גענומען? דאס איז אנגעקליבענער מערווערט. ער איז אריינגעלייגט געווארען אין פאפירען (באנדס), וואס וועלען טראגען צינזען, דאס הייסט מערווערט. טויזענטער מיליאנען זיינען אויסגעגעבען געווארען אף קריגס־שיפען און הארמאטען פאר דעם קריג. דאס איז אויך אנגעקליבענער מערווערט. די איראפעאישע און אמעריקאנישע קאפיטאליסטען האבען אויסגעליהען זייער מערווערט צו די רעגירונ־נונג) פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט; ווען איר וועט אריינקוקען אין דעם סטאק - בוך (אינוועטנאר) פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, וועט איר געפינען,

אז עס זיינען פאראן גרויסע שיפס־בוי־קאמפאניעס, וואס בויען קרינגס־שיפען, גרויסע פאבריקעס פון הארמאטען, ביקסען, פול־ווער, א גרויסער טייל פון דעם שטאל, פון דעם קופער, פון די קוילען וואס ווערען פראדוצירט, געהען אוועק אף קרינגס־אויסגאבען. און דער אויסהאלטען פון מיליאנען סאלדאטען?

5.

די אורזאכען פון קריזיסען.

פון וואנען זשע נעמט זיך פארט א קריזיס? די אורזאכע האט מארקס געוויזען אין דעם צווייטען באנד פון „קאפיטאל“*).

מיר האבען געזעהען, אז א טייל פון דעם קאפיטאל, דער פיקסער קאפיטאל, ווערט אריינגעלייגט אין גרויסע סומען און קומט צוריק אין קליינע חלקים. די דאזיקע חלקים ווערען אנגעקליבען פון יעדען קאפיטאליסט אלס א רעזערוו־פאנד, כדי, ווען עס וועט קומען די צייט ארויסצוואווארפען די אלטע מאשינערי און צו קויפען נייע, זאל ער האבען מיט וואס דאס צו טאן. ווען צום ביישפיל די מאשי־נערי קאסט $100,000 און זי דינט 10 יאר, לייגט ער אוועק אין א באנק $10,000 א יאר, און נאך צען יאר נעמט ער ארויס מיט א מאל די $100,000 און גיט זיי אויס אף מאשינערי. ווען די $10,000 וואס ער שפארט אפ יערליך וואלטען זיך געלעגען רוהיק ערגעץ אין א פושקע, און די מאשינען וואס ער וועט דארפען, וואלטען זיך פאמעלאך געמאכט אין דער צייט פון די צען יאר, וואלט עס געווען אזוי לייכט אויסצופירען, ווי עס איז דאס צו דערצעהלען. אין דער אמת'ן אבער טראגט ער אריין די געלט אין די באנק, די באנק בארגט עס אויס דערווייליגע אף אנדערע אונטערנעמונגען, און ווען עס קומט ארויסצוציהען מיט א מאל די $100,000 אנשטאט ווי געוועהנטלאך $10,000 איז די באנק קורץ אין געלט. נאטירליך, איר פארשטעהט, אז עס האנדעלט זיך אין דער ווירקליכקייט אום טויזענטער קאפיטאליסטען און אום הונדערטער מיליאנען. ניט אלע דארפען זייער געלט צו דער זעלבער צייט. אבער די אורזאכע פון שטערונגען בלייבט, כל זמן די גאנצע פראדוקציאן פירט זיך ניט מיט א פלאן. עס איז אזוי ווי ווען איר וואלט געהאט א גרויסען געשעפט אף מיליאנען דאלאר און א בוכהאלטער. דער רעזולטאט וועט זיין, אז היינט וועט פעלען ווארע, מארגען וועט פעלען געלט.

*) „דאס קאפיטאל“ צווייטער באנד, ז. ז. 442־445.

מיר האבען אבער געזעהען, אז די רעדער פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן און צירקולאציאן קענען זיך דרעהען ריכטיק נאר דע־מאלט, ווען דער פראדוקטיווער קאפיטאל געהט איבער אין ווארען־קאפיטאל, דער ווארען־קאפיטאל און געלט־קאפיטאל, דער געלט־קא־פיטאל ווידער אין פראדוקטיווען קאפיטאל, אן אונטערברעכונג. שטעלט זיך אפ ערגעץ איין רעדעל, בלייבט די גאנצע מאשין שטעהן. דאס האבען מיר געזעהען אין דעם קריזיס פון 1907—1908.

עס האט זיך ניט אנגעהויבען דערפון וואס פאבריקאנטען, אדער האלסיילערס האבען ניט געפונען קיין מארק פאר זייערע ווארען און זיינען דעריבער ניט אין שטאנד געווען צו צאלען זייערע הובות. ניין, די צאל באנקראטען איז געווען זעהר קליין, ניט גרע־סער ווי געווועהנטלאך. עס האט זיך אנגעהייבען פון די באנקען, עס האט געפעלט געלט, וויפיל דער געשעפט האט פארלאנגט. פאר־וואס? דערפאר, זאגען די ניו־יארקער באנקירען קאנאנט און גיידזש, וואס די געלט איז אריינגעלייגט געווארען אף לאנגע טערמינען אין סטאקס או זבאנדס (אקציעס און אבליגאציעס), דאס הייסט אין פיקסען קאפיטאל פאר נייע אונטערנעמונגען און עס פעלט ציר־קולירענדער קאפיטאל. די באנקען האבען איינגעצויגען זייערע קרע־דיטען. דערפון איז געווארען א פאניקע, אלע האבען גענומען ארויס־ציהען זייער געלט פון די באנקען און האלטען עס ביי זיך, דאס הייסט, דער קאפיטאל האט אופגעהערט איבערצוגעהן אין די פארמע פון פראדוקטיווען קאפיטאל, ווי מארקס דריקט זיך אויס. דער רע־זולטאט איז געווען, אז די פראדוקציאן האט זיך געמוזט אפשטעלען.

די אורזאכען פון קריזיסען האט אלזא גאר קיין שייכות ניט צו דעם פארהעלטנים פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס צו דעם אר־בייטער־קלאס.

דער טעות פון דעם ווולגארען סאציאליזם איז וואס ביי עס איז קאנזומפציאן בכלל אלץ איינס וואס קאנזומפציאן פון דעם אר־בייטער־קלאס. נאטירליך, איז די גאנצע פראדוקציאן אימער גרע־סער איידער די קאנזומפציאן פון דעם ארבייטער־קלאס. ווארים עס איז נאך חוץ דעם פאראן די פערזענליכע קאנזומפציאן פון דעם הערשענדען קלאס, (די שקלאפען־האלטער, די פעאדאלע פריצים, די קאפיטאליסטען), און, צווייטענס, די פראדוקטיווע קאנזומפציאן, דאס הייסט די קאנזומפציאן פון מאשינען און רויע מאטעריאלען

פאר ווייטערע פראדוקציאן. ווען איר וועט דאס צורעכענען, איז גאר ניט געזאגט, אז די קאנזומפציאן מוז אימער זיין קלענער ווי די פראדוקציאן. עס קען אמאל גאר זיין פארקערט, אז עס פעלט פראדוקטען פאר דעם באדארף, — דאס האבען מיר, צום ביישפיל, געזעהען דא אין אמעריקע, אין דעם וויכטיקסטען צווייג פון דער היינטיקער פראדוקציאן, אין דער אייזען־אינדוסטריע: אין די לעצטע יארען, ווען א גרויסע אונטערנעמונג, צום ביישפיל, אן אייזענבאן, האט נויטיק געהאט אייזען אדער שטאל אין דער פארמע פון רעלסען, דראט אדער בוי־מאטעריאלען, האט זי עס געמוזט באשטעלען מיט א יאר אדער אנדערטהאלבען אין פאראויס, ווארים אלע אמעריקאנער פאבריקעס האבען געארבייט פולע צייט און האבען געהאט אנגענומענע באשטעלונגען אף א יאר אדער אנדערטהאלבען אין פאראויס. אלזא „אונטערפראדוקציאן“!

ווייטער, איבערפראדוקציאן הייסט גאר ניט דוקא איבערפראדוקציאן פון אזעלכע ווארען, וואס דער ארבייטער קען פארצערען. צום ביישפיל, דער קריזיס פון 1907 האט זיך אנגעהויבען פון קופער. עס זיינען געלעגען אין מארק אן ערך 400,000,000 פונט קופער און עס האבען זיך ניט געפונען קיין קויפער. דאס האט באטראפען, לויט דעם געזונקענעם פרייז ביז $50,000,000. זאל מען די שכירות פון אלע פאבריק־ארבייטער העכערען מיט א דאלאר א טאג, אין איין וואך מאכען זיי מיט $50,000,000 מער ווי היינט, — וועלען זיי די געלט אויסגעבען אף קופער־דראט?

אמת, מארקס זאגט אויך, אז איבערפראדוקציאן פירט צו קריזיסען. אבער „איבערפראדוקציאן“ איז ניט די זעלבע זאך ווי „אונטערקאנזומפציאן“. איבערפראדוקציאן קומט ניט דערפון, וואס דער ארבייטער קריגט ניט דעם גאנצען פראדוקט פון זיין ארבייט, נאר פון גאר אנדערע אורזאכען. כל זמן איין קאפיטאליסט פראדוצירט ניט וויסענדיק פון דעם אנדערען, מוז אמאל זיין צופיל ווארען, אמאל צו ווייניק. דערמיט איז נאך אבער ניט ערקלערט, פארוואס איבער־פראדוקציאן מוז פירען צו קריזיסען. א פארצייטיקער פריץ איז קיין מאל ניט בדלות געווארען דערפון, וואס ער האט אנגעקליבען צופיל תבואה, צו פיל בהמות, צו פיל לייוונט. פאר וואס־זשע איז עס פאר דעם קאפיטאליסטישען קלאס א צרה, ווען ער האט פון יעדער זאך צופיל? וואס איז די נפקא מינה פון

דער פארצייטיקער פריצ'שערווירטשאפט צו דער קאפיטאליסטי־
שער? דער אונטערשיד איז אין דער קאפיטאליסטישער צ י ר־
ק ו ל א צ י א ן. די איינפאכע צירקולאציאן פון ווארען אין די
פארצייטיקע יארען האט ניט געקענט פירען צו א קריזיס, ווייל
יעדער איינצעלנער קויפען און פארקויפען איז געווען אפגעזונדערט
פון אלע אנדערע. ווען איין ווארע האט ניט געפונען קיין קויפער,
האט דאס ניט געשטערט צו פראדוצירען און פארקויפען אנדערע.
אבער דער קאפיטאליזם ציט אריין אלע ווארען אין די צירקולאציאן
און מאכט די פראדוקציאן אפהענגיק פון דער צירקולאציאן. ווען א
טייל פון די פראדוצירטע ווארען ווערט ניט פארקויפט, ווערט אפ־
געהאלטען דער גאנג פון דער צירקולאציאן, און דאס ווידער
שטעלט אפ די פראדוקציאן, און מיר האבען א קריזיס. אלזא, ניט
די איבערפראדוקציאן איז די אורזאכע פון קריזיסען, נאר די אנאר־
כיע פון דער קאפיטאליסטישער צירקולאציאן.

עס קומען פאר פון צייט צו צייט שטערונגען אין דעם גאנג
פון דער קאפיטאליסטישער אינדוסטרי, פונקט אזוי ווי עס טרעפען
זיך שטערונגען אין דעם פארקער אף די אייזענבאנען. אבער אז א
צוג געהט אראפ פון די רעלסען, ארער קומט אין צוזאמענשטויס
מיט אנאנדער צוג, ווערט דערמיט דער אייזענבאן־סיסטעם ניט
אפגעשאפט. אזוי איז אויך מיט די קריזיסען: זיי רואינירען א צאל
קאפיטאליסטען, אבער דער קאפיטאליסטישער סיסטעם בלייבט
ווייטער.

אכטער קאפּיטעל

דער ווידערשפּרוך צווישען דער טעאריע פון „דער סאציאלער רעוואלוציאן" און דעם היסטארישען מאטעריאליזם.

ווי איר ווייסט זיינען פאראן צוויי סארטען סאציאליסטישע טעאריעס: אידעאליסטישע און מאטעריאליסטישע. אלע אידעאליסטישע טעאריעס פון סאציאליזם האבען איין געדאנק בשותפות, נעמלאך, אז כדי עס זאל איינגעפירט ווערען דער סאציאליזם, דארף א גרויסער טייל פון דער מענטשהייט פריהער ווערען סאציאליסטען. עס הענגט אפּ פון זייער „באוואוסטזיין", פון זייער ווילען: וועלען זיי וועלען, וועט זיין סאציאליזם, וועלען זיי ניט וועלען, וועט ניט זיין.

דער מאטעריאליסטישער סאציאליזם קערט איבער דעם גאנצען עסק מיט די פּיס ארויף, מיט'ן קאפּ אראפּ. (דער אויסדרוק וועט איר געפינען ביי מארקסען). ניט די סאציאליסטען באשאפען דעם סאציאליזם, נאר די ענטוויקעלונג איז דער ריכטונג פון סאציאליזם באשאפט די סאציאליסטען. די „מאטעריאליסטישע פילאסאפיע פון דער געשיכטע" איז דער פונדאמענט פון דעם מארקסיסטישען סאציאליזם. לאמיר זשע איבער'חזר'ן נאך אמאל, אין וואס זי באשטעהט.

זינט דער מענטש איז א מענטש, לעבט ער אין ערגעץ א מין געזעלשאפט: א שטאם, א קהלה, א שטאט, א מדינה, זינט די מענטשען האבען זיך פארשפּרייט אין אזעלכע קלימאטען, וואו מ'קען ניט געהן נאקעט און לעבען אף דער פרישער לופט, דארפען זיי עפּעס א סארט הייזער און קליידער; חוץ דעם קען מען זיך מיט איינע יאגדעס און ווילדע פּירות אויך ניט אנעסען זאט. אלזא, מ'מוז אלצדינג צוגרייטען, וואס דער מענטש דארף, דאס הייסט, „פּראדוצירען". די פּראדוקציאן ברענגט מענטשען צוזאמען. אף וואס פאר אן ארט דאס ווענדעט זיך אן דעם, ווי אזוי זיי

פּארדוציִרען. ווען דער מענטש לעבט פון שיסען ווילדע חיות, מוז ער וואָהנען צוזאמען מיט אנדערע מענטשען, ווארים אין א וואלד זיינען פאראן א סך גרויסע חיות און איינער אליין קען א מענטש זיי ניט בייקומען. דעריבער וואָהנען יעגער־פעלקער אין שטאַ־מען. ווען דער מענטש האָט זיך שוין אזוי ווייט ארויפגעארבייט, אז ער האָט א סטאַדע בהמות, קען עס אויסקומען מיט זיין אייגענער הויז־געזינד, און עס איז פאר עם וויגאַדנער צו זיין וואָס ווייטער פון אנדערע פאסטוכער; די מעשה ווענען אברהם אבינו און זיין שוואָגער לוט באווייזט דאָס זעהר קלאָר. ווען עס האָט זיך שוין ענטוויקעלט דער האנדווערק איז פאר דעם עולם נויטיק צונויפצו־קומען זיך אף יריד'ען, אויסצובייטען זייערע סחורות. מיט דער צייט ווערט ארום דעם יריד א שטעטעל און די בעלי מלאכות באַ־זעצען זיך אין שטעטעל, וואו זיי קענען זיך עפּטער טרעפען מיט זייערע קונדען. ווען עס ענטוויקלען זיך מאַשינען, וואקסען אויס גרויסע פאבריקעס, וואו עס ארבייטען הונדערטער מענטשען. היינט פארשטעהט איר דאָך, אז די באציהונגען פון איין מענטשען צו דעם אנדערען מוזען זיין גאנץ אנדערע אין יעדען סאָרט געזעל־שאַפט. דערפון קומען ארויס פארשידענע מנהגים, פארשידענע גע־דאנקען.

וויפיל מענטשען טרעפט איר, וואָס זאָלען קענען דענקען יע־דער פאר זיך אליין מיט זיין אייגענעם שכל? די צאָל אידעען איז צו יעדער צייט זעהר קליין, טויזענטער מיליאָנען מענטשען האָבען דעם זעלבען געדאנק איבער געוויסע זאכען. ווי אזוי קומט דאָס? ווען דער מענטש ווערט געבאָרען, געפינט ער שוין א פארטיקע וועלט און זיינע געדאנקען קומען צו עם פון זיין פּרנסה. אפילו נאָך דעם לשון נאָך קענט איר דערקענען, מיט וועמען איר האָט צו טאָן: איר האָט אודאי געהערט, ווי מ'מאכט איבער, ווי א בעל עגלה רעט, א שוסטער, א שניידער און דאָס גלייכען.

אָט דאָס מיינט קארל מארקס, ווען ער זאָגט, אז די פארהעל־טעניסע פון דער פּראָדוקציאָן זיינען דער פונדאמענט, אף וועלכען עס ווערען אופגעבויט די געזעצליכע, רעליגיעזע און אלע אנדערע איינריכטונגען פון דער געזעלשאפט, די פּאָליטישע סיסטעמען, די טעאָריעס פון רעכטס־וויסענשאפט, אפילו די באגריפען פון יושר.

די טרייב־קראפט פון יעדער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט איז די עקאנאמישע ענטוויקלונג. עס בייט זיך מיט דער צייט די ארגאניזאציע פון דער פראדוקציאן, בּיסלאכווייז פאסען זיך צו אלע געזעצלאכע איינריכטונגען, אלען געדאנקען צו דעם נייעם סדר. נעמט אזא ביישפיל: אין אמאליקע צייטען האט א שניידער ניט פאר־נונען דעם אנדערען זיין שטיקעל ברויט, ווארים יעדער איינער איז געווען צופרידען ארויסצוכאפען ביי דעם אנדערען א שטיקעל מלאכה. היינט זיינען אלע שניידער סאלידאריש, זיי פאראייניקען זיך אין א סטרייק, זיי באלאנגען צו א שניידער־יוניאן.

עס האבען זיך איבערגעביטען די עקאנאמישע פערהעלטניסע האבען זיך איבערגעביטען די עקאנאמישע אידעען. אז מען נעמט די גאנצע געשיכטע קען מען איינזעהן ווי די איצטיקע געזעלשאפט איז אויסגעוואקסען, ניט דורך דעם וואס א גרויסער נביא האט פאראויס געמאכט א פלאן ווי מען זאל זיך איינריכטען, און דער עולם האט איינגעזעהן, אז עס איז טאקע א פלאן און מען האט דעם נביא געפאלגט. די מערצאל פון מענטשען האנדלען נאר פאר זייערע אייגענע צוועקען און זארגט ניט וואס עס וועט פון דער פון ארויסקומען פאר דער איבריקער וועלט. און אפילו די יעניקע, וואס מיינען, אז זיי האנדלען אין די אינטערעסען פון דער גאנצער געזעלשפאט, זיינען זעהר זעלטען באוואוסט פון דער ווירקונג, וואס זייער טעטיקייט וועט האבען אף די געזעלשאפט. מיט הונדערט יאר שפעטער, אז דער געשיכט־שרייבער נעמט מאכען דעם חשבון, ווייזט זיך ארויס, אז די נרעסטע מענער פון א הונדערט יאר צוריק האבע ן זיך פאררעכענט, עס דוכט זיך אונדז אויס, אז מיר שטופען די געשיכטע, אין דער אמת'ן שטופט די געשיכטע אונדז.

נעמט פארגלייכט דעם קאפיטאליסטישען סיסטעם מיט דעם פארצייטיקען קאמוניזם. קענט איר עפעס געפינען עס זאל זיין ענלאך איינער צו דעם אנדערען? פארצייטען איז די לאנד געווען קהל'שע, היינט איז די לאנד אין פריוואטע הענט. פאר־צייטען האט יעדע פאמיליע געהאט אן אייגענע הויז, היינט וואה־נען דאס רוב מענטשען אין די שטעט אין געדונגענע דירות. פאר־צייטען איז יעדער געווען ביי זיך אליין א בעל הבית, היינט זיי־נען אין שטאט נאר ווייניק בעלי הבתים, דאס רוב ארבייטען פאר שכירות, פארצייטען זיינען געווען נאר קליינע בעלי מלאכות, היינט

װערט די אַרבײט געמאַכט אין גרױסע פאַבריקעס און אַזױ כּסדר.

װי אַזױ־זשע איז פון אַ װעלט פון קלײנע שבטים װאָס יעדער פון זײ איז געװען װי אײן גרױסע משפּחה אױסגעװאַקסען אַ געזעלשאַפט מיט פּריװאַט ־ אײגענטום, מיט פאַרשידענע בעלי מלאכות, מיט האַנדעל, מיט געלט א. אז. װ.? דער הױפּט פּרינציפּ פון דער פּאַרצײטיקער געזעלשאַפט איז געװען: „די כאַבע איז דאָך געװיס געװען אַ לײט". אַרײנפירען אַ נײע פירונג איז קײנעם געװיס ניט אײנגעפאַלען. אָבער אַז אַ האַלב־װילדער שבט פאַרשאַפט, למשל, מיט אַן אַמעריקאַנער סוחר אַ פּאָר טהירענע פעלכלאך פאַר אַ פלעשעל װהיסקי, װײל ער דערמיט ניט חלילה אָפּשאַפען דעם קאָמוניסטישען סיסטעם. און אַזױ איז עס פאַרצײטען אױך געװען, עס האָט גענומען פיליײכט טױ־זענטער יאָרען, ביז װאַנען דער האַנדעל האָט אײנגעפירט די טײ־לונג פון דער אַרבײט אין פאַרשידענע פאַכען: קײנער האָט בשעת מעשה זיך ניט אָפּגעגעבען קײן רעכענונג אַז דורך דעם װערט די אַלטע קאָמוניסטישע װעלט איבער־געמאַכט אױף אַ װעלט פון קלײנע בעלי מלאכות, קלײנע פאַרמערס און קלײנע סוחרים, עס איז אָבער פּאַרט געקומען דערצו.

הײנט שטעלט זיך פאָר אַ לאַנד, למשל, װי אַביסיניע, דאָרטען איז נאָך די גאַנצע פירונג אַ פּאַרצײטיקע. זאָלען די קאַ־פּיטאַליסטען איר װעלען איבערמאַכען אױף זיך אױף'ן אַמעריקאַנער פּלאַן. זײ װעלען מוזען אװעקנעהמען די לאַנד פון פאָלק און אװעקגעבען עס צו פּריװאַט פּערזאָנען. זײ װעלען מוזען אַרױס־טרײבען די דאָרטיגע אײנװאָהנער פון זײערע הײזער און אױס־בױען פאַר זײ טענעמענט הײזער. זײ װעלען מוזען אװעקטרײבען אַלע שנײדער, שוסטער, קירזשנער, סטאָליאַרעס פון די חדרים װאו זײ אַרבײטען איצט, און זײ אַרײנטרײבען אין די פאַבריקעס, מיט אײן װאָרט, זײ װעלען מוזען מאַכען אַ געװאַלטיקע סאָציאַלע רע־װאָלוציע, פּונקט אַזאַ רעװאָלוציע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אונ־דזער אײגענער געזעלשאַפט אײדער עס איז פון דער פּאַרצײטיקער פירונג געװאָרען די איצטיקע קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. מיר האָבען אָבער געזעהען װי עס איז צוגעגאַנגען פּאַמעלאַך. אײן שריט נאָך דעם אַנדערען, קײנער האָט בשעת מעשה גאָר ניט גע־מערקט, אַז עס קומט דאָ פאָר אַ רעװאָלוציע. אַז שמעון דער שנײ־דער האָט אָנגעװאָרען מײן טאַטען פאַר אַ קינד, װאָרים מײן טאַטע

איז געגאנגען באשטעלען א גארמיטור ביי פריינקעל אף נובער־נאטארסקע גאס, איז דאס געווען ווי איר געדענקט, א טייל פון דער סאציאלער רעוואלוציע. דער זשאנדארמסקער פאלקאווניק אבער חאט דאס צוגעזעהען און האט גאר ניט חושד געווען אז עס טוט זיך דא אפעט א רעוואלוציע. און אזוי האט זיך נעביטען דער לעבען און די פירונג פונד ור צו דור הונדערטער יאהרען, ביז עס איז געווארען פון דעם פארצייטיקען קאמוניזם דער היינטיקער קאפיטאליזם. אלין איז צוגעגאנגען אף א געשעפטס־מעסיקען ארט, יעדער האט זיך אפגעגעבען נאר מיט זיין אייגענעם געשעפט, מען האט ניט געהאלטען קיין דרשות איינצורעדען דעם פארמער וואס פאר א גוטסקייט עס וועט גאר זיין, אז ער וועט אוועקשיקען זיין טאכטער ארבייטען אין שטאט אין א פאבריקע. אז עס האבען זיך שוין אנגעקליבען צענדליקע, טויזענטער מיידלאך אין די פאב־ריקעס, דאמאלס נאר האט זיך דער געלערנטער עקאנאמיסט גע־נומען וועגען דעם צו שרייבען. און נאך א זאך. אלין איז צו־געגאנגען מיט דער נאטור, מיט געוואלד האט מען קיינעם ניט געצוואונגען געהען אין שטאט זוכען ארבייט. מיט גוואלד צווינגט מען דעם שניידער ניט ער זאל געהן ארבייטען אף בראדוויי אין א פעקטארי, ווען ער וויל קען ער דינגען א מאשין און ארבייטען פאר זיך ערגעץ אין בראנזוויל, אוועקטראגען פארקויפען דעם דזשעקעט דערנאך אין דער פערצעטער סטריט. צי וועט ער אבער דערביי בעסער מאכען, איז א גרויסע פראגע. דעם שניי־דער פון דער היים, וואס ארבייט ניט אום שבת און האט ניט צו טאן מיט די סאציאליסטען, פאלט גאר ניט איין אז עס איז אן עולה וואס דער באס האלט א שאפ און ער איז אן ארבייטער. ווען ער בעקומט נאר ריכטיק באצאלט וואס ער האט זיך באדינגען, קומט דאס אויס נאך זיין באגריף גאנץ ארענטלאך.

אלזא, איר זעהט אז דער קאמוניזם האט געמוזט איבערגעהן פון זיך אליין אין קאפיטאליזם, נאר דורך די ענטוויקלונג פון אר־ביים און געשעפט, אדער ווען מען וויל ריידען די שפראך פון פא־ליטישע עקאנאמי, הייסט דאס אז די געזעלשאפט האט זיך גע־ביטען דורך עקאנאמישע אורזאכען. געוועהנלאך, גאר אן שווינ־דעל איז ניט צוגעגאנגען, אבער דאס דארף מען ניט פארגעסען, אז שווינדעל איז געווען א זייטיקע זאך, א פאבריקאנט, ווען ער רייסט אפ פון'ם ארבייטער פינף סענט פון א דזשעקעט קען דער־

כיי מאַכן אַ גרעסערען פּראָפיט. אַבער אז ער זאָל ניט ברעכן וואָרט וועט ער פאָרט מאכען א פּראָפיט.

עס קומט היינט פאר גענוג מערדעריי און אויך פריהער איז געווען ניט ווייניקער. מען האָט ביי דעם ענגלישען, אָדער ביי דעם רוסישען פויער אוועקגענומען זיין לאנד מיט גוואַלד, און ער איז געוואָרען א פּראָלעטאריער, אָבער ניט דאָס איז געווען די אורזאכע, וואָס עס האָט זיך געוויזען אף דער וועלט א פּראָ־לעטאריאט. די איינפירונג פון מאשינען איז די הויפּט אורזאכע.
מען האָט געמאכט פארשידענע ערפינדונגען אין דער פאברי־קאציע פון שיך ניט אום צו רואינירען דעם שוסטער, אָבער ער איז דאָך געוואָרען איבעריק און האָט זיך געזעהן געצוואונגען אַנצוקומען אין דער פאבריקע. און אזוי, ביסלאכווייז האָט זיך אויפגעבויט אַ נייע וועלט פון קאַפּיטאַליסטען און געדונגענע ארבייטער. ווען אַלץ וואָלט צוגעגאנגען פרום און גוט, וואָלט די איינפירונג פון די איי־זענבאנען פאָרט אוועקגענומען די פרנסה פון די בעלי עגלות און געמאכט זיי פאר פּראָלעטאריער.

אף דעם באשטעהט ענגעלס אין זיין פּאָלעמיקע געגען דיורינגען ניט דורך גוואַלד, מיינט ער, איז אויסגעוואקסען די קאפּיטאליסטישע ארדנונג, נאָר דורך עקאָנאָמישע ענטוויקלונג. איך פארשטעהט שוין איצטער וואָס איז דער טייטש „עקאָנאָמישע“: ווען מען מאכט א געזעץ אוועקצונעמען פון די פויערים די לאנד, אָדער ווען מען נעמט אוועק די לאנד פון די פראנצויזישע פּריצים דורך א רעוואָלוציאָן, הייסט דאָס א „פּאָליטישער“ וועג. ווען אָבער דער פארמער גיט ארויס א מאָרגעידזש (א היפּאָטעקע) אף זיין פארם און זי ווערט פארקויפט פאר'ן חוב אָדער ווען דער פּלאנטאטאָר אין די סויטה, ביי וועמען מען האָט אוועק־גענומען די שקלאפען, פארקויפט זיין לאנד, וואָס קיינער האָט דורך געזעץ ניט געטשעפּעט, איז דאָס אן „עקאָנאָמישער“ פאקט.

היינט ווי אזוי וועט פון דעם קאַפּיטאַליזם ארויסוואקסען דער סאָציאַליזם? אף די פראגע ענטפערט קארל מארקס אזוי:

די צאָל קאַפּיטאַליסטען ווערט רק קלענער, די צאָל געדונגענע ארבייטער ווערט רק גרעסער, דער „מיטעלקלאס“ געהט אונטער אין גאנצען, ביז וואנען די גאנצע געזעלשאפט צוטיילט זיך אין צוויי קלאסען: דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאס און דעם ארבייטער־קלאס. „עס וואקסט די מאסע פון עלענד, פון דרוק, פון קנעכטונג.

פון דעגראדאציע, פון עקספלואטאציע, אבער אויך די עמפערונג פון דעם ארבייטער קלאס, וואס ווערט רק גרעסער און ווערט געשולט. פאראייניקט און ארגאניזירט דורך דעם מעכאניזם פון דער קאפי־טאליסטישער פראדוקציאן. ...עס שלאגט די שטונדע פון דעם קאפיטאליסטישען פריוואט־אייגענטום. די עקספראפריאטארס ווע־רען עקספראפריאירט"*).

מען דארף אלזא א רעוואלוציאן. אבער איז א רעוואלוציאן אן ע ק א נ א מ י ש ע ר וועג? לאמיר דאס באטראכטען. לאז זיין, אז די איינטיילונג פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט אין צוויי פיינדליכע קלאסען — קאפיטאליסטען און לאהן־שקלא־פען האט אריינגעשלאגען דעם סאציאליזם יעדען ארבייטער אין מח. אבער פארשטעהען אז דער סאציאליזם איז גוט, און נעמען א ביקס אין האנט אריין, איז נאך ניט דיזעלבע זאך. באטראכט פון א ריין עקאנאמישען שטאנדפונקט, איז גלייכער אן אנדערער זאל שיסען — איך וועל זיך זיצען אונטערען אויוען, און אויב מ׳וועט אויספירען, וועל איך שרייען „הורא!"

אזוי טראכט אימערצו די וועלט פון שקלאפען. א פאלקס אופשטאנד באדארף זעלבסט אובאפפערונג פאר אן אידעע.

אלזא דורך עקאנאמישע קרעפטען אליין קען זיך דער סא־ציאליזם ניט פארווירקליכען. מ׳דארף, אז די עקאנאמישע ענט־וויקלונג זאל באפרוכטעט ווערען דורך באגייסטערונג פאר די סא־ציאליסטישע אידעע. דאס הייסט אבער אידעאליזם!

ניט אזוי האט זיך ענטוויקעלט דער קאפיטאליזם. קיינער האט ניט אנגענומען קיין רעזאלושאנס: באשלאסען אז אלע שוסטערס פון הייוועריל זאלען אופגעבען זייערע שעפלאך און שטע־

---

*) „דאס קאפיטאל", ערסטער באנד, 14טער קאפיטעל, 7. — דער ווארט „עקספראפריאירען" הייסט אוועקנעהמען דעם אייגענטום. אין דער רוסישער רעוואלוציע האט ער געקראגען א ספעציעלען זין. דאס שטאמט פון די פראנצויזישע אנארכיסטען, וועלכע זייגען אין די „אב־ציקער" יארען ארויסגעקומען מיט דער טעאריע, אז די סאציאלע רע־וואלוציאן קען דורכגעפירט ווערען דורך איינצעלנע אקטען פון רעווא־לוציאנערער „עקספראפריאציע" פון קאפיטאליסטען.

לען זיך ארבייטען פאר שכירות אין די פאבריקען פון שיך. עס האט זיך ניט גענרינגדעט קיין פארטיי מיט א פלאטפארמע, וואס זאל פאדערן די אפשאפונג פון אלע בעלי עגלות צווישען ווילנע און מינסק. יעדער קאפיטאליסט האט זיך געטאן פאר זיך, וואס עס האט זיך פאר עם פערזענלאך געלוינט בעסער, עס איז אבער דער פון אויסגעוואקסען דער קאפיטאליסטישער סיסטעם. אויב די מאטעריאליסטישע פילאסאפיע פון דער געשיכטע איז ריכטיק, טו מוז אף דעם זעלבען אופן אויסוואקסען דער סאציאליזם. אויב פארקערט, דער סאציאליזם נויטיקט זיך אין פארטייען, פלאטפאר־מעס, אגיטאציע, ווארים פון זיך אליין קען ער ניט אויסגעפירט ווערען, הייסט דאס, אז די סאציאליסטישע אידעען מוזען אריין אין די קעפ איידער דער סאציאליזם וועט דורכגעפירט ווערען אין לעבען, דאס הייסט : צוריק צו דעם אידעאליזם !

פון דעם ווידערשפרוך האבען ניט מארקס און ניט ענגעלס קיין מאל ניט געקענט ארויסקריכען. ענגעלס האט ניט לאנג פאר זיין טויט ערקלערט אין אן ארטיקעל, וואס איז ערשינען אין דעם „סא־ציאליסטישען אקאדעמיקער“ אין 1891, אז דער סאציאליסטישער געדאנק איז טאקע א נויטיקע באוועגנדע קראפט אין דעם איבער־גאנג פון קאפיטאליזם צום סאציאליזם. די געשיכטע ווערט געמאכט פון מענטשען. איידער די מענטשען קענען איינפירען דעם סאציאליזם, מוז דער סאציאליסטישער געדאנק אריינדרינגען אין די מענטשלאכע קעפ. אלזא, עס קומט אויס, אז די געזעלשאפט ווערט איבערגעביטען נאך א געוויסען פלאן, וואס געפינט זיך פריי־הער ביי דעם ארכיטעקט אין קאפ.

ווי די רעליגיעזע ארטאדאקסיע, זוכט זיך אויך די מארקסיס־טישע ארטאדאקסיע אויסצודרעהען פון דעם ווידערשפרוך מיט אלערליי תירוצים. די וועלט, זאגט מען, איז שוין אזוי וואונדערבאר באשאפען, אז ווען עס נויטיקט זיך ענטוזיאזם, דאן ברייננט די עקאנאמישע ענטוויקלונג מיט זיך דעם ענטוזיאזם. דער מענטש קען זיך פשוט ניט העלפען, ער ווערט א צוקאכטער דורך דעם צוואנג פון די עקאנאמישע פארהעלטניסע. דאס איז אבער אלץ גוט, כל זמן די וועלט איז ניט באקאנט מיט דעם מארקסיזם. כל־זמן מ׳גלויבט, אז אידעען קענען איבערמאכען די וועלט, טראכט זיך איינער, איז נאך כדאי אוועקצוגעבען דעם לעבען, כדי דערמיט צו

פארבעסערען די לאגע פון דער מענטשהייט. ווען אבער מען פאנגט אן צו פארשטעהן, אז די אידעע איז ניט מער ווי א טערמאמעטער, וואס ווייזט די טעמפעראטור פון דער צייט, — איז קאלט אין דרויסען פארפרירט די קוועק־זילבער, ווערט היים שטייגט זי אין דער הויך, — טו ווענען וועט איינפאלען צו ווארעמען דעם טערמאמעטער, כדי דערמיט אויסצוהייצען אין שטוב ?

על כן, ענטוועדער אדער : אויב די איינפירונג פון סאציאליזם באדארף אן אויפשטאנד, א בירגערקריג, איז ער אויסזיכטלאז, ווען מ'וויל זיך האלטען קאנסעקווענט אן דער מאטעריאליסטישער אופפאסונג פון דער געשיכטע, אויב די מאטעריאליסטישע טעאריע איז ריכטיק, טו איז דער סאציאליזם נאר דאן מעגלאך, ווען ער קען אויסוואקסען לאנגזאם פון קאפיטאליזם, פונקט אזוי ווי דער קאפיטאליזם איז אויסגעוואקסען פון קליין־געווערב, ווי דער קליין־געווערב איז אויסגעוואקסען פון דעם שבט קאמוניזם, אף א ריין עקאנאמישען וועג, אז קיין שום נסים, אן דרשות, אן גוואלד־רעוואלוציאן, עס קאן זיין, עס וועט קומען צו רעוואלוציאן, מען וועט אגיטירען, מען וועט ארויסגעבען געזעצע, דאס זיינען אבער אלץ זייטיקע זאכען. ניט דורך דעם מוז קומען דער סאציאליזם, ווי ניט דורך דעם איז געקומען דער קאפיטאליזם, וואס די קלאוקמאנופעקטשורערס אססאסיעישאן האט קיין מאל ניט איינגעהאלטען איר אפמאך מיט דער קלאוקמאכער יוניאן.

עס איז גאר קיין תירוץ ניט, אז עס זיינען פריהער אויך פארגעקומען רעוואלוציעס, על כן, א. אז. וו. עס איז טאקע ריכטיק, אז עס זיינען פארגעקומען רעוואלוציעס, אבער דער קאפיטאליזם איז שוין פאר דעם געווען בר מצוה. די רעוואלוציע האט עם פילייכט פארשפארט א פאר צענדליק יארען ענטוויקעלונג, אבער אין גרונד גענומען האט מען אן דער רעוואלוציע געקענט גאנץ גוט אויסקומען.

מיט דעם סאציאליזם אבער קומט אויס גאר אנדערס : דער אופשטאנד אז די קראפט וואס וועט שאפען דעם סאציאליזם. און פאר אזא אופשטאנד איז נויטיק באגייסטערונג פאר דעם סאציאליסטישען אידעאל, — דאס הייסט דער סאציאליסטישער אידעאל מוז ווערען א רעוואלוציאנערע קראפט איידער דער סאציאליזם קען דורכגעפירט ווערען אין דער עקאנאמישער ארגאניזאציע פון דער געזעלשאפט. פלעכאנאוו פרובירט ארויסקריכען פון דעם ווידער־

שפּרוך מיט דעם פּירוש, אז די סאָציאַליסטישע אידעען שפּינעלען אָפּ די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע פון דער צוקונפט! עס איז קלאָר, אז מען קען די „סאָציאַלע רעוואָלוציאָן“ ניט צונויפפּאָרען מיט מאַטעריאַליזם, דורך דעם ערקלערט זיך, פאַרוואָס מערערע מארק־סיסטען זיינען צוריק געגאַנגען צום אידעאַליזם.

זיינען זיי גערעכט?

אז דער סאָציאַליזם שטימט ניט מיט דער טעאָריע פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, טו איז ניט אפשר א סברה, אז די רעוואָלוציענערע טעאָריע פון מארקס איז פאַלש, און זיין מאַטעריאַליזם איז ריכטיק?

קארל מארקס האָט זיך אין זיינע לעצטע יאָרען זעהר שארף צוגעקוקט צו דעם, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דעם עקאָנאָמיישען לע־בען פון די פאראייניקטע שטאַטען. ער האָט שוין דעמאָלט פאָר־אויסגעזעהען, אז דער וואוקס פון קאַפּיטאַליזם וועט דערגרייכען זיין העכסטע מדרגה אין אמעריקע.

נאָך זיין טויט האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער אמעריקאַנער אינדוסטרי א גאַנצע איבערקע־רעניעס. כמעט אין יעדען צווייג האָט זיך אָרגאַניזירט א טראָסט, די טראָסטען זיינען ענג פאַרבונדען אונטער אנאַנדער, און איבער זיי אַלעמען שטעהט א קליינע קליקע פון מאָנאָפּאָליסטען, וואָס באַ־הערשען דעם גאַנצען געשעפט פון לאַנד. דורך אַט די ענטוויקע־לונג פון צענטראַליזאַציע האָבען זיך אויפגעדעקט אזעלכע נייע געגענזעצע און נייע עקאָנאָמישע ערשיינונגען אין דער געזעלשאַפט, וואָס ווייזען דעם עקאָנאָמישען וועג, אויף וועלכען מארקס'עס נביאות וועלען מקוים ווערען.

צווייטע אפטיילונג:

עקאנאָמישע ענטוויקעלונג

נײנטער קאַפּיטעל:

קאָמוניזם אַמאָל און הײנט.

1.

דער וואוקס פון קאָמוניזם אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

דער טײטש פון דעם וואָרט קאָמוניזם האָט זיך איבערגעביטען אין די לעצטע זיבעציק יאָר. ווען קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס האָבען אָנגעשריבען דעם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט", האָט דער נאָמען „קאָמוניסט" באַדײטעט די זעלבע זאַך ווי „סאָציאַליסט" הײנט־צו־טאָג. מי צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין דער צײט פון דעם ערסטען „אינטערנאַציאָנאַל", האָבען זיך געבילדעט צוויי ריכטונגען: די מאַרקסיסטישע האָט אָנגענומען דעם נאָמען „סאָציאַליסטען" און די באַקוניסטישע דעם אַלטען נאָמען „קאָמוניסטען".

ווי קאַוטסקי ערקלערט אין דער געשיכטע פון סאָציאַליזם, באַשטעהט דער אונטערשיד צווישען דעם הײנטיקען סאָציאַליזם און דעם קאָמוניזם אין דערין, וואָס דער סאָציאַליזם מײנט קהל'שע פּראָדוקציאָן, בעת דער עיקר פון קאָמוניזם איז דער געמײנשאַפטליכער פאַרצער: דער עולם זאָל וואָהנען צוזאַמען, עסען צוזאַמען און דערגלײכען.

דער קאָמוניזם איז עלטער פאַר דעם סאָציאַליזם. די ווילדע שבטים האָבען געלעבט אין קאָמוניזם. דער אוראַלטער קאָמוניזם איז נאָך איבערגעבליבען אין דער גריכישער געשיכטע ביי דעם הערשענדען קלאַס אין ספּאַרטא. אין מיטעלאַלטער זײנען די קלויסטערס געווען קאָמוניסטישע קאָלאָניעס. די גרויסע קאָמוניסטישע אוטאָפּיסטען האָבען געבויט זײערע טעאָריעס נאָך דעם מוסטער פון יענע קאָמוניסטישע קאָלאָניעס. דער גריכישער פילאָסאָף פּלאַטאָן האָט אידעאַליזירט די פירונג פון דער ספּאַרטאַנער אריסטאָקראַטיע. דער קאַטאַלישער מאָנאַך קאַמפּאַנעלא — די מנהגים פון די קלויסטערס. דער הײנטיקער סאָציאַליזם איז דאָס קינד פון דעם קאַפּיטאַליזם. די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט מוז זיך ענטוויקלען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן. מיט דער קאָנסומפּציאָן באַשעפטיקט זיך וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם גאָרניט.

דער אוטאָפּיסטישער סאָציאַליזם האָט אימער געבויט פּלע־נער פון קאָמוינסטישען צוזאַמענלעבען, די לעצטע אוטאָפּיע איז גע־ווען עדוואַרד בעלאַמי׳ס. זינט דער צייט פון ראָבערט אוען זיינען דאָ אין אמעריקע געגרינדעט געוואָרען א גרויסע צאָל קאָמוניסטישע קאָלאָניעס. פון ראָבערט אוען שטאַמען אויך די קאָאָפּעראַטיווע קאָנסום־פאַראיינען.

ניט פון די דאָזיקע עקספּערימענטען קלייב איך זיך דאָ צו ריידען. די ענגלישע קאָאָפּעראַטיווע קראָמען שטאָלצירען מיט די הונדערטען מיליאָנען פונטען וואָס זיי לייזען, דאָך וואָס באַטרעפט דאָס אין פאַרגלייך מיט דער לייזונג פון אלע ענגלישע קראָמען ? עס ענטוויקעלט זיך אָבער אין דער היינטיקער געזעלשאַפט אַנאַנדער סאָרט קאָמוניזם, וואָס פאַרהאַלט זיך אזוי צו די פּראָבעם פון קאָ־מוניסטישען צוזאַמענלבען, ווי די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָן פון דער צוקונפט פאַרהאַלט זיך צו די אַלערליי פּראָבעם פון קאָ־מיניסטישע פאַרמס און שעפּער.

.2

קאָמוניזם — דער פּראָדוקט פון דער היינטיקער טעכניק.

ווי ווייט איך בין בעקאַנט מיט דער סאָציאַליסטישער לי־טעראַטור, איז דער ערסטער, וואָס האָט אָנגעצייגט אף אָט די ענטוויקלונג, געווען פּראָפעסאָר זיעבער, דער ערסטער רוסישער פּאָ־פולאַריזאַטאָר פון מאַרקס׳ן. ער האָט גענומען פאַר א ביישפּיל א גרויסען האָטעל און זומער־גאָרטען ארום ניו־יאָרק, וואו עס עסען צוזאַמען אין איין טאָג עטלאָכע צענדליק טויזענט מענטשען. דאָס איז אפשר הונדערט מאָל אזוי פיל ווי עס האָבען זיך באַטייליגט אין די קאָמוניסטישע סעודות פון דער פאַרצייטיקער ספּאַרטאַ.

אלע עקספּערימענטען אין קאָמוניסטישען צוזאַמענלעבען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען פון די ענטהוזיאַסטען פון קאָמוניזם און קאָאָפּעראַציע, זיינען דורכגעפאַלען, ווייל עס איז געווען פּונקט אזוי ווינאָרנע ווי צו וואָהנען אין שכנות. אָבער עס איז געקומען דער קאַפּיטאַליסט, וואָס ווייס גאָר ניט און וויל גאָר ניט וויסען פון קיין קאָמוניזם, און ער האָט אויסגעבויט גרויסע אַפּאַרטמענט־

הייזער, וואו צענדליקע פאמיליעס לעבען צוזאמען, האבען איין גרויסען עס־צימער פאר אלעמען, עסען ביי איין טיש, האבען איין גרויסען זאל פאר די קינדער, וואו זיי שפילען זיך צוזאמען. און מענטשען וואס זיינען זיכער פרינציפיעלע געגנער פון קאמוניזם און פארמאגען גאנץ גוט צו האבען פאר זיך א הויז מיט אן איי־נענער קיך און אן אייגענעם עס־צימער, צאלען שווערע געלט, אבי אריינצוקומען אין אזא אפארטמענט־הויז. היינט לייענט איבער פלאטאן׳ס קאמוניסטישע אוטאפיע, וועט איר זעהן, אז איז דער היינטיקער אפארטמענט־הויז איז ריכטיק מקיום געווארען זיין נבואה. אין זיין אידעאלען שטאט איז פאראן אן אריסטאקרא־טיע, וואס רעגירט, און א שקלאפען־קלאס, וואס ארבייט. דער הערשענדער קלאס לעבט אין קאמוניזם און די ארבייטענדע מאסען לעבען אינדיווידואליסטיש. קוקט זיך צו צו אונדזער היינטיקער אמעריקאנער געזעלשאפט, געפינט איר אויך א קאמוניסטישען צו־זאמענלעבען אין די האטעלס און אפארטמענט־הייזער ביי דעם הער־שענדען קלאס, און אן אפגעזונדערטען, אינדיווידואליסטישען לע־בען ביי די ארבייטענדע מאסען.

מילא, דער סארט קאמוניזם איז נאך דערוויל באשרענקט אף גאר א קליינעם טייל פון דער געזעלשאפט. עס האט זיך אבער ענטוויקעלט א קאמוניזם אין פארצער, וואס האט אריינגעצויגען אין זיך צענדליקע מיליאנען מענטשען, די גאנצע געזעלשאפט.

איר שטעהט אויף אין דער פריה וואשט איר זיך איין מיט געזעלשאפטליכע וואסער. איר מאכט פאר זיך א גלעזעל קאווע מיט געזעלשאפטליכע גאז. איר פארט צו דער ארבייט אף א גע־זעלשאפטליכער שטאט־באן. איר רעט זיך דורך מיט אייערע קונ־דען אין א געזעלשאפטליכען טעלעפאן. איר שיקט א טעלעגראמע דורך א געזעלשאפטליכען טעלעגראף, און אזוי ווייטער. די אמע־ריקאנער עקאנאמיסטען רופען דאס „פאבליק יוטיליטי“, עפענט־ליכע ניצליכקייט. עטלאכע פון זיי געפינען זיך אין קהל׳שע הענט, אנדערע געהערען צו פריוואט־אייגענטימער, אבער ווער עס מע־גען זיך זיין די בעלי־בתים פון יענע ניצליכקייטען, צי די שטאט, צי א פריוואט־קאמפאניע, ווערען זיי אלע פארברויכט פון דעם גאנצען עולם בשותפות. די „פאבליק יוטיליטיז“ זיינען אלזא א פארמע פון קאמוניסטישען פארצער, מיט אדער אן קאמוניסטי־שען אייגענטום.

די „פּובליק יוטיליז“ זיינען געשאַפען געוואָרען דורך דעם וואוקס פון די גרויסע שטעט, צוזאַמען מיט דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק.

ערסטענס לאָמיר נעמען אַזעלכע זאַכען, וואָס די וועלט האָט געניצט אין אַלע צייטען — אין מלך סאָביעצקעס צייטען, אַ קוראַט ווי אין עדיסאָן׳ס צייטען, אין פאַרלעגענע דערפלאַך פונקט אַזוי ווי אין גרויסע שטעט. אָן וואַסער האָט דער מענטש קיין מאָל ניט געקענט לעבען אָבער אַף די פאַרמס און אין קליינע שטעט פאַר־שאַפט ער נאָך עד היום יעדער איינער וואַסער פאַר זיך אַליין. יעדער בעל־הבית באַשטעלט פאַר זיך אַ פאַס וואַסער ביי אַ וואַסער־פירער, אָדער ער האָט אַ ברונים אין הויף און ברענגט די וואַסער אין עמערס אין הויז אריין.* דער פאַרברויך פון וואַסער הייסט דאָס, איז אַן אינדיווידואַליסטישער, יעדער איינער פאַר זיך, פונקט אַזוי ווי דער פאַרברויך פון ברויט. אָבער אין אַ מאָדערנער גרויסער שטאָט איז וואַסער איינגעפירט אין יעדער הויז פון אַ צענטראַלען רעזערוואואַר. דערצו דאַרף מען לייגען פייפּס (טרובעס) אונטער יד גאַסען, מען דאַרף האָבען אַ צענטראַל־סטאַנציע מיט מאַשינערי. דאָס ווערט שוין באַנוצט פון דער גאַנצער שטאָט צוזאַמען, דער פאַרברויך פון וואַסער איז אַלזאָ אַ קאָמוניסטישער.

ווייטער ביי אונדז אין דער אַלטער היים, האָט יעדער בעל־הבית׳טע אַן אייגענע פאַמויניצע, זאָלט איר מיר מוחל זיין. אין די מער ציוויליזירטע שטעט איז פאַראַן אַ רינע אין גאַס און די בעל־הבית׳טע גיסט אַרויס איר פּאַמויניצע אין די רינע און פון דאָרט רינט עס שוין אין טייך. בקיצור, יעדער איינער ווערט פּטור פון זיין ברודנע וואַסער פאַר זיך, אַף אַן אינדיווידואַליסטישען אופן. אין אַן אַמעריקאַנער קיך האָט איר אַ „סינק“, וואָס איז פאַר־בינדען מיט דעם סיסטעם פון אָפּפיר־קאַנאַלען, („סוערס“). ווען איר גיסט אַרויס ברודנע וואַסער אין סינק, באַנוצט איר זיך מיט דער שטאָטישער קאַנאַליזאַציע, צוזאַמען מיט טויזענטער אַנ־דערע מענטשען. די אינדיווידואַליסטישע פּאַמויניצע איז אָפּ־געשאַפט געוואָרען דורך דעם קאָמוניסטישען סיוער.

ווייטער נעמט מיסט. אין אַ שטאָט ווי באַברויסק קערט מען די גאַסען גאָר ניט. די מיסט וואַרפט מען אַרויס אויפ׳ן הויף, אין פראַגרעסיווע הייזער איז פאַראַן אַ מיסט־קאַסטען. אַ גוטער

בעל הבית דינגט אלע חודש א מאן, ער זאל די מיסט אויספירען. אין די גרעסערע שטעט זיינען פאראן ספעציאליסטען, וואס מאכען אפ מיט די בעלי בתים צו רייניגען זייערע הויפען אזוי אפט ווי עס איז דער מנהג. אין מאדערנע שטעט גיט די שטאט־פערוואל־טונג אליין אכטונג אויף דערויף, דאס איז שוין א שטיק קאמוניזם. אפילו ווען די שטאט גיט איבער די ארבייט צו א קאנטראקטאר. ענדליך זיינען פאראן שטעט, וואס דינגען אליין מענטשען צו ריי־ניגען די גאסען.

היינט נעמט באלייכטונג. אף די פארמס, אין א סך קליינע שטעטלאך ווערען נאך היינט־צוטאג באנוצט קעראסינאווע לאמ־פען. די פראדוקציאן פון קעראסינע איז א העכסט צענטראליזירטע אינדוסטרי, צו דער זעלבער צייט איז דער פארברויך פון קא־ראסינע העכסט אינדיווידואליסטיש. קעראסינע דארף צו יעדען באזונדער צוגעשטעלט ווערען אין הויז. יעדער מוז פאר זיך בא־זונדער אנגיסען זיין לאמפ און באזונדער איר אויסרייניקען. ווען עס ווערט איינגעפירט אין שטאט גאז אדער עלעקטרישע בא־לייכטונג, דעמאלט ווערט די גאנצע ארבייט באזארגט פאר טויזענטער מענטשען פון איין צענטראלער סטאנציע. די צענטרא־לע סטאנציע מיט די גאז־פייפס אדער מיט די עלעקטרישע דראטען ווערט באנוצט פון טויזענטער מענטשען בישותפות. דער אינדיווי־דואליזם אין דעם געברויך פון באלייכטונג האט אפגעטראטען דעם פלאץ פאר דעם קאמוניסטישען פארצער.

עס זיינען פאראן שטעט אין אמעריקע וואו די הייזער ווערען געהייצט אויך פון א צענטראלער סטאנציע. איך וואלט געקענט אויסרעכענען נאך אנדערע זאכען, אבער דרעווייליע וועט דאס אויך גענוג זיין, קלאר צו מאכען ווי אזוי דער אינדיווידואליזם ווערט פאר־דרענגט דורך דעם קאמוניזם אין דעם פארברויך פון אזעלכע זא־כען וואס דער מענטש האט באנוצט זינט ער איז געווארען א מענטש.

עס איז אבער פאראן נאך א צווייטער סארט זאכען וואס זיי־נען געשאפען געווארען דורך די מאדערנע טעכניק און זיינען פון אנהויב אן געווארען „פאבליק יוטיליטיז“, די וויכטיקסטע פון זיי

---

* אפילו אין אזא שטאט ווי וואשינגטאן האב איך נאך געזעהן הייזער מיט ברונימער, און שטאטישע וואסער.

איז די שטאָט־באַן. אמת, אָמניבוסען האָבען עקזיסטירט נאָך פריהער פאר די שטאָט־אייזענבאנען, אָבער אַן אָמניבוס איז א גרויסע בויד, ווי ביי א פארצייטיקען בעל־עגלה, און ער שלעפט זיך פּאַמעלאַך, אזוי ווי א בעל־עגלה. די מאסע איינוואָהנער פון א שטאָט באנוצען זיך ווייניק מיט אַן אָמניבוס, ווארים קיין צייט פארשפּארט מען דערמיט ניט, צופוס געהן איז כמעט אזוי גיך.

די רעוואָלוציע אין טראנספּאָרט הויבט זיך אָן מיט דער איינפירונג פון רעלסען, וואָס דאָס איז אַן ערפינדונג פון דער מאָדערנער אייזענבאַן־אינדוסטרי. א וואָגען אַף רעלסען לויפט גיכער און מען קען אין עם אריינשפּארען מערער מענטשען, ווי אין אַן אָמניבוס. דער נעקסטער שריט איז געווען די אַנווענדונג פון מעכאנישער קראפט אַף די שטאָט־באַן: סטים (פּאַרע), קעיבל*), און עלעקטרישע קראפט. זינט עס איז מעגלאַך געוואָרען אין א האלב־שעה געבען א שפּרונג פון איין עק שטאָט אין דעם אנדערען, האָט די שטאָט איבערגעביטען איר אויסזעהן. פריהער האָט דער ארבייטער געמוזט וואָהנען ניט ווייט פון דער פאבריק. היינט־צו־טאָג קען ער וואָהנען אין די בראָנקס און ארבייטען אין דער אַכצענטער סטריט. אַף דעם אופן האָבען זיך אַלע גרויסע שטעט אויסגעבויט גאנצע מיילען פון דעם געשעפטס־צענטער. גרויסע מאסען וואָהנען ווייט פון דעם פּלאַץ פון זייער ארבייט און מוזען פאָהרען היין און צוריק, ווערענד אַמאָל פלעגען זיי געהן צופוס. כל זמן איהר פאָרט אויף אייערע אייגענע פאַר, דאַרפט איהר קיין שותפים ניט; ווען איר פאָרט אָבער אין א וואגאָן, דעמאָלט באנוצט איר שוין בשותפות מיט מיליאנען אנדערע פּאַסאזשירען דעם גאנצען סיסטעם פון „רעפּיד טרענזיט“. אלזאָ, דער קאָמוניסטישער פארברויך פון די עלעקטרישע שטאָט־באַנען איז געשאפען געווארען צוזאמען מיט די עלעקטרישע שטאָט־באַנען

* דאָס איז אַ שטריק וואָס ווערט געלעגט אונטער׳ן ברוק, אזוי ווי דער עלעקטרישער דראָט אַף די היינטיקע שטאָט־באַנען, און ווערט געטריבען דורך א מאשין אין א צענטראַל־סטאַנציע. דער וואגאָן פארכאַפּט דעם שטריק מיט א מין אָפּצווייגונג, און דער שטריק שלעפּט דעם וואגאָן. אין ניו־יאָרק און שיקאגאָ זיינען די קעיבעל־קארס געגאנגען עטלאכע יאָר איידער עס איז איינגעפירט געוואָרען עלעקטרישע קראפט.

גופא. דער נייער בעדארף, זייענדיק פון דער נאטור א קהל'שער. ווערט פון אנהויב אן רעגולירט פון דעם קהל.

אויף צופוס געהן דארף מען קיין לייסענס ניט; א קעב דרייווער מוז יע עפעס איינצאלען דער שטאט און דערפאר קריגט ער א פאפיר; אבער עס מעגען זיין א טויזענט איזוואָשציקעס. ווען עס געפעלט זיי. מיט א שטאט־באן איז גאר אנדערס: מ'דארף לייגען רעלסען; ווי ברייט די גאס זאל ניט זיין, קענט איהר דארט לייגען העכסטענס דריי־פיער פאר רעלסען. אלזא ווען א שטאט־באן קריגט א פרענטשייז, קען מען שוין קיין קאנקורענטען צו איר ניט ארייינלאזען. די שטאט־באן איז פון דער נאטור א מאנאפאל־געשעפט און ארויסגעגעבען א מאנאפאליע ווענדט זיך אן דער רעגירונג.

דער טעלעפאן איז אנאנדער טעכנישע ערפינדונג, וואס האט בעצם א קאמוניסטישע, בעראקטער. דער צוועק פון דעם טע־לעפאן איז צו פארבינדען א מאסע מענטשען. ער קען אנדערש ניט גענוצט ווערען ווי נאר אף א קאמוניסטישען פלאן.

צו דעם זעלבען קלאס געהערען אויך די אייזענבאנען, וואס פארבינדען די גאנצע לאנד, ארום די גרויסע שטעט איז פאראן א ספעציעלער סארט פאסאזשירען — די „קאמיוטערס" — וואס פא־רען אלע טאג איבער דער אייזענבאן צו דער ארבייט און פון דער ארבייט אהיים, אין די ארומיקע קליינע שטעטלאך. חוץ דעם בא־נוצט זיך יעדער איינער היינט־צו־טאג מיט דער אייזענבאן, נעמ־ליך אלס קאנסומענט פון פלייש, פוטער, מעל, גרינס, קוילען א. אז. וו.. ניט רעדענדיק שוין פון דער ראליע וואס זי שפילט אין דעם גאנג פון דער היינטיקער אינדוסטרי. ווען עס שטעלט זיך אפ אף א קורצע צייט די אייזענבאן, קען די שטאטישע באפעלקע־רונג פארהונגערען און פארפרארען ווערען. איר זעט אלזא אז פון דעם קאמוניסטישען פארברויך הענגט אפ היינט־צו־טאג די גאנצע עקזיסטענץ פון דער היינטיקער געזעלשאפט.

3.

די סטאטיסטיקע פון דעם קאמוניסטישען פארברויך.

פון דעם קורצען איבערבליק קענט איר זעהן, ווי עס ענטווי־

קעלט זיך דער קאמוניסטישער פארברויך אין אמעריקע. אז איר
ווילט אבער אפשאצען די באדייטונג פון א סאציאלער ערשיינונג,
דארפט איר אימער אין בעטראכט נעמען די צאל און מאס. איינע
שוואלבע מאכט נאך דען פריהלינג ניפט, זאגט דער דייטש. לא־
מיר־זשע א קוק טאן, וואו האלטען מיר מיט דעם קאמוניסטישען
פארברויך.

איך וועל אנהייבען פון די וואסערווערק, ווארום היסטאריש
זיינען זיי געוועזן די ערסטע, און חוץ דעם איז ניט נאר דער
פארברויך פון וואסער א קאמוניסטישער, אבער די וואסער־ווערק
זיינען גרעסטענטיילס קהל'שער איינענס און די פראדוקציאן
איז אויך א קהל'שע. ווען איך רעד פון דער פראדוקציאן פון
וואסער, פארשטעהט איר נאטירלאך, אז די וואסער דארף מען
פומפען, עס זאל גרייכען אין אלע טיילען פון שטאט און אף
יעדען גארן. און די פייפס האבען אמאל נויטיק רעפאראטור
און אזוי ווייטער. דאס איז אלין פראדוקציאן.
אין פארצייטיקע יארען פלעגט אברמ'ל דער וואסערטרע־
גער פארגאנדערטראגען וואסער צווישען די מינסקער בעלי בתים.
זיין גאנצער קאפיטאל איז אין יענע צייטען באשטאנען פון א פאר
עמער מיט א קאראמיסלע. אלין צוזאמען איז דאס ווערט געוועז:
העכסטענס פיר גילדען, אף אזוי פיל האט יעדער ארעמאן געקענט
„דאקאזשען". דער טייך איז פאר אלעמען געוועזן פריי אנצושעפען
א פאר עמער וואסער. יעדער איינער וואס האט געוואלט זיין א
וואסער־טרעגער, האט פארמאגט צו זיין פאר זיך אליין א בעל
הבית.

ביי די גבירים פלעגט מען נעמען א גאנצען צעבער וואסער
מיט אמאל, צו זיי פלעגט מען געוועהנטלאך פירען וואסער. א
וואסערפירער האט שוין געדארפט האבען א קאפיטאל: א פערד,
א וואגען, א שליטען, א שטאל. דאס האט שוין געקענט באטרעפען
א פאר הונדערט קערבלאך. עס זיינען געוועזן וואסערפיהרער וואס
האבען געהאט עטלאכע פערד מיט וואגענס. אזוינער א וואסער־
פיהרער פלעגט זיך צודינגען א פאר מענטשען וואס זאלען פאר
עם פארנאנדערפירען וואסער. דא האט איר שוין א קאפיטאליסט
און א געדונגענעם ארבייטער. אין יענע צייטען איז קיינעם ניט
פארווערט געוועזן צו זיין א וואסערפירער, ווען ער האט נאר גע־

האט דעם קאפּיטאל (עס איז געווען פּרייע קאָנקורענץ, ווי די פּראָפעסאָרען זאָגען). ווען מ'האָט איינגעפירט וואסער אין די הייזער איז געוואָרען גאָר אנדערס. וואסערטרעגער און וואסערפירער האָבען אָנגעוואָרען זייערע קונדען.

אָף צו לעגען פּייפּס אונטער דער ערד דאַרף מען אופּרייסען די גאַס, און די גאַס באַלאַנגט צו דער שטאָט: דאַרף מען זיך ביי איר פריהער אָנפרעגען צי וועט זי לאָזען אויסבויען א רעזערוואואַר מיט מאַשינערי, און איינפירען וואסער אין די הייזער קאָסט א סך געלט*). דאָס איז געווען איבער די כחות פון די שטעט אין די ערסטע צייטען. פון אָנהויב האָבען די שטעט אוועקגעגעבען דעם בויען פון וואסערווערק צו פּריוואַט קאָמפּאַניס אָף קאָנצעסיעס, אָף ענגליש הייסט דאָס: „א פּרענטשייז".

א פּרענטשייז איז א מאָנאָפּאָליע. ווען איינער באַקומט די ערלויבנים צו לעגען פּייפּס, טו קען שוין געוועהנטלאַך קיין אנדערער ניט באַנוצען די גאַסען פאַר דעם זעלביקען צוועק. די קאָמפּאַניע וואָס האָט געקראָגען די מאָנאָפּאָליע מאַכט אָן דעם מיליאָנען דאָלאַר פּראָפיט. א סך שטעט האָבען עס איינגעזעהען פון אָנהויב אָן און האָבען אויסגעבויט אייגענע וואסער־ווערק.

די ערסטע שטאָט אין אמעריקע, וואָס האָט אויפגעבויט וואסערווערק, איז געווען אַלבאַני, אין דעם יאָר 1799. מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין 1801, איז געקומען פילאַדעלפיע; די דריטע שטאָט איז געווען טרענטאָן, אין דעם סטעיט ניו דזשוירזי; ס'איז אוועק עלף יאָר ביז די שטאָט רעדינג האָט זיך אויך פאַרזאָרגט אין 1819 מיט וואסער־ווערק. און אזוי ווייטער. ווי לאַנגזאַם עס איז געגאַנגען קענט איר זעהן דערפון, אז אין באָסטאָן זיינען וואסער־ווערק איינגעפירט געוואָרען ערסט אין 1848 און אין וואשינגטאָן אין 1850.

*) די קלענסטע סומע וואָס איז באַריכטעט אין דעם רעפּאָרט פון דעם צענזוס איבער ז · געשעפטען פון די שטעט מיט מער ווי 25,000 איינוואָהנער אין דעם יאָר 1903, איז $160,000, דאָס איז אין דענווער; אין ניו - יאָרק האָבען די וואסערווערקע אָפּגעקאָסט $131,000,000; אין אַ מיטעלער שטאָט דאַרף קאָסטען עטלאַכע מיליאָן דאָלאַר איינצופירען וואסער.

די ערסטע וואסער־ווערק, אין אַלבאַני, זיינען געבויט געוואָרען מיט פּריוואַט־קאַפּיטאַל, אַזוי איז אויך געווען אין אַלע אַנדערע שטעט אין די ערסטע צוואַנציק יאָר, חוץ פילאַדעלפיע, וואו די שטאָט האָט פון אָנהויב אָן אויסגעבויט אַליין אירע וואַסער־ווערק. עס איז אַוועק זעקס־און־צוואַנציק יאָר ביז אַנאַנדער שטאָט ווילמינגטאָן אין דעלאַווער, האָט אין 1827 אויסגעבויט אירע אייגענע וואַסער־ווערק. פון 1830 הויבט זיך אָן אַ נייע ווענדונג: איין שטאָט נאָך דער אַנדערער הויבט אָן צו בויען אירע אייגענע וואַסער־ווערק, אַלע צוזאַמען נאָהענט פון אַ העלפט פון אַלע שטעט סער־ווערק, אַלע צוזאַמען נאָהענט פון א העלפט פון אַלע שטעט מיט אַ באַפעלקערונג פון ווייניגסטענס 25,000 איינוואָהנער. די שטעט, וואָס האָבען פון אָנהויב געלאָזען פּריוואַט־קאַפּיטאַ־ליסטען ווערען די בעלי־בתים איבער די וואַסער הויבען אָן אָפּ־קויפען די וואַסער־ווערק. דעם אָנהויב האָט געמאַכט די שטעט־טעל וואָוסטער אין מאַסאַטשוסעטס, וואו די וואַסערווערק זיי־נען אויסגעבויט געוואָרען מיט פּריוואַט־קאַפּיטאַל אין 1845 און די שטאָט האָט זיי אָפּגעקויפט מיט דריי יאָר שפּעטער, אין 1848. פון די גרויסע שטעט זיינען שיקאַגאָ און באַלטימאָר געווען די ערסטע, אין 1854, וואָס האָבען אויסגעקויפט זייערע וואַסער־ווערק ביי די פּריוואַט־אייגענטימער. פון אַלע שטעט, וואָס האָבען אַרויסגעגעבען פּרעגנטשייזעס צו פּריוואַט קאַפּיטאַליסטען, האָבען אַ העלפט זיי שוין צוריק אויסגעקויפט.

לויט די סטאַטיסטיקע וואָס באַציט זיך אויף דעם יאָר 1903, זיינען פון די 175 שטעט מיט מער ווי 25,000 איינוואָהנער גע־ווען אין 130 קהל'שע וואַסער־ווערק. די באַפעלקערונג וואָס האָט זיך באַנוצט מיט די קהל'שע וואַסער האָט באַטראָפען אין דעם יאָר 1903 מער ווי 18,000,000 מענטשען, דאָס מאַכט אויס אַן ערך צוויי דריטעל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון די פאַראייי־ניקטע שטאַטען. די שטאָטישע וואַסערווערק האָבען גע־קאָסט ביז 1906 איבער $600,000,000. זיי האָבען אריינ־געבראַכט אין די שטאָט־קאַסעס איבער $50,000,000 אַ יאָר, חוץ דעם וואָס די שטעט אַליין האָבען גענוצט וואַסער אויף נאָהנט פון $10,000,000 אַ יאָר.

דער קאָמוניסטישער פאַרברויך פון וואַסער באַטרעפט אַלזאָ

איבער $3 א יאָר פאר יעדען נפש, דאָס מאכט אויס מער ווי א דאָלאר א מאָנאט אף א דורכשניטליכע אמעריקאנער פא־מיליע פון פיר ביז פינף מענטשען.

היינט לאָמיר נעמען די נעקסטע זאך וואָס איז אזוי נויטיק ווי וואסער, — דעם רייניקען די הייזער און די גאסען. סיוערס זיינען אין 1903 געווען אין אלע שטעט מיט א באפעלקערונג פון איבער 50,000, חוץ איינע, די שטעט מיט א באפעלקערונג פון 25,000 ביז 30,000 האָבען אויך אלע, מיט איין אויסנאם געהאט סיוערס.

געקערט ווערען די גאסען דורך די שטאָט־פארוואלטונג אין אלע שטעט מיט א באפעלקערונג פון איבער 25,000 אבער אופראַמען אש און מיסט פון די הייזער, דאָס איז אנערקענט געוואָרען פאר א שטאָטישען געשעפט סך הכל אין 130 שטעט. וואָס פאר א פאָרשריט דאָס בעדייט, קענט איר איינזעהן דערפון, אז אין אזעלכע שטעט ווי סאן־פראנציסקאָ, סיאטל, דעמאָין, קענסאס־סיטי, האָט נאָך אין 1903 די שטאָט ניט געפונען פאר נויטיק אריינצומישען זיך אין דעם עסק: יעדער בעל הבית האָט געמעגט פאר זיך באזאָרגען אז זיין הויז זאָל זיין ריין; דאָס הייסט, וואו די פּאָליסלייט האָבען זיך זעהר שטארק ניט צוגעקוקט, האָט דער גאנצער געגענד געקענט פארשטונקען ווערען. אזוי איז דאָס געוועהנלאך אין די אָרעמע קווארטאלען, וואו דער לענדלאָרד וואָהנט ניט אליין און וויל ניט אויסגעבען קיין געלט אף צו האלטען זיין הויז ריין, און די טענאנטס (שכנים) זיינען אָרעם, בפרט נאָך וואו די אָרעמע בעפעלקערונג וואָהנט אין טענעמענט־הייזער און קיין טענאנט קען אף זיך ניט נעמען רייניקען די גאנצע הויז.

אין די מערסטע שטעט (149) ווערען די גאסען אויסגעקערט דירעקט פון דער שטאָט פארוואלטונג, דאָס זעלבע אויך מיט דעם אופראַמען פון מיסט (90 שטעט). אין די איבריקע שטעט ווערט די ארבייט באזאָרגט דורך קאָנטראקטאָרס (פּאדראיטשיקעס). ווי גרויס די ארבייט איז, קענט איר זעהן פון דעם ביישפּיל פון דער שטאָט ניו־יאָרק.

דער סטריט קלינינג דעפּארטמענט האָט אין 1908 אויסגעקערט אלע טאָג מער ווי 30,000,000 קוואדראטנע יארדס. ווען

דאס זאל צוטיילט ווערען אף די צאל איינוואהנער, רעכנענ־דיק פיר מענטשען אף א פאמיליע, מאכט דאס אויס איבער 30 קוואדראטנע יארדס, אדער אן ערך אזוי פיל פלאץ ווי אן אר־בייטער וואהנונג אין א טענעמענט־הויז. עס קומט אויס אזוי ווי דער סטריט קלינינג־דעפארטמענט. וואלט פארשפארט יעדער בעל־הבית'טע די ארבייט אן איבעריקען מאל א טאג אויסצוקערען די דירה. ביי דער ארבייט זיינען געוועזן באשעפטיקט נאהענט פון 3000 מענטשען. חוץ דעם זיינען ארויסגעפירט געווארען דורך דעם יאר מער ווי 2,000,000 טאנס איש און נאהענט פון 500,000 טאנס מיסט, געפגר'טע חיות און דערגלייכען. ביי דער אר־בייט זיינען אויך אנגעשטעלט געוועזן נאהענט פון 1500 מענטשען.

אין דער פינסטער קען מען ניט זיצען. דער קאמוניסטישער פארברויך פון ליכט האט זיך פארברייט אין אמעריקע אין דער צווייטער העלפט פון דעם ניינצענטען יארהונדערט. אין דעם יאר 1850 זיינען געוועזן סך הכל דרייסיק גאז־ווערק אין די פאר־אייניקטע שטאטען, — וועגען פריהערע צייטען איז קיין גע־נויע סטאטיסטיק ניטא. אין 1905 זיינען געוועזן 1019 גאז־ווערק. דער פארברויך פון גאז אין 1900 האט באטראפען זיבען און זעכ־ציק טויזענט מיליאן קוביק פוס. דער דורכשניטלאכער פארברויך פון גאז אין ניו יארק מאכט אויס אן ערך 30,000 קוביק פוס אף יעדען קאנסומענט. נאך דער רעכנונג האבען זיך אין 1900 באנוצט מיט גאז מער ווי 2,000,000 קאנסומענטען, דאס הייסט ארום 10,000,000 מענטשען. דא קומט שוין אריין דער גאז וואס ווערט געברויכט אף צו קאכען. דא האט איר ווידער אנ־אנדער מין קאמוניסטישען פארברויך. אין רוסלאנד, וואו מען הייצט דעם אויוועז מיט האלץ, אדער דא אין אמעריקע, וואו מען קאכט אף א קוילען־אויווען, מוז יעדער איינער פאר זיך שלעפען האלץ, אדער קוילען, און פאר זיך באזונדער איינהיי־צען און באזונדער אויסרייניקען דעם אויווען פון איש. ווען איר קאכט אף גאז, ווערט אייער אויווען און קיך פאר אייך געהייצט אף א קאמוניסטישען פלאן. 40,000 מענטשען זיינען אין 1905 געוועזן באשעפטיקט אין דער גאז־אינדוסטרי, און עס איז געלעגען אין איר א קאפיטאל פון איבער $700,000,000 און די גאז קאמפאניעס האבען געלייזט $125,000,000. אין 1850 האבען זיי געלייזט אין גאנצען $2,000,000.

אין דער לעצטער צייט ווערט גאז פארדרענגט דורך עלעק־טרע. אין 1902 האבען עקזיסטירט 3620 עלעקטרישע צענטראל־סטאנציעס און זיי האבען באשעפטיקט 30,000 מענטשען. עס איז זיי אין זיי געלעגען א קאפיטאל פון $500,000,000 און זיי האבען געלייזט $85,000,000. די צאל קליינע לעמפלאך („אינ־קענדעסענט") איז געווען 18,000,000, דאס הייסט דורכשניט־לאך איין לעמפעל אף יעדע פאמיליע. פארשטעהט זיך, ניט יעדע פאמיליע האט געהאט עלעקטרישע באלייכטונג, אבער דער־פון קענט איר קריגען א בעגריף, ווי ווייט עלעקטרישע באלייכ־טונג, איז שוין געווען פארברייט.

חוץ דער באלייכטונג וואס יעדער באנוצט ביי זיך אין שטוב, באנוצען נאך היינט־צו־טאג די שטאטישע איינוואהנער ליכט אין די גאסען. דאס איז א סארט קאמוניסטישער פארברויך וואס געהערט צו דער נייער צייט. עס איז נאך ניט אזוי לאנג ווי יעדער איינער פלעגט געהן אין גאס מיט זיין אייגענער לאנטערנע. איך געדענק נאך אליין דעם מין אינדיווידואליסטישע באלייכטונג פון די גאסען. נאך דער לעצטער סטאטיסטיקע האבען די 29,000,000 איינוואהנער פון די 150 שטעט מיט איבער 30,000 איינוואהנער געהאט אין 1905 דורכשניטלאך מער ווי דריי גרויסע עלעקטרישע לאמפען („ארק לאיטס") אף יעדער מייל גאסען, און חוץ דעם נאך זעקס גאזענע און אנדערע לאמפען.

דער קאמוניזם אין פארברויך פון גאז און עלעקטריציטעט איז גרעסטענטיילס נאך דערוויילע פארבונדען מיט פריוואט־אייגענ־טום אין דער פראדוקציאן, אבער עס זיינען פאראן שטעט וואס האבען איבערגענומען אליין צו פארזארגען זייערע איינוואהנער מיט באלייכטונג. דאס איז א נייע באוועגונג און דעריבער געפינט איר אז זי האט זיך וועניק וואס אפגערופען אף דער פראדוקציאן פון גאז. וואו די שטאט האט זיך גענומען די לעצטע צייט פאר דער זאך, האט זי שוין באלד פון אנהויב אן איינגעפירט עלעק־טרישע באלייכטונג. די צאל שטאטישע גאזווערק אין 1900 איז געווען סך־הכל 15, מיט א קאפיטאל פון ווייניקער ווי $2,000,000. די צאל שטאטישע עלעקטרישע סטאנציעס אין 1902 האט אי־בערגעשטיגען 800. דערפון זענען געווען 732, וואס האבען גאר קיין קאנקורענץ פון פריוואט־קאמפאניעס ניט געהאט. די באפעל־קערונג וואס איז באדינט געווען אויסשליסלאך פון דער שטאט

איז געווען איבער 2,000,000 מענטשען. די צאָל קליינע לעמפּלאך איז געווען 1,500,000, דאָס הייסט דורכשניטליך אן ערך דריי אף יעדע פאמיליע.

אין דעם פּרט איז אמעריקע ווייט אפּגעשטאנען פון דייטשלאנד און ענגלאנד. אין דייטשלאנד נעהערען צוויי־דריטעל פון אלע עלעקטרישע ווערק (1023 פון 1530) דעם שטאט אדער דער שטאָט. איז ענגלאנד באטרעפט דער פארברויך פון מוניציפּאלע עלעקטרע צוויי דריטעל (66%) פון דעם גאנצען פארברויך.

וואסער, ריינקייט, ליכט, — זיינען נויטיק פאר דעם מענטשען, אף יעדער מדרגה פון ציוויליזאציע, שטאָט־באנען — זיינען דער פּראָדוקט פון די היינטיקע גרויסע שטעט. נו לאָמיר זשע א קוק טאָן, ווי ווייט דער באדארף פון טראנספּאָרט האָט דערגרייכט אין די אמעריקאנער שטעט.

אין 1902 האָט די צאָל פּאסאזשירען דערגרייכט 4,774,211,90. ווען איר וועט נעמען די באפעלקערונג פון אלע שטעט און שטעטלאך מיט מער ווי 4,000 איינוואוינער, וועט דאָס אויסמאכען 168 רייזען אף יעדען איינוואוינער, איינשליסענדיק קינדער אין וויגאלאך און זקנים. רעכענט פינפטאלבען מענטשען אף אן אמעריקאנער פאמיליע, קומט דאָס אויס 756 רייזען אף יעדע פאמיליע. דאָס הייסט יעדער פארדינער פאָרט אנדערוואָכען צוויי מאָל א טאָג אין די קארס און עס בלייבט נאָך פאר די פרוי איין מאָל צי צוויי מאָל א וואָך א רייזע הין און צוריק. נאטירליך, דארפט איר פארשטעהן, אז עס איז ניט איינגעטיילט אזוי גלייך. אבער ווען איינער פאָרט ווייניקער, הייסט דאָס אז אנדערער פאָרט מער.

מער ווי העלפט פון דער צאָל פּאסאזשירען קומט אויס אף די גרויסע שטעט מיט איבער א האלבען מיליאן איינוואוינער. די דורכשניטלאכע צאָל רייזען האָט אויסגעמאכט 239 יאָר אף יעדען איינוואוינער. דאָס הייסט, 1075 רייזען אף א פאמיליע פון פיר און א האלב מענטשען. עס קומט אויס א רייזע הין און צוריק אלע טאָג פאר איינעם און עס בלייבט נאָך איין מאָל א וואָך הין און צוריק פאר אלע אנדערע מיטגלידער פון דער פאמיליע. בקיצור, איז די שטעט מיט איבער א האלבען מיליאן איינוואוינער איז די שטאָט־באן געוואָרען א נויטווענדיקייט פאר יעדע פאמיליע, כמעט אזוי ווי וואסער און ליכט.

עס איז אין דיזער אינדוסטרי אין 1902 געלעגען א קאַפּיטאל פון איבער $2,000,000,000.

אף דעם גרונד פון דער אייזענבאַן־סטאַטיסטיקע האַט ארום דעם יאַר 1881 פּראָפעסאָר זיעבער אויסגעשפּראָכען די טיינונג אַז דער היינטיקער מענטש געהט ווידער צוריק צום נאָמאַדישען טיפּ. הגם דער פּארקער אף די אייזענבאַנען איז פיל עלטער ווי אף די שטאָט־באַנען, דאָך האַט די צאָל בילעטען וואָס זיינען פארקויפט געוואָרען אין 1907 דערגרייכט 873,905,133, דאָס קומט אוים דורכשניטלאך 10 רייזען א יאַר אף יעדען איינוואָהנער, מאַן, ווייב, זקן און זויג־קינד. דער גאַנצער פּארקער פון וואָרען אין דעם יאַר 1907 האָט אויסגעמאַכט נאָהנט פון 1,800,000,000 טאָנס. יעדע שטיקעל סחורה איז אין וועג דורכשניטלאך 130 מייל. דאָס הייסט, רעכענענדיק 90,000,000 איינוואָהנער, אַז מיר ברענגען צו פירען אופ'ן קאמוניסטישען אופן דורכשניטלאך פאר יעדען איינעם, א פּאַסילקע פון 3 פּוד טעגלאך פון אַזוי ווייט ווי באַלטימאָר ביז טרענטאָן (ווייטער ווי פון מינסק ביז ווילנע). דער קאַפּיטאל פון די אייזענבאַנען האָט אין יענעם יאַר באַטראָפען $14,000,000,000, און די צאָל לאָהן־אַרבייטער, חוץ די אדמיניסטראציע, איז געווען 1,600,000 מאַן.

ענג פארבונדען מיט די אייזענבאַנען זיינען די פּאָסט און דער טעלעגראַף. אונדזער גאַנצע היינטיקע אינדוסטרי, אונדזער טאָג־טעגלאכער לעבען הענגט אָפּ פון דער פּאָסט און פון דעם טעלעגראַף, ניט רעדענדיק פון פּערזענליכע בריף און טעלעגראַמען. מיר זיינען שוין אזוי צוגעוועהנט צו די צוויי אינסטיטוציעס, אַז עס איז אין אונדז זיך גאָר שווער פאָרצושטעלען, אַז עס איז ווען עס איז געווען אַזא צייט, ווען די וועלט איז אויסגעקומען אָן זיי, נו טאָ ווייסט איר אַז אין דעם יאָר ווען וואַשינגטאָן איז צום ערסטען מאָל געוואָרען פּרעזידענט זיינען אין די פאראייניקטע שטאַטען געווען סך־הכל 75 פּאָסט־אָפיסעס (פּאָטשטאָווע קאָנטאָרען) און יעדער האָט דורשניטלאך געלייזט $500 א יאַר. דאָס האָט אויסגעמאַכט א סענט א יאָר אף יעדען אייגוואָהנער. אין 1908 יאָר זיינען אין די פאראייניקטע שטאַטען געווען מער ווי 60,000 פּאָסט־אָפיסעס, און זיי האָבען געלייזט מער ווי צוויי דאָלאַר פון יעדען איינוואָהנער, אָדער אין דורכשניט $8 פון־יעדען פאַרדינער, די צאָל פּאָסט־זאַכען, וואָס זיינען איבערגעשיקט געוואָרען אין יענעם יאָר האָט

איבערגעשטיגען 13,000,000,000 ; אין 1907 זיינען דערביי געוועזן פארנומען מער ווי 180,000 מענטשען, אזא אויסברייטונג פון דער פאסט איז מעגליך געווארען נאר דורך די ענטוויקעלונג פון די אייזענבאנען, דאס הייסט, דורך די מאדערנע טעכניק. די פאסט איז א ביישפיל פון קאמוניסטישען פארברויך, צוזאמען מיט קהל׳־שער פראדוקציאן, ווארים די פאסט איז אין אלע לענדער א שטאטס־מאנאפאליע. אבער דא אין אמעריקע איז עס נאך ניט אין גאנצען אזוי : שווערע פאסילקעס (פארסעלס) ווערען דא ניט אנגענומען אף דער פאסט ; זיי מוזען געשיקט ווערען דורך פריי־וואטע טראנספארטנע קאנטארען, די עקספרעס קאמפאניעס. און געלט אין קליינע סומען ווערט אויך איבערגעשיקט דורך עקס־פרעס־קאמפאניעס. איר זעט אלזא, אז דער פאסט־געשעפט איז ניט דוקא א קהל׳שער פון דער נאטור, — דער קהל׳שער איי־גענטום איז דא אויך דער רעזולטאט פון סאציאלער ענטוויקלונג. ווענען דעם טעלעגראף איז איבעריק צו דערצעהלען, אז דיזער מין קאמוניסטישער פארברויך איז אין גאנצען באשאפען געווארען פון דער מאדערנער טעכניק. אין 1902 זיינען געוועזן אין די פאר־אייניקטע שטאטען נאהענט פון 60,000 אפיסעס פון טעלעגראף קאמפאניעס און אייזענבאנען, וואו עס זיינען אנגענומען געווא־רען טעלעגראמעס. עס זיינען אין יענעם יאר אפגעגעבען געווא־רען 200,000,000 טעלעגראמעס ווענען אייזענבאנען־געשעפטען און נאהענט פון 100,000,000 פריוואטע טעלעגראמעס. עס איז אין די טעלעגראפען געלעגען א קאפיטאל פון אן ערך $200,000,000 און עס האבען דערביי געארבייט נאהענט פון 30,000 מענטשען. די אייזענבאנען זיינען דא ניט אריינגערעכענט.

דער טעלעפאן האט אין דער קורצער צייט פון זיין עקזיסטענץ וויים אריבערגעיאגט דעם טעלעגראף. אין 1902 זיינען געוועזן מער ווי 2,000,000 מענטשען וואס האבען געהאט ביי זיך אין הויז אדער אין געשעפט אייגענע טעלעפאנען. חוץ דעם זיינען געוועזן 80,000 עפענטליכע טעלעפאנען. וואו יעדער איינער האט גע־קענט אריינקומען און טעלעפאנירען. דורכשניטלאך איז אויסגע־קומען איין טעלעפאן אף יעדע זעקס דירות. אין גאנצע זאיז דער טעלעפאן געניצט געווארען אין 1902 מער ווי 5,000,000,000 מאל, דאס הייסט 17 מאל אזוי אפט ווי דעם טעלעגראף. די לייזונג פון אלע טעלעפאנען האט באטראפען נאהענט פון $90,000,000

דאָס הייסט אַן ערך $40 פון יעדען טעלעפאָן, דער קאַפּיטאַל האָט באַטראָפען $450,000,000 און די צאָל מענטשען וואָס זיינען געווען באַשעפטיקט דערביי — ביז 80,000.

די איינפירונג פון עלעקטרישע קראַפט האָט אויסגעברייט דעם קאָמוניסטישען פאַרצער אויף דעם פאַרברויך פון קראַפט אויף אַלע צווייגען פון דער מענטשלאַכער אַרבייט. די גרעסטע מעלה פון עלעקטרישע קראַפט איז, וואָס מען קען זי פּראָדוצירען אין איין צענטראַלען פּלאַץ און איבערטראָגען אויף צענדליקער מיילען, אין יעדען פּלאַץ וואו מען האָט זי נויטיק.

אַן אַנדער מעלה וואָס די עלעקטרישע קראַפט האָט איז וואָס איר קענט זי איינטיילען אין קליינע חלקים, אַזוי פיל וויפיל איר באַדאַרפט. מיט א סטים־אינדזשין קענט איר דאָס אַזוי לייכט ניט טאָן: איר קענט ניט פאַרבינדען אַלע פאַבריקען אין איין בנין מיט איין פאַראָוועע מאַשין, איר קענט העכסטענס אויסבויען א גרויסע הויז, וואָס זאָל פאַרנעמען א גאַנצען קוואַרטאַל.

מיט דער עלעקטרישע קראַפט האָט איר קיין שום שוועריקייטען ניט: איר דאַרפט נאָר האָבען אַן עלעקטרישען דראָט אין אייער פאַבריק און איר קענט נוצען אַזוי פיל, אָדער אַזוי וועניק קראַפט, ווי עס איז נויטיק פאַר אייער אַרבייט.

ווי גרויס עס איז דער פאָרטשריט פון דער אַנווענדונג פון עלעקטרישע קראַפט, האַלטען מיר נאָך פאָרט גאָר ביים אָנהויב, ווייל עלעקטרישע קראַפט קאָסט נאָך צו טייער. דאָס קומט הויפּטזעכלאַך דערפון, וואָס אפילו צו פּראָדוצירען עלעקטרישע קראַפט מוז מען נאָך רק אַנקומען צו סטים. די איינפירונג פון עלעקטרישע קראַפט האָט אָבער געשאַפען די מעגלאַכקייט ווידער אומצוקערען זיך צו וואַסער־קראַפט. מען דאַרף איצט ניט בויען די פאַבריקען ביים וואַסער, ווי גאָר אין דעם אַנפאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטרי.

עס איז נאָר נויטיק אויפצובויען אַן עלעקטרישע צענטראַל־סטאַנציע ביים וואַסער, און פון דער סטאַנציע קען די עלעקטרישע קראַפט געליפערט ווערען אין זעהר א ברייטען ראַיאָן. דערווייל האָט מען זיך נאָך זעהר וועניק באַנוצט מיט דער וואַסער־

קראפט. לויט דעם ווי ספעציאליסטען שאצען די גאנצע וואסער־קראפט פון די פאראייניקטע שטאטען ווערט באנוצט העכסטענס פינף פראצענט דערפון. ווען מען וועט זיך דא אין אמעריקע נעמען מערער צו די „ווייסע קוילען" צו פראדוצירען עלעקטרישע קראפט, וועט זי ווערען ביליגער און דעמאלט וועט מעגלאך ווע־רען צו באנוצען זיך מיט איר אין דער פארמערייי און פאר אלע ארבייטען אין דער היים, וואו דער פרייז מאכט נאך דערוויל אונ־מעגלאך צו באנוצען זיך מיט עלעקטרישע קראפט.

איך מוז זיך נאך אפשטעלען אף איין זאך, וואס עס וועט זיך אייך אפשר אויסווייזען א מאדנער איינפאל דאס צו באציי־כענען אלס קאמוניסטישען פארצער, איך מיין די פאלקס־שולען (פאבליק־סקוהלס) שא, היילט זיך ניט. ערסטענס זייט איר נאך ניט אזוי לאנג פון רוסלאנד, איר זאלט האבען פארגעסען דעם מלמד מיט די חדר־אינגלאך, מיט דעם מלמד'ס ווייב און קינדערלאך זא־לען לאנג לעבען, אלע צוזאמענגעשפארט אין איין שטוב, צוזאמען מי טדי הינער אונטער'ן קאטוך, און אמאל מיט דער ציג אויך; אדער דעם לערער וואס גיט אוראקען אין באלעבאטישע הייזער. דאס איז אינדיווידועלער פארברויך, און ווייסט איר אז אין דער צייט פון דער אמעריקאנער רעוואלוציע איז דא אויך געווען אזוי? דער אנהייב פון די פרייע פאבליק־סקולס איז ארום 1830; דאס איז געווען דער רעזולטאט פון דער פראפאגאנדע פון ראבערט אועץ און זיינע תלמידים און פון דער טעטיקייט פון דער ערסטער ארבייטער־פארטיי, וואס איז געגרינדעט געווארען אין דער שטאט ניו יארק אין 1827, ווייטער, ווען איר וועט שטודירען די קא־מוניסטישע אוטאפיעס, וועט איר געפינען, אז די עפענטליכע ער־ציהונג פון די קינדער איז איינער פון זייערע וויכטיקסטע פונק־טען. די אמעריקאנער פאבליק־סקול וואס ערציט דאס קינד א האלבען טאג פון זעקס ביז פערצען יאר, איז א היפשער שריט אף דעם וועג פון קאמוניסטישער ערציהונג. און דאס איז נאך ניט דער ענד. אט הויבען זיך אן צו פארברייטען קינדער־גארטענס, וואו די קינדער ווערען ארייגענומען פון פיר יאר אן, ווייטער. חוץ אונטעריכט קריגען די קינדער ביכער און פאפיר פריי. די צאל קינדער, וואס האבען גענאסען דעם קאמוניזם אין די סקולס אין 1907 איז געווען נאהענט פון 17,000,000 און די צאל לע־רער 475,000.

און פאר איין גאנג לאמיר שוין ארייננכאפען די פאבליק־לייב־רעריס (עפענטליכע ביבלאטעקען) אויך. אין דער צייט פון דער אמעריקאנער רעוואלוציע איז אין אמעריקע ניט געווען קיין איינ־ציקע פאבליק־לייברערי. די גרעסטע פריוואט־ביבליאטעק איז באשטאנען פון 4,000 ביכער, אין 1903 זיינען אין 149 שטעט מיט איבער 25,000 איינוואהנער געווען פאבליק־לייברעריס, די קלענסטע — אין אטלאנטיק סיטי — האט געהאט 3,000 ביכער און די גרעסטע — אין ניו יארק — 1,750,000. כמעט 6,000,000 ביכער זיינען אין דער צייט פו ןדעם יאר ארויסגעגעבען געווארען א היים און כמעט 3,000,000 ביכער זיינען געלעזען געווארען אין דער ביבליאטעק. דאס הייסט דורכשניטלאך האבען יעדען בוך גענוצט פינף מענטשען א יאר. די אויסברייטונג פון דעם מין קאמוניסטישען גענוס איז אויך מעגלאך געווארען נאר דורך די ענט־וויקלונג פון מאשין־ארבייט אין דעם דרוקער פאך.

ביז אהער האבען מיר באטראכט נאר אזעלכע מינים פון קאמוניסטישען פארברויך, וואו עס זיינען באטייליקט גרויסע מאסען פון קאנסומענטען. חוץ דעם אבער טרעפט איר אן אמאל אין איין שטאט, אמאל אין אנאנדערער, אלערליי ביישפילען פון קאמוניזם אף א קלענערען פוס. ווען איר קוקט נאר אף דעם היינ־טיקען טאג, טו קען זיך אייך אויסווייזען אז דאס זיינען ניט מער ווי אויסנאמען, וואס האבען גאר א קנאפע באדייטונג אין פאר־גלייך מיט די טויזענטער זאכען וואס יעדער איינער געניסט פאר זיך אינדיווידואליסטיש. איר מוזט אבער דערביי געדענקען, אז עס איז נאך ניט אזוי לאנג צוריק, ווען דער קאמוניסטישער פאר־ברויך פון וואסער, ליכט און אזוי ווייטער איז אויך געווען אן אויסנאם. אט די היינטיקע אויסנאמען שטעלען די פראגע, צי איז דער קאמוניזם באשרענקט אף די דאזיקע „פאבליק יוטיליטיז“, וואס עס זיינען פאראן היינט־צו־טאג, אדער ער קען זיך ווייטער ענטוויקלען און פארכאפען אנדערע באדערפעניסען, וואס היינט ווייזט זיך אונדז אוים פאר גאנץ „נאטירליך“, אז זיי דארפען באפרידיקט ווערען ניט אנדערש ווי אינדיווידואליסטיש.

וואוהין־זשע פירט אונדז דער וועג פון ענטוויקלונג ? לא־מיר באטראכטען די סמנים.

עלעקטרע ווערט שוין היינט באנוצט פאר באלייכטונג. מען

וואָלט געקענט הייצען הייזער אויך מיט עלעקטרע, ווי מען הייצט היינט די וואַגאָנעס אַף די עלעקטרישע אייזענבאַנען. דערווייל איז עס אָבער נאָך צו טייער, ווייל עלעקטרע ווערט פּראָדוצירט פון קוי־לען. אָבער עס וועט ניט לאַנג נעמען, ביז מען וועט אָנהויבען אָנצואָווענדען די וואַסער־קראַפט אַף צו פּראָדוצירען עלעקטרע. דער אינדיווידואַליסטישער אויוון וואָס יעדערע בעל־הבית'טע דאַרף ביי זיך באַזונדער הייצען, אָדער וואָס יעדער דזשעניטאָר דאַרף באַזונדער הייצען, אין די הייזער מיט סטים־היט, וועלען אָפּ־געשאַפט ווערען, אַנשטאָט זיי וועט איינגעפירט ווערען די קאָ־מוניסטישע הייצונג.

דער זעלבער דראָט וואָס ברענגט דעם עלעקטרישען שטראָם פאַר באַלייכטונג, קען אויך ברענגען עלעקטרישע קראַפט פאַר אַלע סאָרטען הויז־אַרבייט. מען דאַרף נאָר צופּאַסען די נויטיקע מאַשין. כל־זמן מען האָט געטריבען די מאַשינען מיט סטים, איז געווען אוממעגלאָך צו האָבען מעכאַנישע קראַפט אין אַ פּריוואַטער דירה.

די פרויען פון דעם מיטעל־קלאַס זיינען ניט צופרידען צו באַגראַבען זיך אין קיך. זיי ווילען זיין פריי צו געניסען דעם לע־בען. האָבען זיך די עלקטרישע אינזשענערען גענומען טראַכטען וועגען אַזעלכע נייע ערפינדונגען, וואָס זאָלען איינשפּאָרען דער פרוי די אַרבייט אין הויז. און זיי האָבען באַוויזען אמת'ע וואונ־דער.

איך וויל אייך באַשרייבען אין קורצען די עלעקטרישע היים, וואָס די עדיסאָן קאָמפּאַניע האָט אויסגעבויט אין דעם מאַנופאַק־טור פּאַלאַץ ביי דער וועלט־אויסשטעלונג אין סאַן־פראַנציסקאָ.

יעדע אַרבייט ווערט דאָרט געטאָן מיט עלעקטרישע קראַפט. די הויז ווערט געהייצט מיט עלעקטרע און אייז־קרים ווערט אויך געמאַכט מיט עלעקטרע. ניטאָ מער קיין „אייז־באָקס. אַנשטאָט דעם איז פאַראַן אַ „קולער“ וואו אַ קעלט ווערט געמאַכט דורך עלעקטרע. ניטאָ קיין בעזימער, די הויז ווערט אויסגעקערט מיט אַ „וואַקואום־קלינער“, וואָס ווערט געטריבען דורך עלעקטרע. אַלץ ווערט געקאָכט אין אַן עלעקטרישען אויוון. ווילט איר אָנוואַרעמען עפּעס, באַרשפּאָרט איר צו געהן אין קיך: אַ דרעה־געטאָן דעם קראַן און איר קענט עס אָנוואַרעמען אַף'ן טיש. וואַשען די געשיר דאַרפט איר ניט, — די מאַשין טוט עס פאַר אייך מיט עלעק־

טרע. וואשען גרעט דארפט איר ניט, — די עלעקטרישע מאשין וואשט עס פאר אייך. פרעסען, — פרעסט פאר אייך אן עלעק־טרישער אייזען.

זייט איר א פיין־שמעקער און איר ווילט מאכען אייגענע פוטער, האט איר אן עלעקטרישע מאשין דערצו, איר דארפט גארנישט ניט טאן דערביי, — א דרעה געטאן איין מאל און אין א פערטעל שעה האט איר פארטיקע פוטער.

מיט די אלע איינריכטונגען דארף אייך נעמען ניט מער ווי א פאר שטונדען אין טאג פארטיג צו ווערען מיט דער גאנצער הויז־ארבייט.

אמת, דערוויילע קאסט עס נאך צו טייער פאר דעם ארבייטער אדער דעם קליינעם מיטעל־קלאס מענטשען, אבער מען קען זיך ריכטען, אז פילע זאכען וועלען אין א יאר צען־צוואנציק ארום די לענדלארדס אליין מוזען איינפירען. איך געדענק נאך אין 1893—1895 האב איך געוואהנט אין שיקאגא אין א הויז אן געז, — וואו געפינט איר היינט אזא הויז? חוץ דעם וועט מען קענען א סך פון דער עלעקטרישער קליינוואַרג קויפען אף אויס־צאלונג, ווי מען קויפט אלצדינג וואס איז נויטיק אין הויז.

דא האבען מיר צו טאן מיט דעם פארטשריט פון טעכניק. היינט לאמיר זיך ווענדען צו דער מעדיצינישער וויסענשאפט. אין דער לעצטער צייט האט מען זיך אין אמעריקע אנגעהויבען צו אינ־טערעסירען מיט דעם צושטאנד פון דער עפענטליכער געזונט דאס קומט מיט דעם וואוקס פון די גרויסע שטעט. אין א קליין שטעטעל, וואו ו אלע וואהנען שיטער, מעג זיך יעדער קרענקען וויפיל ער וויל, עס הארט דעם אנדערען זעהר קנאפ. אבער אין א שטאט פון א פאר מיליאן איינוואהנער, וואס זיינען געפאקט נעדיכט אין די טענעמענט הייזער, וואס אין יעדער דירה וואהנט היינט דער און מארגען אן אנדערער, איז יעדענס געזונט שוין גאר ניט קיין „פריוואט זאכע", אין דער שטאט ניו יארק מאכט די באארד אף העלטה אליין סערום געגען דיפטעריט און גיט עס פריי יעדען, ווער עס באדארף. אין וואשינגטאן האב איך עס געמוזט קויפען און באצאלען דערפאר 10 דאלאר. דאס איז אינ־דיווידואליזם, און אין ניו־יארק האט איר קאמוניזם. מילא, די צאל קינדער וואס ווערען קראנק מיט דיפטעריט איז קליין אין

פארגלייך מיט די קינדער וואס שטארבען פון אונגעזונטע מילך. עס איז באוויזען געוואָרען אז א גרויסער פראָצענט פון די בהמות וואס זייער מילך ווערט געליפערט אין די גרויסע שטעט, זיינען קראנק מיט טובערקולאָזיס (די דער). היינט אויב מען וויל קעמפ־פען געגען טובערקולאָזיס, מוז מען אָנהויבען פון די מילך. ווען די שטאָט קען פארטיילען רפואות געגען דיפטעריט, טו ווער קען וויסען צי עס וועט ניט קומען די צייט, אז די שטאָט וועט נעמען פארקויפען פאסטעריזירטע מילך, וואס היינט טוט דאָס א פילאנטראָפ נתן שטרויס ?

מיינט ניט אז דאָס איז א חלום. מיט צען יאָר צוריק האָט די ניישיאָנאל סיוויק פעדערעישאָן געשיקט א גאנצע קאָמיסיע קיין איירָאפּא צו שטודירען די פראגע פון „מיוניסיפּאל אָונערשיפּ". דאָס הייסט מוניציפּאל סאָציאליזם. אין דער קאָמיסיע זיינען געווען פארביסענע געגנער פון מוניציפּאל סאָציאליזם צוגלייך מיט אזוינע וואָס זיינען דאפיר. די סיוויק פעדערעישאָן, ווי איר ווייסט, איז גאָר ניט סאָציאליסטיש. נו האָט אָבער די קאָמיסיע אין 1907 אין איר באריכט כמעט איינשטימיק אָנגענומען דעם פּרינציפּ אז ווען פון ערגעץ אן אינדוסטרי הענגט אָפּ די געזונט פון דעם פאָלק, דארף אזא אינדוסטרי געפירט ווערען פון דעם שטאָט. אָדער פון דער שטאָט. דאָס טרעפט צו אַף דעם פארקויף פון מילך און פארוואָס שוין ניט ארייננעמען פלייש אויך, וואָס עס איז באוויזען געוואָרען אז דער פלייש־טראָסט קוילעט קראנקע בהמות און פארשפּרייט טובערקאָליזם און אנדערע קראנקהייטען צווי־שען מיליאָנען מענטשען ? אין איירָאפּא זיינען פאראן שטעט וואָס האָבען קהל'שע שעכט־הייזער און אלע בהמות מוזען גע־שאָכטען ווערען דאָרטען. פארוואָס קען עס דערצו ניט קומען אין אמעריקע אויך ?

נעמט ווייטער, למשל, א הויז וואו א קינד איז קראנק גע־ווען מיט דיפטעריט, אָדער מיט סקארלאַטינע, — די שטאָט נעמט אַף זיך אויסצורייניקען די הויז, איידער דאָס קינד מעג ארויס־געהן פון הויז. ביי אונדז אין מינסק האָב איך דערפון קיין מאָל ניט געהערט : אויסרייניקען מיין הויז איז מיין אייגענער עסק, ווער האָט זיך דאָ וואָס ארייינצומישען ? — דאָס איז אינדיווידואליזם, פארקערט די פּראַקטיק פון דער אמעריקאנער

באארד און העלטה איז קאמוניסטיש. לאמיר אבער מאכען אין שריט ווייטער און שטעלען זיך די פראגע: אויב די שטאט קערט אויס די גאסען און ראמט אוף פון זיי די מיסט צוליב דער עפענט־ליכער געזונט, טו פאר וואס זאל מען איבערלאזען יעדע בעל־הבית׳־טע אצוקלייבען שטויב אין איהר דירה, וואס דאס איז דאך פונקט אזא סכנה, ווי א בלאטיקע גאס? די מאשין וועט דא אויך מאכען אן איבערקערעגים. עס זיינען שוין היינט פאראן מאשינען וואס שמאקצען אויס דעם שטויב פון א הויז; דערווייל׳ע ווערען אזעלכע מאשינען געניצט נאר אין די אריסטאקראטישע אפארט־מענט־הייזער, אזא זאך וועט זיך אבער זיכער אויסברייטען. עס זיינען שוין פאראן קאמפאניעס, וואס רייניקען אויס די פלעטס פון שטויב, אזוי ווי קיין בעל־הבית׳טע מיט א בעזים איז דאס ניט אימשטאנד צו טאן, דערווייל׳ע קאסט עס נאך צו טייער, און עס איז נאר פאר רייכע לייט. עס קען אבער זיין, אז די שטאט וועט זיך אליין נעמען דערצו, אין דעם ווייטערען גאנג פון דעם קאמפף נעגען טובערקולאזיס.

היינט לאמיר געהן נאך ווייטער. עס איז שוין א יאר פינף און צוואנציק, זינט עס האט זיך אנגעהייבען די אגעטאציע גע־גען דעם אונגעזונטען צושטאנד פון די טענעמענט הייזער אין די גרויסע שטעט, די לעדזשיסלייטשור פון דעם סטעיט ניו־יארק האט אויסגעקליבען א קאמיסיע צו אונטערזוכען די פראגע; דער רעזולטאט איז געווען א נייער געזעץ און א סך נייע שטעלען פאר טענעמענט־הויז אינספעקטארס. די נייע טענעמענטס זיינען א קאפעצקע בעסער, אבער די אלטע זיינען געבליבען און הונ־דערטער טויזענטער וואהנען נאך היינט אין פינצטערע קאמערען אן לופט, אן וואנעס, פול מיט מיקראבען, פון אלערליי קראנ־קייטען, איינער קלייבט זיך ארויס אין א בעסערע, נייערע הויז, שלעפט ער מיט זיך אריין די מיקראבען אהין אויך, און די אלטע הויז בלייבט ניט שטעהן ליידיק. די שטאט גלאזגא אין סקאט־לאנד האט געגען דעם געפונען א רפואה: זי האט אויסגעבויט שטאטישע טענעמענט־הייזער. קען דער פלאן אמאל ניט אנגעווענדעט ווערען אין ניו־יארק אויך? וואלט עס געווען אונמעגלאך פאר דער שטאט אפצוקויפען די הייזער אין די נעדריכטע קווארטא־לען און איבערבויען זיי אף אזא פלאן, ווי צום ביישפיל, די בער־לינער הייזער, מיט א גרויסען הויף פאר די קינדער, וואו זיי וואל־

טען זיך קענען שפּילען, און מיט ליכטיקע חדרים פוןביידע זייטען? אזא באַוועגונג גנעהט אַן איצטער אין די בורזשואַזנע רעפאָרמאַטאָרישע קרייזען. אין 1909 איז אין ניו־יאָרק געווען אַן אויסשטעלונג וועגען דעם.

פלעצער פאַר קינדער וואו צו שפּילען זיך („פּלעי גראונדס") זעהען מיר, ווערען שוין היינט איינגעריכט אין פאַרשידענע שטעט. וואָס איז דאָס אַזוינס? אין אַ קליין שטעטעל איז וועגען דעם גאָר קיין פראַגע ניטאָ: לאַנד האָט אַ קליינעם ווערט, אַרום יעדער הויז איז פאַראַן, געגנוג פּלאַץ פאַר די קינדער, אפילו אין ניו־יאָרק געפינט איר אַף'ן עק שטאָט אַ סך אָפענע פלעצער וואו די קינדער קענען אַרומלויפען. אָבער יעדע גרויסע שטאָט וואַקסט, לאַנד ווערט טייערער, אַלע פּלעצער ווערען פאַרבויט מיט הייזער און פאַר די קינדער בלייבט קיין אָרט ניט. כדי דער יונגער דור זאָל אין גאַנצען ניט אויסשטאַרבען אין די גרויסע שטעט איז דער איינציקער מיטעל — עפענטליכע „פּלעי גראונדס". דער אינדיווידואַליסטישער יאַרד (הויף) איז אָפּגעשאַפט געוואָרען דורך דעם וואוקס פון דער גרויסער שטאָט, אַף זיין שטעל קומט דער קאָמוניסטישער „פּלעי גראונד".

אז ס'איז געקומען צו רייד וועגען קינדער, דאַרף מען שוין דאָ דערמאָנען די פראַגע וועגען הונגעריקע קינדער אין די סקולס. די לערערינס האָבען אויסגעפונען אַז אַ סך קינדער פון אָרעמע עלטערן לערנען זיך שלעכט, ווייל זיי קומען פון דער היים הונגעריקע. עס איז געמאַכט געוואָרען אַ פאַרשלאַג, אַז די קינדער זאָלען קריגען איבערבייסען אין סקול. נאַטירליך, די קאָנסערוואַטיווע פּרעסע שרייט גוואַלד, דאָס איז „פּאַטערנאַליזם". אָבער מיט וואָס זיינען פרייע ביכער און פרייע פּאַפּיר וויניקער „פּאַטערנאַליזם", ווי פרייע עסען? דערווייל אָבער זיינען נאָך די אַמעריקאַנער רעפאָרמער אַליין אויך ניט אַזוי ראַדיקאַל, זיי ווילען נאָר איינפירען אַז די קינדער זאָלען קריגען אין סקול אַ הייסען לאַנטש פאַר אַ ביליקען פרייז, וואָס די מערסטע עלטערען זאָלען בכח זיין צו צאָלען. די סאָציאַליסטישע מוניציפּאַליטעטען אין פראַנקרייך האָבען שוין ביי זיך איינגעפירט, אַז די קינדער קריגען עסען אין די פאָלקס־שולען גאָר•אומזיסט. צי אַזוי צי אַזוי עס וועט אוראי אין גיכען קומען דערצו, אַז די קינדער וועלען דאָ היע

אויך קריגען עסען אין סקול. דאָס הייסט, אנשטאָט יעדע קינד זאָל אינדיווידואַליסטיש עסען (אָדער הונגערען) פאַר זיך, וועט קומען איין קאָמוניסטישע סעודה א טאָג פאַר מיליאָנען קינדער.

איך האָב דאָ ניט אין זינען צו מאָלען צוקונפטס־בילדער. זאָגען נביאות הייגטיקע צייטען איז זעהר ריזיקירט, ווארום ווער ווייסט וואָס עס קען אונדז ברייגגען דער פּאָרטשריט פון דער טעכניק? אויף דער פּאַריזער וועלט־אויסשטעלונג אין 1889 האָט מען נאָך געמאַכט עקספּערימענטען מיט עלעקטרישע וואזאָנעס, אין 1879 האָט מען נאָך געמאכט עקספּערימענטען מיט עלעקטרישע לאָמפּען, דער טעלעפאָן איז אין גאַנצען פערציק יאָר אַלט. אין 30 יאָר ארום קען מען זיכער זיין וועט די וועלט אויסזעהן גאָר אנדערש ווי היינט. אָבער די איינצעלנע סמנים, וואָס איך האָב דאָ אויסגערעכענט לאָזען אונדז שליסען, אז די ווייטערע ענטוויקעלונג פון דער טעכניק וועט אויסברייטען דעם קאָמוניזם אף נייע געביטען. דערווייל‏ע אָבער לאָמיר מאכען דעם סך־הכל וואו מיר האלטען שוין היינט מיט דעם קאָמוניזם.

פון א ספּעציעלען נומער פון דעם מאַנאַטליכען זשורנאל פון דער דזשענעראל עלעקטריק קאָמפּאַניע, וואָס זי האָט ארויסגעגעבען צוליב דער וועלט־אויסשטעלונג אין סאַן־פּראַנציסקאָ, דערוויסען מיר זיך אז אקוראט א העלפט פון דער מעכאַנישער קראַפט, וואָס איז באַנוצט געוואָרען לויט דער לעצטער סטאַטיסטיקע אין די פּאַראייניקטע שטאַטען, ווערט אָנגעווענדעט אף די אייזענבאַנען, די עלעקטרישע ליניעס און אין די צענטראַלע עלעקטרישע סטאַנציעס. דאָס הייסט אין די אינדוסטריען וואָס דינען דעם קאָמוניסטישען פארברויך ליגט אַן ערך אזא קאַפּיטאַל ווי אין אינדוסטריען וואָס דינען דעם אינדיווידואַליסטישען פאַרברויך*).

---

*) עס איז אויך פאַראַן א סטאַטיסטיקע פון דעם קאַפּיטאַל וואָס ליגט אין די פאַרשידענע צווייגען פון דער אמעריקאַנער אינדוסטרי. אָבער אף די ציפערען קען מען זיך ניט זעהר שטאַרק פאַרלאָזען. אָט זיינען זיי:

לאמיר איצט נעמען די צאָל מענטשען, וואָס זיינען דערביי באשעפטיקט:

שטאַט־באַנען	200,000
אייזענבאַנען	1,600,000
פּאָסט	180,000
טעלעגראַף	30,000
טעלעפאָן	80,000
עלעקטרישע צענטראַל־סטאַנציעס	30,000
פאָלקס־שולען	495,000
צוזאַמען	2.595,000

אלזאָ די צאָל מענטשען, וואָס ארבייטען אין דער היינטיקער געזעלשאַפט פאַר דעם קאָמוניסטישען פאַרברויך איז איבער דריטאַלבען מיליאָן. די צאָל קאָנסומענטען אָבער איז פיל מאָל גרעסער: צענדליקע מיליאָנען שטאָטישע איינוואָהנער קענען ניט לעבען אָן דעם קאָמוניסטישען קאָנסום פון וואַסער, שטאָט־באַנען און אזוי ווייטער.

	דאָלאַר.
וואַסער ווערק	600,000,000
גאַזווערק	700,000,000
עלעקטרישע סטאַנציעס	500,000,000
שטאַט־באַנען	2,000,000,000
אייזענבאַנען	14,000,000,000
טעלעגראַף	200,000,000
טעלעפאָן	450,000,000
צוזאַמען	18,350,000,000

אַלזאָ, אין דעם קאָמוניסטישען פאַרברויך ליגט אַ קאַפּיטאַל פון איבער $18,000,0000,000. דער קאַפּיטאַל וואָס ליגט אין אַלע פאַבּריקען (חוץ גאַז־ווערק) האָט אין 1905 באַטראָפען ווייניקער ווי $13,000,000,000.

4.

די באדייטונג פון שטאַטס-סאָציאַליזם.

דער קאָמוניסטישער קאָנסום איז אויסגעוואקסען אין אונ־דזער געזעלשאפט גרעסטענטיילס אן דעם געזעלשאפטליכען באַוואוסטזיין.*) אַזוי ווי א ווילדער עפּעל־בוים וואקסט אויס אין א וואלד אַן א גערטנער, טיילווייז אָבער אויך אלס רעזולטאט פון דער באוואוסטזיניקער טעטיקייט פון דער געזעלשאפט. די געזעלשאפט אליין, דורך די אָרגאנען וואָס דרוקען אויס איר ווילען, האָט געגרינדעט פּאָסט־אָפּיסעס און פאָלקס־שולען פאר דעם עפענטליכען געברויך. די געזעלשאפט אליין האָט געבויט סיוערס, געדונגען ארבייטער צו רייניקען די גאסען, באדונגען זיך מיט גאז און עלעקטרישע קאָמפּאניעס זיי זאָלען באלויכטען די גאסען. די געזעלשאפט אליין האָט אין פילע שטעט איינגעפירט וואסער־ווערק און עלעקטרישע באלייכטונג פאר דעם עולם.

זאָל היינט איינגעפירט ווערען שטאָטס־באטריב אַף די אייזענבאנען שטאַט־באַנען און צענטראלע עלעקטרישע סטאַנציעס. וועט א העלפט פון דער גאנצער מעכאנישער קראפט פון דער אינדוסטרי געפינען זיך אין דעם רשות פון דעם שטאַט. דער־ביי איז כדאי צו וויסען, אז די אייזענבאנען אליין פארברויכען צוויי מאָל אַזוי פיל מעכאנישע קראפט ווי אלע פאבריקען. איר

*) אין 1881 איז ערשינען העגרי דזשארדזשעס בארימטער בוך: „פּראָגרעס און דלות“. זינט יענער צייט האָט מען אָנגעהויבען צו רעדען וועגען דעם אז די שטאט דארף אליין זיין די בעל־הבית׳טע איבער אירע וואַסער. אבער פריהער פאר יענעם יאָר האָבען 72 שטעט שוין געהאַט אויסגעבוים אייגענע וואסערווערק און נאָך דרייצען אנדערע האָבען זיי אויסגעקויפט ביי די מאָנאָפּאָליסטען. אַלזא, איז שוין „מוניציפּאל סאציאליזם“ געווען אין דער פּראקטיקע נאָך איידער דער וואָרט איז געשאפען געווארען, איידער העגרי דזשארדזש, איידער בעלאמי זיינען געפאלען אפ׳ן געדאנק צו שרייבען וועגען סאָ־ציאַליזם.

זעט דערפון וואס פאר א גרויסע ענדערונג אין דעם אינדוס־טריעלען לעבען עס מאכט דער איבערגאנג פון די אייזענבאנען און עלעקטרישע סטאנציעס אין קהל'שע הענט.

דער שטאטס־סאציאליזם אדער דער מוניציפאל־סאציאליזם, באדייט אלזא, אז די געזעלשאפט ארגאניזירט אליין באוואוסט־זיניק דעם קאמוניסטישען פארברויך.

דער אלטער ליבקנעכט מיט זיין גלייכווערטעל וועגען „שטאטס־קאפיטאליזם“ האט פשוט באוויזען, אז די ראליע פון דעם קאמוניסטישען פארברויך אין דער היינטיקער געזעלשאפט איז עם געבליבען אונבעקאנט. ער האט נאר געזעהען איין זייט, די פראדוקציאן מיט איר קאפיטאליסטישען כאראקטער. די אינ־דוסטריען, וואס דינען דעם קאמוניסטישען קאנסום, האט ער בא־טראכט נאר פון געזיכטס־פונקט פון די פאר מיליאן ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיקט אין יענע אונטערנעמונגען, ניט פון די צענדליקע מיליאנען קאנסומענטען (אגב צו א היפשען טייל אויך ארבייטער), פון'ם שטאנדפונקט פון די ארבייטער אין יענע אינ־דוסטריען איז ביי עם אויסגעקומען, אז עס איז פאר זיי אלין איינס, צו דיזע אינדוסטריען זיינען פריוואט־קאפיטאליסטישע, צי שטאטס־קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגען. און דעריבער איז ער געווען צופרידען צו לאזען זיי בלייבען אין פריוואט־קאפיטאליסטישע הענט ביז יענער צייט, ווען די גאנצע שטאטס־מאכט וועט זיך געפינען אין די הענט פון דעם פראלעטאריאט. דאס איז ביז דעם היינטיקען טאג נאך דער שטאנדפונקט פון דער אמעריקאנער סא־ציאליסטישער פארטיי. פארקערט, די אמעריקאנער באוועגונג פאר דעם מוניציפאל־סאציאליזם, אדער „פאבליק אונערשיפ“, דריקט אויס דעם וואונטש פון די מיליאנען קאמוניסטישע קאנסומענטען צו נעמען אין זייערע אייגענע הענט די פראדוקציאן פון די ארטיק־לען פון זייער קאמוניסטישען פארברויך, וואס ווערען נאך היינט פראדוצירט פון פריוואט־קאפיטאליסטען, פאר זיי איז ניט אלין איינס, צי די פראדוקציאן פון יענע ארטיקלען געפינט זיך אין פריוואט־קאפיטאליסטישע הענט, צי אין די הענט פון דער גע־זעלשאפט פון קאנסומענטען. די פראדוקציאן פון די ארטיקלען פון דעם קאמוניסטישען פארברויך איז וואס די אמעריקאנער עקאנאמיסטען רופען א „נאטירליכע מאנאפאליע“. עס קען ניט זיין קיין קאנקורענץ צווישען שטאט־באנען אף דער זעלבער גאס ווי

עס איז פאראן צווישען קעבס. די פראדוקציאן פון דיזע „פאב־ליק סערוויסעס" (קהל'שע באדינונג) ליגט אין די הענט פון פרי־וואט קאפיטאליסטישע קארפארעישאנס, וואס שינדען די הויט פון דעם עולם. ווען די רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטען זאל, למשל, איבערנעמען אלע עקזיסטירענדע צענטראל־סטאנציעס און אויסבויען נייע, וואו מען באדארף, וועט די רעגירונג קענען פאר־קויפען עלעקטרישע קראפט אזוי ביליג, אז יעדער איינער זאל זיך קענען מיט איר באנוצען. איבערבייטען די פריוואט־מא־נאפאליע אף א שטאטס־מאנאפאליע הייסט אלזא, פאר דעם קאנ־סומענט די באפרייאונג פון א דעספאטישער אליגארכיע, וואס האט די מאכט צו באשטייערען די נויטיקסטע זאכען, אן וועלכע ער קען ניט אויסקומען, און איינפירען אף איר פלאן א דעמא־קראטישע פארוואלטונג איבער וועלכע דער קאנסומענט האט א דעה.

מיט דער איינפירונג פון דער עלעקטרישער קראפט האבען מיר דערגרייכט דעם פונקט, ווען — ווי קארל מארקס האט פאר־אויסגעזאגט, — דער פריוואט־קאפיטאליזם ווערט א שטערונג פאר דער ווייטערער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטרי. דער פריוואט־קאפיטאליזם אין דער פראדוקציאן פון עלעקטרישע קראפט מוז אפגעשאפט ווערען, כדי די אינדוסטרי זאל זיך קענען באנוצען מיט די לעצטע ערפינדונגען פון דער טעכניק. אין דעם זיינען פאר־אינטערעסירט אלע קאנסומענטען איינערזייטס, — די באלעבאס־טעס, די רייכע און ארעמע, און אנדערער זייטס, די קאפיטאליס־טישע פראדוצענטען אין אלע אנדערע צווייגען פון דער אינדוסטרי.

אויב עס איז ריכטיק, אז ביז דער פראלעטאריאט וועט ניט ווערען די הערשענדע מאכט אין דער געזעלשאפט, האט ער זיך ניט וואס צו היילען מיט דער איינפירונג פון קהל'שען אייגענטום איבער דעם אינדוסטריעלען קאפיטאל, טו הייסט עס אז אין דעם איצטיקען מאמענט איז די טרייבענדע קראפט פון דער באווע־גונג פאר דעם שאטס־סאציאליזם די מאסע קאנסומענטען אן אונטערשיד פון קלאס : זייערע אינטערעסען פארלאנגען, עס זאל געמאכט ווערען א סוף צו דעם ווידערשפרוך צווישען דעם קאמוניזם אין דעם געניס און דעם פריוואט־אייגענטום אין דער פראדוקציאן פון די „עפענטליכע ניצליכקייטען".

צ ע נ ט ע ר ק א פ י ט ע ל :

די ענטוויקעלונג פון די טראסטס.

1.

אונטער דעם אלגעמיינעם נאמען טראסט זיינען באקאנט פארשידענע פאראייניקונגען פון קאפיטאליסטען. די טראסטס האבען דורכגעמאכט א גאנצע רייהע ענטוויקעלונגען און האבען דערגרייכט דעם העכסטען גראד דא אין אמעריקע.

די איינפאכסטע ארגאניזאציע פון קאפיטאליסטען איז א פאראייניקונג אין איין געשעפטס־צווייג, וואס קומט זיך צוזאמען יעדען יאר איינצופירען איין פעסט־געזעצטען פרייז פאר זייערע ווארען. אזעלכע „אסאסיעישאנס“ זיינען דא פאראן הונדערטער. אין אזא ארגאניזאציע בלייבט נאך יעדער געשעפטס־מאן פאר זיך א בעל־הבית, יעדער ארבייט אויס וויפיל ער וויל און סטארעט זיך צו פארכאפען אלע קונדען פאר זיך, און עס געהט עס גאר ניט אן וועגען דעם אנדערען. מען פאראייניקט זיך נאר וועגען דעם פרייז. ווער עס וויל פאלגט דעם באשלוס. אויב איינער מיינט, אז ער קען מאכען בעסערע געשעפטען, ווען ער זאל ארונטעררייסען דעם פרייז. ברעכט ער דעם באשלוס. מען מוז איינער דעם אנדערען גלויבען אפ'ן ווארט, ווייל אזעלכע פאראייניקונגען ווערען באטראכט אלס אונגעזעצליך און מען קען ניט אנגעבען אין קאורט צו צווינגען איינעם האלטען דעם באשלוס. דערפאר האלטען זיך אזעלכע פאראייניקונגען ניט לאנג אן.

עפעס א שטארקערע פארמע פון ארגאניזאציע איז א „פול“. א געוויסע צאל אונטערנעמער מאכען אפ צווישען זיך, אז א געוויסער פראצענט פון פארדינסט מוז ווערען איינגעלייגט אין זייער חברה'שע קאסע, צום סוף יאר ווערט די געלט צוטיילט צווישען זיך אין פראפארציע צו די געשעפטען, וואס יעדער האט געמאכט. דא בלייבט נאך אלץ יעדער א פולער בעל הבית איבער זיין געשעפט ווי בעפאר. ער ארבייט אויס אין זיין פאבריק וויפיל ער וויל און פארקויפט וואו און וועמען ער וויל. דא אבער האט שוין יעדער א שטיקעל אינטערעס אין דעם, אז דער אנדערער זאל אויך מאכען

גוטע געשעפטען, כדי יעדען איינעם זאל אנקומען מער אף זיין חלק. אף דעם אופן זוכט מען צו צווינגען יעדען איינעם צו האלטען איין פרייז. אזעלכע „פולס“ אבער האלטען זיך אויך ניט איין. אז איינער רעכענט אויס, אז אויב ער זאל האנדלען געגען די אנדערע חברים קען ער מאכען מער ווי עס קען אויסקומען אף זיין חלק פון דער קאסע, דאן לאזט ער ארונטער דעם פרייז און זוכט דורך דעם צו פארכאפען די קונדען פון יענע, וואס האלטען דעם אפמאך. האנדעלשאפט איז ניט קיין ברודערשאפט!

נאך א שריט ווייטער, צוטיילט מען דעם מארק אף קרייזען: איינער באקומט למשל ניו־יארק, דער אנדערער פילאדעלפיע, דער דריטער שיקאגא, א. אז. וו. קיינער טאר נים פארקויפען אין א פרעמ־דען קרייז. דאס איז די ערסטע אמת'ע פראבע, צו רעגולירען די פראדוקציאן און אויך דעם פארקויף פון די פראדוקטען. ניט אלע מאל איז דאס אבער מעגלאך. נעמט, למשל, די פאבריקאציע פון פרויען־קליידער (דער קלאוק טרעיד), וועלכער איז כמעט אין גאנ־צען קאנצענטרירט אין ניו־יארק. פון גאנץ אמעריקע קומען קונים אין ניו־יארק איינקויפען קלאוקס. אין אזעלכע פעלע איז אונמעגלאך אפצוטיילען יעדען איינעם א באזונדערען קרייז, דאן מאכט מען אפ צווישען זיך וויפיל יעדער איינער מעג אויסארבייטען.

אנדערע באקומען אפטרעט־געלט, מיט דעם תנאי, אז זיי זא־לען האלטען זייערע פאבריקען געשלאסען. געוועהנטלאך זיינען דאס די קלענערע פאבריקען מיט די אלטמאדישע מאשינערי.

אין דעם פאל האבען מיר שוין א שטיקעל געזעלשאפטליכע באשטימונג, ניט נאר וויפיל יעדער קען אויסארבייטען און פאר־קויפען, אבער אויך אף וועלכען אופן די ארבייט קען געפירט ווע־רען. דאך בלייבט יעדער געשעפט עקסיסטירען ווי פריהער; אזוי לאנג ווי דער אפמאך ווערט אנגעהאלטען, מעג זיך אפילע אויסווייזען, אז קאנקורענציע איז טויט, אבער זי דרעמעלט נאר, זי קען זיך אופכאפען יעדע מינוט, ווען די פאראייניקונג זאל געהען צו גרונד. כל־זמן דער פאבריקאנט האנדעלט אליין מיט זיינע קונדען, איז קאנקורענציע אימער מעגלאך.

צו מאכען א סוף צו קאנקורענציע איז נויטיק אפצוזונדערען דעם פאבריקאנט פון די קונדען. צו דעם צוועק גרינדעט מען א „ווערהאוז“ (א סקלאד), מען שטעלט אן א פארוואלטער אין ווער־

האוז און מען מאַכט אָפּ, אז יעדער פאבריקאנט מוז דארט לי־פערען אַלין אַף קאָמיסיע, וואָס ער ארבייט אוים. אין אזא אָרגאַניזאציע איז קאָנקורענציע אין גאנצען אָפּגעשאַפט. די אָרגאַניזאציע באַשטימט וויפיל יעדער מעג אויסארבייטען. די אָרגאַניזאציע באַשטימט דעם פרייז, די פאַבריק ווערט אין גאַנצען אָפּגעזונדערט פון מארק.

די אַלע סאָרטען פאראייניקונגען עקסיסטירען אויך אין אייראָפּע. אין דייטשלאַנד הייסט עס „קארטעל“, אין פראנקרייך און אין רוסלאַנד „סינדיקאט“, די העכסטע שטופע פון א „קארטעל“ איז די יעניקע וואו דער האנדעל איז צענטראַליזירט אונטער איין פארוואַלטונג. דער „קארטעל“ אָבער קאָנטראָלירט נאָר דעם האנדעל, ווייטער ניט, ווייל די פאבריקען בלייבען נאָך אימער איז די הענט פון די אייגענטימער. אָן אמת׳ער אמעריקאנער „טראַסט“ געהט א שריט ווייטער. ער זאָגט דעם איינצעלנעם פאַבריקאנט: „לך לך“.

דער ערסטער מאָדעל פון א טראַסט איז דער סטענדאַרד אויל טראַסט. אין 1882 זיינען זיך צוזאמענגעקומען די גרעסטע פאַבריקאַנטען פון קאראסין, געזאַלין א. אז. וו. און מען האָט אָפּגעמאַכט צו פאראייניקען אַלע פאבריקען אונטער איין פארוואַלטונג. מען האָט אָבער ניט געטרויט איינער דעם אַנדערען, האָט מען אויסגעקליבען א באַשטימטע צאָל טראַסטים (פארטרויענס־מענער) און מען האָט אַף זיי איבערגעשריבען דעם קאפּיטאל פון יעדער פאבריק. די טראַכטס האָבען ארויסגעגעבען יעדען אקציאָנער א „טראַסט סערטיפיקעט“(שטר) אַף זיין חלק קאפּיטאל. אַף דעם אופן זיינען די טראַסטס געוואָרען די גאנצע בעלי בתים איבער אַלע פאַבריקען. זעלבסטפארשטענדלאַך, נאָר אַלס טראַסטים, ד. ה. פאר די נוצען פון די וואָס האָבען פון זיי באקומען סערטיפיקעטס. יעדער איינער וואָס האָט געהאט א סערטיפיקעט איז בארעכטיקט געווען צו אַ חלק פון דעם פּראָפיט אין דעם געשעפט, אָבער אין דער געשעפטס־פירונג האָט ער שוין קיין דעה ניט געהאט. אַף׳ן פּאַפּיר האָט מען די פריהעריקע קאָרפּאָרעישאָנס געלאָזט עקזיסטירען ווייטער, כדי אויב עס וועט צוגעהן שלעכט, זאָל מען קענען אָפּמעקען דעם אָפּמאַך און נעמען זיך צוריק פאבריצירען אפ׳ן אַלטען אופן. אָבער עס איז ניט געקומען דערצו.

די סטענדארד אויל קאמפאני האט געמאכט גלענצענדע גע־שעפטען. באלד האבען זיך געגרינדעט נאך עטלאכע טראסטס אף דעם זעלבען פלאן. דער מיטעלקלאס האט זיך איבערגעשראקען און גענומען אגיטירען געגען מאנאפאל. עס איז זיי געלונגען דורכצו־פירען א גאנצע רייהע געזעצען אין קאנגרעס און אין די פארשידענע שטאטען, וועלכע האבען ערקלערט אלע אזעלכע „טראסטס" פאר אונגעזעצלאך. דער רעזולטאט דערפון איז געווען, אז די טראסטען האבען זיך רעארגאניזירט: אנשטאט יעדען טראסט, וועלכער איז געווען א פאראייניקונג פון עטלאכע קארפארעישאנס, האט זיך גע־גרינדעט איין קארפארעישאן, וועלכע האט אפגעקויפט דעם גאנצען אייגענס פון יעדער קארפארעישאן, די פאבריקען מיט די געשעפטען אלין צוזאמען. דער געזעץ פארווערט קיינעם ניט צו גרינדען א קארפארעישאן מיט 50 אדער מיט 100 מיליאן דאלאר; דער געזעץ פארווערט ניט קיין קארפארעישאן אויסצוקויפען דעם אייגענס פון אנדערע, אדער צו קויפען „שערס" (חלקים) אין אנדערע קאר־פארעישאנס. קורץ גערעט, דער געזעץ האט ביז 1913 ניט פאר־ווערט, אז אלע פאבריקען פון א געוויסער וואדע, דער גאנצער גע־שעפט זאל זיין פאראייניקט אין איין איינציקע קארפארעישאן. און דאס האט טאקע פאסירט.

מיר זעהען אלזא, אז די געזעצען וואס דער מיטעלקלאס האט דורכגעפירט צו באקעמפפען מאנאפאלען האבען געהאט נאר איין רעזולטאט. זיי האבען גיכער געבראכט די פארשמעלצונג פון יעדער אינדוסטרי אין איין מאנאפאליסטישע ארגאניזאציע.

בלשון בירזשע רופט מען עס היינט „קאנסאלידעישאן". די קאנסאלידאציע האט זיך אנגעפאנגען באלד נאך 1890, און דער קאנגרעס האט ארויסגעגעבען א געזעץ געגען טראסטס. ביז 1898 איז זי אבער געגאנגען פאמעלאך. פון 1898, דאס הייסט באלד נאך דעם ווי מעקינלי איז געווארען פרעזידענט, האט זיך אנגעפאנגען א גאנצער יריד. פון דעם 1טען יאנואר 1898 ביז דעם 1טען יאנו־אר 1901 האבען זיך געגרינדעט צוויי מאל אזוי פיל קאנסאלידא־ציעס, ווי אין דער גאנצער צייט פאר 1898.

וויפיל עס באטרעפט דער קאפיטאל פון די קאנסאלידירטע טראסט קען מען געגוי ניט וויסען. עס זיינען דא עטלאכע חשבונות, עס ווענדעט זיך אבער אן דעם, וואס מען באטראכט פאר א טראסט.

דער צענזוס פון 1900 האט גערעכענט ס"ה 183 טראסטס מיט א קאפיטאל אין ערך פון 3,000,000,000 דאלאר.

אין דערין זיינען אבער ניט איינגערעכענט גאז־קאמפאניעס און נאך פארשידענע אנדערע. לויט דעם חשבון פון אנדערע ספע־ציאליסטען אין דער זעלבער צייט, האט דער קאפיטאל פון אלע טראסטס באטראפען איבער 9,000,000,000 דאלאר. אין דער צי־פער זיינען נאר אריין קאנסאלידירטע טראסטס. אזעלכע אבער וואס ווערען באצייכענט אין דייטשלאנד מיט דעם נאמען „קארטעל" זיי־נען אין קיין חשבון ניט אריינגערעכנט.

א חוץ דעם אבער איז יעדע אייזענבאן פאקטיש אויך א מאנא־פאל. דער קאפיטאל פון אלע אייזענבאנען האט אין דער זעלבער צייט אויסגעמאכט איבער 11,500,000,000 דאלאר. אלזא אלעם צו־זאמען האבען אלע מאאפאליסטישע אונטערנעמונגען געהאט א קא־פיטאל פון 14,000,000,000 ביז 21,500,000,000 דאלאר, א חוץ די קארטעלען.

דיזער קאפיטאל איז אבער געווען וויניקסטענס א העלפט „וואסער". אין יעדער קאמפאניע ווערט דער קאפיטאל איינגעטיילט אין „פריפוירד סטאק", „קאממאן סטאק" און „באנדס". א באנד איז אן הלואה, אף וועלכע די קאמפאניע צאלט צינזען. דער פרי־פוירד סטאק איז אזא חלק קאפיטאל, אף וועלכען די קאמפאניע גא־ראנטירט א געוויסען פראצענט פראפיט אדער דיווידענדען. גע־וועהנטלאך פון 6 ביז 7 פראצענט, אויב דער געשעפט וועט טראגען. דער פראצענט מוז אויסגעצאלט ווערען פון די ערסטע פראפיטען. אז עס קלעקט ניט איין יאר ווערט עס ארופגערעכענט אף דעם נעקסטען יאר. אזוי לאנג ווי מען איז הינטערשטעלינג אין די פרא־צענטען וואס עס קומט אף די פריפוירד סטאק, קען די קאממאן סטאק ניט באקומען קיין „דיווידענד". מען קען פארשטעהן, אז אונטער אזעלכע באדינגונגען איז דער ווערט פון דעם קאממאן סטאק נאר באגרינדעט אף ספעקולאציע.

אין דער ווירקלאכקייט ווערט דער עסק געמאכט אזוי: בשעת דער געשעפט ווערט קאנסאלידירט, שאצט מען אפ יעדען געשעפט וואס ער איז ווערט, מען זשאלעוועט ניט אין אפשאצען אן איבע־ריקען מיליאן דאלאר, ווייל מען צאלט ניט מיט געלט. יעדער פאבריקאנט באקומט באצאלט מיט פאפירלאך — פריפוירד סטאק

פון דער פאראייניקטער קאמפאניע. א חוץ דעם שיינקט מען יעדען נאך א מאל אזוי פיל קאממאן סטאק. דער קאממאן סטאק איז אל־זא ניט מער ווי „וואסער“. עס טרעפען זיך קאמפאניעס, וואס ניט מער ווי א פינפט־חלק פון זייער קאפיטאל איז ראיעל. נאך דעם צענזוס נאך, איז אונגעפער די העלפט פון דעם קאפיטאל ראיעל, די איבעריגע איז „וואסער“.

די ריכטיקע מאס מיט וועלכע מען קען מעסטען דעם ווערט פון יעדען קאפיטאל, איז דער קורס אף דער בירזשע. צווישען די קאמפאניעס זיינען פאראן אזעלכע, ווי די „סטענדארד אויל קאמ־פאניע“, פון וועלכער מען קען ניט קויפען אן „אקציע“ (שער) אונ־טער אכט הונדערט דאלאר. (דער געדרוקטער פרייז אף דער אקציע איז הונדערט דאלאר). עס זיינען אבער אויך דא אנדערע טראסטס, וועמעס א הונדערט־דאלארדיקע אקציע מען קען קויפען פאר 4 דא־לאר. דורכשניטלאך האלט דער קורס פון פריפוירד סטאק אן ערך 70 פראצענט, און קאממאן סטאק איבער 40 פראצענט; ביידע צו־זאמען — אן ערך 50 פראצענט.

2.

די אייזענבאנען און די טראסטס.

די ערסטע גרויסע קאמפאניעס מיט מיליאנען דאלאר קאפי־טאל, שטאמען פון די אייזענבאנען. איידער מען האט זיך גענומען בויען אייזענבאנען, האט מען אין אמעריקע פון קיין מיליאנערען ניט געוואוסט, אבער אף צו בויען אן אייזענבאן פאדערט זיך מיליא־נען קאפיטאל. קיין איינציקער קאפיטאליסט האט דאס אין יענע צייטען מיט זיינע אייגענע מיטלען ניט געקענט אויספירען, איז מען געפאלען אף א פלאן צונויפלייגען זיך און גרינדען קאמפאניעס אף „שערס“ (חלקים, אקציעס). אזוי זיינען געבארען געווארען אין דער וועלט די ערסטע מיליאנען געשעפטען. שפעטער זיינען די אייזענ־באנען אויך געוועזן די ערסטע, פון וועלכע עס האט זיך אנגעהייבען די ענטוויקלונג פון מאנאפאליע.

פון אנהויב האט מען דא באטראכט אן אייזענבאן, אזוי ווי יעדען אנדערען געשעפט. עס האבען זיך געגרינדעט קליינע קאמפא־

ניעס אַן אַ שיעור, און מען האָט געבויט קורצע ליניעס. באַלד האָבען זיי זיך אָבער אָנגעהייבען צו פאַראייניקען אין גרעסערע געשעפטען. דאָך זיינען באַשטאַנען און זיינען געבליבען עד היום פילע באַנען, וואָס פאַרבינדען די זעלביקע פּונקטען און קענען אונטער זיך קאָנקורירען.

צו פאַרמיידען אָט די קאָנקורענץ איז שוין זייט צענדליקע יאָרען אָן אויפגאַבע, איבער וועלכע עס ברעכען זיך די קעפּ די אייזענבאַן־קעניגע. דער געזעץ ערלויבט צו פאַראייניקען אַזעלכע באַנען, וואָס שטעלען צוזאַמען איין דירעקטע ליניע; צום ביישפּיל, מען מעג פאַראייניקען אַ ליניע, וואָס געהט פון ניו־יאָרק קיין באַפאַלאָ מיט אַנאַנדערער, וואָס געהט פון באַפאַלאָ קיין שיקאַגאָ. אָבער מען טאָר ניט קאָנסאָלידירען צוויי ליניעס, וואָס געהען ביידע פון ניו־יאָרק קיין שיקאַגאָ. מען וויל דוקא אויפהאַלטען קאָנקורענץ. עס לאָזט זיך אָבער ניט. אַף פאַרשידענע וועגען פּראָבירען די בעלי הבתים פון די אייזענבאַנען אָפּצושאַפען, אָדער ווייניקסטענס צו באַשריינקען די קאָנקורענץ. ווי ווייט דער געזעץ ערלויבט, האָט די קאָנסאָלידאַציע פון אייזענבאַן קאָמפּאַניעס געמאַכט גרויסע פאָרטשריטע: אין 1881 זיינען צוויי דריטעל פון אַלע ליניעס געווען קירצער ווי טויזענט מייל און סך הכל איין דריטעל לענגער ווי טויזענט מייל. אין 1901 זיינען שוין כמעט צוויי דריטעל געווען לענגער ווי טויזענט מייל און עפּעס מער ווי איין דריטעל קירצער ווי טויזענט מייל. פון 1891 ביז 1901 האָט מען ווייניק אַזוינע באַנען געבויט: אין גאַנצען איז צוגעקומען 18,000 מייל. צו דער זעלבער צייט איז צו די גרויסע באַנען (לענגער ווי טויזענט מייל) צוגעקומען אַן ערך 20,000 מייל. פון די נייע באַנען זיינען אַן ערך 5,000 מייל געווען קורצע ליניעס, אַלזאָ זיינען צו דעם גרעסערען קלאַס צוגעקומען ניט מער ווי 13,000 מייל נייע ליניעס, די איבעריקע 7,000 זיינען צוגעקומען דורך פאַרשמעלצונג פון קלענערע ליניעס.

אָבער דאָס איז נאָך אַלץ גאָרנישט. דער געזעץ ערלויבט ניט צו פאַרשמעלצען פאַרשידענע קאָמפּאַניעס, אָבער קיינעם איז ניט פאַרווערט צו קויפען די שערס פון פאַרשידענע קאָמפּאַניעס. און אַזוי האָבען זיך די אייזענבאַן מאַגנאַטען געגעבען אַן עצה; די סופּרים־קאָורט פון די פאַראייניקטע שטאַטען זאָגט, אַז מען טאָר ניט

מאכען קיין אסאסיעישאן צו רעגולירען דעם פרייז פון פראכט, — גאנץ שעהן: אבער די זעלביקע פריוואט פערזאנען מעגען דאך אנקויפען די מערצאל פון שערס פון יעדער קאמפאני און אויסקלייבען די זעלביקע דירעקטארען פאר אלע קאמפאניעס. נו, אז די זעלבע פערזאן איז א דירעקטאר אין זעקס אייזענבאנען, קען מען שוין ווי עס איז דורכקומען מיט דעם פרייז, אז ער זאל איבעראל זיין דער זעלבער. היינט צו־טאג זיינען דורך דיזע מעטאדע דרייפערטעל פון דער גאנצער לענג פון אלע אייזענבאנען פאראייניקט אין עטלאכע „סיסטעמס“. אונטער פרעזידענט ווילבאנס אדמיניסטראציע האט דער קאנגרעס געמאכט א נייעם געזעץ, וואס ערלויבט ניט דעם זעלביקען מענטש צו זיין א דירעקטאר אין עטלאכע קארפארעישאנס. דאס איז אבער א קאלטע רפואה, ווייל דערמיט איז נאר פארמערט געווארען די צאל „דאמי־דירעקטארס“, דאס הייסט קליינע בעאמטע, וואס מען מאכט פאר כלומר׳שט־דירעקטארס און מען הייסט זיי שטימען אזוי ווי די אמת׳ע בעלי־בתים דיקטירען זיי.

ווייטער, צווישען די סיסטעמס באשטעהען „אפמאכען פון עהרען־מענער“ (דזשענטעלמענס אגרימענטס), וועלכע מען האלט ביז וואנען עס לאהנט צו זיין א פיינער מאן. אמת, דער יצר הרע איז אפטמאל צו גרויס אפילע פאר א פיינעם מאן. די פראקטיקע אבער האט שוין מיט יארען צוריק געבראכט די אייזענבאן־מאכערס צו דער איבערצייגונג, אז „וואו פאראייניקונג איז מעגלאך, דארטען איז קאנקורענציע אונמעגלאך“, און דעריבער הערט מען שוין אין די לעצטע יארען מער ניט פון אייזענבאן־מלחמות, ווי אין אמאליקע צייטען.

די אייזענבאנען זיינען היינט צו טאג די גרעסטע מאכט אין דער קאפיטאליסטישער וועלט. אייזענבאנען האבען אויסגעבויט גרויסע שטעט מיט הונדערטער טויזענטער איינוואהנער, און אייזענבאנען האבען רואינירט אנדערע שטעט. דער פרייז פון פראכט שפילט א הויפט ראלע אין דעם פרייז פון יעדער סחורה. ווען די אייזענבאן לאזט אראפ דעם פרייז פון פראכט פאר איין קונד און שלאגט ארויף פאר אן אנדערען, טו ווערט דער לעצטער רואינירט און יענער פארכאפט דעם גאנצען מסחר.

דאָס איז דער פונדאמענט, אויף וועלכען דער סטענדארט אויל טראַסט האָט אויפגעבויט זיין אונגעהויערע מאכט. נאָך מיט א יאָר צען פריהער, פאר דעם ווי עס האָט זיך געגרינדעט דער טראַסט, האָט ראקעפעלער מיט נאָך א פּאָר פון זיין חברה געמאכט קאָנט־ראַקטען מיט די אייזענבאנען, דורך וועלכע די באַנען האָבען זיך פארפליכטעט צו פירען קאראסינע פאר יענע חברה פאר א נידע־ריקערען פּרייז, איידער פאר זייערע קאָנקורענטען. א חוץ דעם זיי־נען די חברה בארעכטיקט געווען צו דעם גאַנצען אונטערשיד, וואָס די באַן פלעגט מאכען אָן זייערע קאָנקורענטען. דער קאָנטראקט איז געמאכט געוואָרען אים נאָמען פון א קאָמפּאניע, וועלכע איז גע־גרינדעט געוואָרען בכיון פאר דעם צוועק. באלד נאָך דעם ווי מען האָט געמאַכט דעם קאָנטראקט, האָבען די אייזענבאנען געהעכערט דעם פּרייז אויף פראכט פון $1.25 א פאס ביז $2.84 פאר אלעמען, חוץ יענע קאָמפּאניע, דורך דעם האָט זי אַלזא געשפּאָרט $1.59 פארדינסט פון יעדע פאס, וואָס אירע קאָנקורענטען האָבען גע־בראכט אין ניו־יאָרק. דאָס הייסט, ראקעפעללערס קאָמפּאניע האָט געקענט פארקויפען מיט מער, ווי $3.00 ביליקער פאר אירע קאָנקו־רענטען און נאָך דערביי פארדינען! מען פלעגט אירע קאָנקורענטען גאָר ניט געבען קיין וואַגאָנעס, אָדער מען פלעגט בכיון פאר־האלטען זייערע פעסלאַך אויף דער אייזענבאן, זיי זאָלען פארשפעטיקען אויף׳ן מארק, און נאָך טויזענט אַנדערע נידערטרעכ־טיקע שטיק. אזוי איז אופגעבוים געוואָרען די מאכט פון דעם „סטענדערד אויל טראַסט“. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען מיט דעם פלייש טראַסט און נאָך פילע אַנדערע.

אין 1888 איז דערוויזען געוואָרען דורך עדות פאר א קאָמיטע פון סענאט, אז די אייזענבאנען פלעגען אויסצאָלען אויף אזא אופן פון 50,000,000 ביז 100,000,000 דאָלאר צו פארשידענע טראַסטס אין א יאָר.

עס איז לייכט צו פארשטעהן וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזען פון זייערע קאָנקרוענטען.

אין פּענסילווייניא האָבען די אייזענבאנען אליין אפגעקויפט כמעט אלע קוילען־גרובען. מען האָט דאָס אויסגעפירט אויף דעם פאָלגענדען וועג: די אייזענבאנען פלעגען ניט געבען קיין וואַגאָ־נעס אויף ארויסצופירען די קוילען, אָדער מען פלעגט פארהאלטען די קוילען אויף ערגעץ א סטאַנציע ביז וואנען עס איז געווען צו

שפעט צו ליפערען. אזוי זיינען מערערע קאמפּאניעס רואינירט גע־ווארען און די אייזענבאנען האבען אפּגעקויפט זייערע קוילען־גרו־בען בחנם.

א קאפּיטאליסט, ווען מען גרייפט אן זיין קעשענע, שווייגט נים. עס האט זיך אופגעהויבען אן אונגעהייערע אגיטאציע געגען טראסטס און אייזענבאנען, און מען האט אויסגעפירט, אז דער קאנגרעס, און איינצעלנע שטאטען האבען געמאכט געזעצע געגען טראסטס, עס איז פארבאטען געווארען די אייזענבאנען צו מאכען אן אונטערשיד אין דעם פרייז פאר פראכט צווישען פארשידענע קונדען. דער קאנגרעס האט אופגעשטעלט א שטענדיקע קאמיסיע, די „אינטערסטעיט קאמערס קאמישאן", וועלכע האט געדארפט אכ־טונג געבען, אז עס זאל זיין איין פרייז אף די אייזעבאנען פאר אלעמען. א צייט מיט יארען איז דער געזעץ געבליבען נאר אפּ'ן פאפּיר. אין דער פּראקטיקע האבען די אייזענבאנען געהאלפען די טראסטס, ווי פאר דעם געזעץ, שפּעטער איז די מאכט פון דער אינטערסטעיט קאמערס קאמישאן פארשטארקט געווארען. דער־ווייליע אבער האבען זיך די גרעסטע טראסטס פארזארגט מיט איי־גענע אייזענבאנען. ווען דער שטאל טראסט, צום ביישפּיל, זאל רע־כענען פאר זיינע אייגענע אייזען דעם זעלבען פרייז פאר פראכט ווי פאר פרעמדע, טו געהט עס נאר פון איין קעשענע אין די אנדערע. זייערע קאנקורענטען אבער מוזען צאלען מזומן. דאס באווייזט, אז ווען מען זאל זיך אפילע ערנסט נעמען צו די אייזענבאנען, מא קען מען מיט יענע טראסטס, וואס האבען זייערע אייגענע באנען גאר נישט אויספירען. עס לאזט זיך אלזא אוים פון די געזעצע געגען טראסטס א תכלית פאר די יעניקע פון זיי, וואס זיינען שטאר־קער צענטראליזירט.

3.

טראסטס און פרייזען.

ווען איר לייענט די אמעריקאנער ליטעראטור וועגען טראסטס, געפינט איר, אז הגם, קיינער חוץ די טראסט־קעניגע צווייפלען נים, אז יעדער סטארעט זיך צו פארכאפּען א מאנאפּאליע אין מארק,

איז נאָך פאַראַן אַ מיינונג, אַז קיין טראַסט קען דאָס ניט אויס־פירען, אַז קיין פאָלקאָמענע מאָנאָפּאָליע איז ניטאָ און קען גאָר ניט זיין. פון איין זייט באַהויפּטען אַזוי די טראַסט־מאַגנאַטען, וועל־כע ווילען פאַררעדען די צעהנער דעם עולם; פון דער אַנדער זייט אָבער באַהויפּטען דאָס זעלבע די קאַפּיטאַליסטישע געגנער פון די טראַסטס, וועלכע ווילען דורכאויס באַווייזען, אַז דער קליינער קאַ־פּיטאַליסט קען קאָנקורירען מיט דעם טראַסט. עס איז אַפּילע ניט גאַנץ לאָגיש צו שרייען „קאַראַול! ראַטעוועט!“ און צו דער זעל־בער צייט לייקענען, אַז דער טראַסט איז שטאַרקער פאַר זיינע קאָנ־קורענטען, אָבער יעדער אַרגומענט ווערט געברויכט ביי אַ באַזונ־דערער געלעגענהייט און דערפאַר איז דער ווידערשפּרוך ניט אַזוי קענטיק. ווען עס קומט צו רייד, אַז מען דאַרף באַשרענקען די מאַכט פון די טראַסטס, שרייען זיינע קאָנקורענטען: „גוואַלט, האָט רחמנות, די גזלנים האָבען דאָך אין גאַנצען גע׳הרג׳עט די קאָנקו־רענציע!“ ווען מען ענטפערט אויף דעם: „אויב די קאָנקורענציע איז שוין גע׳הרג׳עט, טו ווי אַזוי קען מען איר ווייטער לעבעדיק מאַ־כען?“ האָפּען זיי זיך גלייך צוריק: „סטייטש, ווער זאָגט עס, אַז די קאָנקורענציע איז שוין דער׳הרג׳עט? זיי האָבען שוין גע׳הרג׳עט די קאָנקורענציע? ניט דערלעבען זאָלען זיי. קאָנקורענציע קען מען ניט אויסראָטען!“ אויף דעם זאָגט דער טראַסט־מאַגנאַט: „אמן! די קאָנקורענציע קען מען ניט אויסראָטען! קאָנקורענציע וועט אי־מער עקזיסטירען“. און, נאַטירליך, ער לאַכט זיך גוט אויס פון דער קאָמעדיע.

ווי שטעהט די זאַך אין דער אמת׳ן? עס איז טאַקע ריכטיק, אַז ביז אַהער איז נאָך קיין טראַסט ניט געלונגען צו פאַרכאַפּען דעם גאַנצען מאַרק, אַפּילע דער סטאַנדאַרט אויל קאָמפּאַניע אויך ניט. אָבער דאָס הייסט ניט, אַז עס איז ניטאָ קיין מאָנאָפּאָליע. כדי עס זאָל עקזיסטירען אַ מאָנאָפּאָליע איז גאָר ניט נויטיק, אַז אַ טראַסט זאָל האָבען פאַרטריבען זיינע קאָנקורענטען פון יעדען ווינקעלע, עס איז גענוג אריינצוכאַפּען אַן ערך 75 פּראָצענט פון דעם מאַרק, דע־מאָלט קען ער שוין באַשטימען דעם פּרייז. און אַזוי ווייט האָט שוין כמעט יעדער טראַסט געבראַכט. געוועהנטלאָך ווערט עס גע־מאַכט אַזוי: ווען עס יאַוועט זיך ערגעץ וואו אַ קאָנקורענט, וואָס איז אימשטאַנד צו ליפערען אַזוי פיל ווי אַ געוויסער געגענט קען פאַרברויכען, לאָזט דער טראַסט אַראָפּ דעם פּרייז אין יענעם גע־

גענט. ווען מען דאַרף אפילו עפּעס דאַרטען צולעגען, בלייבט דאָך אַנדערס־וואו דער פּרייז דער אַלטער, און דער פאַרדינסט טראַגט גענוג צו דעקען דעם פאַרלוסט. מיט דעם קאָנקורענט פון טראַסט איז אָבער אַנדערש: ער ווערט אָן דעם גאַנצען רוח און האָט ניט פון וואַנען גוט צו מאַכען זיין היזק. סוף כל סוף מוז ער אָפּטרעטען.

נאַטירלאָך, ווען דער קאָנקורענט פון טראַסט וואָלט געקענט ברענגען זיין סחורה אין יעדען מאַרק, וואָלט דער טראַסט געצוואונגען געווען אַראָפּצולאָזען דעם פּרייז אומעטום און זיין פאַרלוסט וואָלט געווען נאָך גרעסער איידער דער פאַרלוסט פון זיינע קאָנקורענטען. ניט ריידענדיק שוין אָבער פון געלט, דאַרף עס געוועהנטלאָך נעמען אַ פּאָר יאָר צייט, איידער דער „אונאָפּהענגיקער קאַפּיטאַליסט“ וועט זיין אימשטאַנד צו ליפערען גענוג פאַר׳ן מאַרק, מען זאָל קענען אויסקומען אָן דעם טראַסט. דערווייל איז דער קונה געצוואונגען צו קויפען ביי דעם טראַסט. דער קונה ווייס עס און דער טראַסט ווייס עס אויך, און דערפאַר קען ער אין אַזאַ פאַל רוהיק רעכענען דעם אַלטען פּרייז, און ניט נאָר דאָס, ער קען אפילו פאַרווערען זיינע קונים, זיי זאָלען ניט וואַגען צו קויפען ביי זיינע קאָנקורענטען. אַזוי האָט דער טאַבאַק טראַסט און פילע אַנדערע געטאָן. די קונים זיינען געצוואונגען צו קויפען ביים טראַסט, הגם זיי וואָלטען געקענט קריגען אַביסעל וואַרע אַנדערס־וואו צו ביליקערע פּרייזען.

אף דעם זיינען די געגנער פון די טראַסטס שטאַרק בייז. די טראַסט־מאַגנאַטען לייקענען דאָס געוועהנטלאָך גאָר אָפּ: „זיי זאָלען טאָן אַזאַ עולה? ווי קענט איר דאָס גאָר גלויבען? מען קען נאַטירלאָך ניט עורב זיין פאַר יעדען מענטשען אין אָפּיס: אפשר האָט אימעצער פון די משרתים זיך יע ערלויבט אַזאַ זאַך צו טאָן, אָבער אויב יע, האָט ער עס געטאָן אָן דעם וויסען פון די דירעקטאָרס פון דעם טראַסט“.

איין איינציקער עדות פאַר דעם אינדאַסטריאַל קאָמישאַן, וואָס פּרעזידענט מאַק־קינלי האָט אָנגעשטעלט אין 1899 האָט געהאַט דעם מוט אַרויסצוריידען דעם אמת, דאָס איז געווען האַוועמייער, דער פּרעזידענט פון דעם צוקער טראַסט. אַז מען האָט עס געפּרעגט צי דער סאָרט קאָנקורענץ איז אין הסכם מיט דער סוחר׳שער מאַראַל, האָט ער געענטפערט: „איך וועל קיין צוויי פּענים ניט

נעבען פאר אייער מאראל, איך ווייס ניט ווי מיט איר אומצוגעהן זיך".

מען מוז נאך נעמען אין אנבאטראכט, אז פילע פון די קונים פון די טראסטס זיינען געשעפטס־לייט, וואס קויפען איין די וואַ־רע אום זי צו פארקויפען. ווען דער טראַכט העכערט זיי דעם פרייז, העכערען זיי דעם פרייז פאר זייערע קויפערס (צום ביישפיל אף פלייש). פאר זיי איז דערפאר פיל וויכטיקער צו באקומען די וואַרע צוגעשטעלט אין צייט, איידער אפצושפארען א סענט פאר'ן קונה. נאטירלאך, לוינט זיך פאר זיי ניט איינצורייסען מיט דעם טראסט, כל זמן זיי זיינען ניט זיכער, אז דער קאנקורענט וועט אימשטאנד זיין אויסצושטעהן געגען דעם טראסט.

די יעניקע, וואס עס ווילט זיך זיי ניט אנדערש אויסצופירען, אז די קאנקורענץ מוז אייביק באשטעהן, האבען אף דעם א תירוץ, דער פרייז, זאגען זיי, ווערט אימער רעגולירט דורך קאנקורענץ, אפילע ווען עס איז פאראן נאר איין סוחר אין מארק. ווי אזוי? דער ענטפער איז, אז עס ווייזט זיך נאר אויס, אז עס איז כלומרשט ניטא קיין קאנקורענציע: עס זיינען אימער פאראן פרייע קאפיטא־לען, וואס ליגען אין די באנקען און ווארטען נאר אף א געלעגענהייט: זאל נאר א טראסט פרובירען צו העכערען דעם פרייז איבער דער געוועהנטלאכער מאס, וועלען באלד ווערען נייע פאבריקען און עס וועט ווערען קאנקורענציע!

דער אמת איז, אז עס רעט זיך נאר אזוי גיך, מיט היינטיקע מאשינערי מוז עס נעמען א פאר יאר איידער די נייע פאבריקען קענען איינגעארדערט ווערען, און דאן וועט דער טראסט אראפלא־זען דעם פרייז. אלזא וועט דער נייער קאנקורענט ניט פראפיטירען פון העכערע פרייזען. יעדער קאפיטאליסט ווייס דאס און דערפאר איז די מעגלאכקייט פון קאנקורענציע אין אזא פאל ניט מער ווי א חלום.

אט אזוי קומט אויס, אז ווען א טראסט פארכאפט אונגעפער 75 פראצענט פון מארק, קען ער שטעלען דעם פרייז אזוי הויך, ווי עס לוינט זיך עס אמבעסטען. אמאל קומט אויס, אז עס לוינט זיך אפילע אראפצולאזען דעם פרייז און מאכען א קלענערען פראפיט אף יעדען פונט, ווען מען קען דורך דעם מער לייזען און מער פארדינען. יעדענפאלס העננט עס אפ אין גאנצען פון דעם טראסט

אליין, פון זיינע אייגענע חשבונות. וואס פאר א ווירקונג האט עס אף די פרייזען? אין 1899 האט די סיוויק פעדערעישאן פון שי־קאגא ארויסגעשיקט בריף צו פארשידענע געשעפטס־לייט, אום אויסצוגעפינען די ריכטיקייט וועגען דעם איינפלוס פון די טראסטס אף די פרייזען. עס זיינען אנגעקומען אן ערך 500 ענטפערס. 450 ארטיקלען זיינען געשטיגען אין פרייז און סך הכל 25 זיינען גע־פאלען. די אנטי־טראסט־ליג האט געמאכט אן ענלאכע אונטערזו־כונג צו דערזעלבער צייט אין ניו־יארק. זי האט ארויסגעשיקט איר רעפארטער צו האלסעילערס אויסצוגעפינען די פרייזען פון אלערליי ארטיקלען פאר דעם און נאך דעם ווי עס האט זיך געגרינדעט א טראסט. דער רעפארטער האט ניט געפונען קיין איינציקען פאל, וואו דער פרייז זאל האבען געפאלען. אין גאנצען האט ער גע־בראכט ענטפערס איבער 165 ארטיקלען און פון זיי זיינען מער ווי העלפט געשטיגען אין פרייז 25% און העכער. עס זיינען גע־ווען 13 ארטיקלען, וואס זיינען געשטיגען מער ווי דאפעלט.

אף אזעלכע פאקטען ענטפערט יעדער מאנאפאליסט: „אסור אויב איך האב דאס געטאן. עס איז גאר יענער“. די טענה איז נעמלאך, אז דער פרייז איז געשטיגען, ווייל דער מאטעריאל איז טייערער געווארען. גוט, ווער מאכט אבער דעם מאטעריאל? אויך א טראסט; על כן, אויב ניט איין טראסט, איז אנאנדערער, אבער עפעס א טראסט האט עס יע ארופגעבראכט.

וויטער אבער איז די גאנצע מעשה פאלש: מען קען אנווייזען סחורה, צב"ש בלעך, וואס איז געשטיגען פריהער ווי די מאטע־ריאלען, פון וועלכע די בלעך ווערט געמאכט.

כמעט יעדער פרייז היינט צו טאג איז א מאנאפאליסטישער פרייז. דער פרייז פון יעדען ארטיקעל ווערט באשטימט דורך עפעס א פאראייניקונג; קאנקורענציע, קען מען זאגען, איז טויט אין די פאראייניקטע שטאטען.

4.

די פאראייניקונג פון טראסטס.

מיר ווייסען, אז דורך די מאנאפאליעס איז געווארען אף אלצדינג א יקרות. ווער זשע צאלט דעם מאנאפאליסטישען פרייז?

לאָמיר אַ קוק טאָן וואָסערע אַרטיקלען זיינען מאָנאָפּאָליזירט.

דער צענזוס אָפּיס אין וואַשינגטאָן האָט אין זיין רעפּאָרט איי־בער די פאַבריק־אינדוסטרי אין 1900 אויסגערעכענט 183 טראָסטס מיט מער ווי 2,000 פאַבריקען. עפּעס מער ווי אַ דריט־חלק פון זיי האָבען פאַבריצירט עסענוואַרג, קליידונג, באַלייכטונג, א. אַז. וו. וואָס יעדער האָט נויטיק, די איבעריקע האָבען פּראָדוצירט האַלב־פאַבריקאַטען און מאַטעריאַלען, וועלכע ווערען באַנוצט אין די פאַבריקען. אָט די וואָרען ווערען געקויפט פון די קאַפּיטאַליסטען.

זינט מען האָט געמאַכט אַ טראָסט אין וואָלענס, דאַרף דער קליידער־פאַבריקאַנט באַצאָלען מער פאַר די טוך, און העכערען דעם פּרייז פאַר די קונים לאָזט די קאָנקורענציע ניט צו, מאַכט אַלזאָ דער פּרייז־אונטערשיד אַ לאָך אין זיין קעשענע. ווען מען הייסט אַ געוועהנטלאַכען קונה באַצאָלען אַ העכערען פּרייז, קרעכצט ער און צאָלט פאַר נויט. ווען אַבער קאַפּיטאַליסטען זיינען געצוואונגען צו צאָלען פאַר זייערע מאַטעריאַלען מיט 25, מיט 50 אָדער 100 פּראָ־צענט מער ווי פריהער, טו קענען זיי זיך געבען אַן עצה. זיי מאַ־כען זיך אַן אייגענעם טראָסט צו באַקעמפּפען דעם טראָסט.

אַלזאָ, די אָפּשאַפונג פון קאָנקורענציע אין יעדען איינצעלנעם צווייג ברײנגט צו אַ מלחמה צווישען פאַרשידענע צווייגען, אַף וועל־כע די אַרבייט איז צוטיילט אין דער געזעלשאַפט. די מלחמה טרייבט יעדען איינציקען טראָסט צו אַ מאָנאָפּאָליסטישער פאַראייניקונג, אום צו פאַרזאָרגען זיך מיט אַ מאָנאָפּאָליע פון מאַטעריאַלען, וואָס ער נוצט אין זיין געשעפט. דורך דעם וויל מען זיך ערסטענס באַ־פרייען פון דעם דרוק פון אַנדערע טראָסטס, און צווייטענס, פאַר־צאַמט מען דעם וועג אַלע קאָנקורענטען. די אינטערנעישאָנאַל פּעי־פּער קאָמפּאַני (דער פּאַפּיר טראָסט) צום ביישפּיל, האָט ניט פּראָסט אָפּגעקויפט כמעט אַלע פאַבריקען, זי האָט נאָך צוגלייך אריינגע־קראָגען אין אירע הענט די נאָהענטסטע וועלדער אין וואַשינגטאָן. אַף וועלכע מען קען שטעלען מילען, אירע וועלדער פאַרנעמען אין די פאַראייניקטע שטאַטען 40 ענגלישע מייל אין דער לענג און 40 אין דער ברייט און אין קאַנאַדאַ 50 מייל אין דער לענג און 40 מייל אין דער ברייט. אין גאַנצען איז דאָס גרעסער איידער די שטאַטען ראָד־איילאַנד און דעלאַווער אין איינעם, אָדער ווי קאַלישער גו־בערניע די גרויס, אָדער ווי האַלב בוקאָווינע.

ווי באלד אבער יעדער טראסט פרובירט זיך צו פארזיכערען מיט מאטעריאל, טו מוז אונבאדינגט קומען צו קאנקורענציע צווי־שען טראסטס. רויהע אייזען ווערט געברויכט צו מאכען שטאל, בלעך, דראט, רעלסען א. אז. וו. אין יעדען פון דיזע געשעפטען, איז פארגעקומען א פאראייניקונג, די פאראייניקטע קאמפאניעס אבער האבען זיך באגעגענט אין מארק אלס קויפער פון אייזען. אום צו פארמיידען קאנקורענציע, וועלכע וואלט נאטירליך געהעכערט דעם פרייז, האט מען זיך פריהער געאייניקט איינצוטיילען צווישען זיך די אייזען. סוף כל סוף האט זיך אבער אויסגעלאזען פון דעם א פאראייניקונג פון די טראסטס אין איין לויתן־טראסט, די יוני־טעד סטעיטס סטיל קארפארעישאן מיט א קאפיטאל פון 1,400,000,000 דאלאר. דער שטאל־טראסט גראבט אויס אליין פון אייגענע אייזען־גרובען 60 פראצענט פון אלע אייזען וואס מען גראבט אויס אין די פאראייניקטע שטאטען. ער טראנספארטירט די אייזען אין אייגענע שיפען און איבער אייגענע אייזענבאנען פון זיי־נע גרובען ביז זיינע אייגענע מילען (פאבריקען). ער שמעלצט אליין די אייזען און מאכט פון איר אייזען פאר „הימעל־קראצער“, שטאל, בלעך, רעלסען, דראט און אז. וו. ענדלאך טראנספארטירט ער אליין אף זיינע אייגענע שיפען די ווארע איבער׳ן ים אין אייראפע. מיט איין ווארט פון גרוב ביז צו דעם מארק באגעגענט ער אין ערגעץ ניט קיין קאנקורענציע.

פאראייניקונג אין פראדוקציאן ברענגט נאך זיך פאראייני־קונג אין האנדעל. דער טראסט האלט זיך מער אונאבהענגיק נעגען דעם גרויס־הענדלער און שנייט אראפ זיין פראפיט ווי ווייט מעג־לאך. דורך דעם זיינען די גרויס־הענדלער געצוואונגען צו פאראיי־ניקען זיך נעגען דעם טראסט, כדי ניט צו לאזען זיך טרעטען מיט די פיס. און אזוי פארברייטען זיך די טראסטס וואס ווייטער אלץ רק מערער, פון איין ליניע צו דער אנדערער.

דורך די מאכט פון מאנאפאליע, דורך די שינדעריי פון די קונים מאכען די טראסטס אונגעהייערע פראפיטען. אין דער צייט פון זעקס יאר האט דער סטענדארט אויל טראסט אויסגעצאלט זיינע אקציאנערען אף יעדע 100 דאלאר די פאלגענדע דיווידענדען : פון 1896 ביז 1899 עפעס איבער 30 דאלאר א יאר, אין 1900 און אין 1901 — 48 דאלאר א יאר. דאס הייסט אין זעקס יאר האט דער

טראַסט אויסגעצאָלט דעם גאַנצען קאַפּיטאַל און נאָך אַמאָל אַזוי פיל אין רווח.

דער סטענדאַרט אויל טראַסט איז נאַטירליך אַן אויסנאַם. פון די איבעריקע טראַסטס האָבען פילע ניט אויסגעצאָלט קיין סענט דיווידענדען, דאָס זיינען דאָס רוב אַזוינע, וואָס זיינען ניט לאַנג אין געשעפט, אין גאַנצען האָבען אַלע טראַסטס אין איינעם אין 1901 אויסגעצאָלט 240,000,000 דאָלאַר אין דיווידענדען.

פרעגט זיך א קשיא: וואָס זאָל מען טאָן מיט די הונדערטער מיליאָנען יערלאַכען פּראָפיט? אויפעסען, קויפען א לוסט־יאַכט, מנדב זיין אַ נייעם אוניווערסיטעט? ציהט דאָס אַלעס אַרונטער איז די כּומע אַזוי גרויס, אַז מען קען איר גאַר ניט פאַרצערען, עס בלייבט נאָך פאַרט מיליאָנען קאַפּיטאַל וואָס מען מוז זיי אַריינלעגען אין געשעפט. דאַכט זיך מען דאַרף זיך ניט ברעכען די קאָפּ ווי אַזוי צו מאַכען א געשעפט, אַז מען האָט אַ פּאָר מיליאָן אין באַנק, אמת? עס דאַכט זיך אבער נאָר אַזוי. כל זמן, פאַרשטעהט איהר, עס איז געוועזען קאָנקורענציע האָט יעדער קאַפּיטאַליסט רק געזוכט, ווי צו פאַרכאַפּען פאַר זיך אַליין אויב מעגלאָך, דעם גאַנצען מאַרק. אין דעם שטענדיקען נאָכלויפען נאָך נייע קונים, איז יעדער געצוואונגען געוועזען צו פאַרגרעסערען זיין קאַפּיטאַל. ווי גרויס דער איינציגער קאַפּיטאַל האָט געקענט זיין, איז ער דאָך אימער געוועזען צו קליין צו ליפערען גענוג פאַר אַלע קונים אין מאַרק. עס פלעגט אַלע מאָל נאָך בלייבען גענוג פלאַץ אויסצובּרייטען זיך: איי וואָס דעם אַנדערען פלעגט דאַדורך אויסקומען צו קורץ, טו ווער דאגה'ט פאַר דעם אַנדערען? זינט אבער עס איז געוואָרען אויס קאָנקורענציע, האָט זיך דאָס אַלץ איבערגעביטען: דער צוועק פון מאָנאָפּאָליע איז צו רעגולירען די אַרבייט נאָך דעם באַדאַרף פון מאַרק, על כן קען דער טראַסט ניט אַריינלייגען זיין רווח אין זיין איינענעם געשעפט און איז געצוואונגען צו זוכען אַנאַנדער פעלד פאַר דעם אַנגעקליבענעם פּראָפיט. אַף דעם אופן מוז זיך די מאָנאָפּאָליע פאַרשפּרייטען רק אַף נייע צווייגען פון געשעפט. א ביישפּיל קען מען זעהען אין דעם סטענדאַרט אויל טראַסט, וועלכער האָט אינטערעסען אין דעם שטאָל טראַסט, אין דעם זילבער טראַסט, אין דעם קופּער טראַסט, אין דעם טאַבאַק טראַסט א. אַז. וו. דער צוקער טראַסט האָט געהאַט 30,000,000 דאָלאַר אין גראַסערים, שטאָט־באַנען און אַז. וו. אַלזאַ.

דורך די אונגעהייערע דיווידענדען ווערען מערערע טראַסטס ווייטער פאַראייניקט אין די זעלביקע הענט.

5

דער געלט-טראַסט

יעדער קאַפּיטאַליסטישער געשעפט מוז האָבען אַ געוויסע סומע מזומנים צו קערעווען זיך. אַ חוץ דעם ווערט די מאַשינערי מיט דער צייט אָפּגעניצט און מען מוז איינריכטען נייע. אויף דעם לעגט מען אוועק געוועהנטלאַך אַ געוויסען פּראָצענט פון ריוח און עס קלייבט זיך אָן ביסלאַכווייז ביז וואַנען מען דאַרף עס אויסגעבען. נאַטירליך אין אַן ענטוויקעלטע קאַפּיטאַליסטישע לאַנד קלייבט מען די געלט ניט ביי זיך, מען טראַגט עס אריין אין באַנק אויף אַ קליינעם פּראָצענט. פון וואַנען נעמט די באַנק צו צאָלען פּראָצענט? זי לייט אויס די געלט צו פאַרשידענע געשעפטס־לייט, וואָס דאַרפען געלט, אָדער זי קויפט אָן פּאַפּירען פון קאָרפּאָרעישאָנס (אַקציען־געזעלשאַפטען) וועלכע ברענגען דיווידענדען, אָדער זי ספּעקולירט אויף דער בירזשע (סטאָק־עקסטשענדזש).

ווען צענדליקע און הונדערטער קאַפּיטאַליסטישע געשעפטען ווערען פאַראייניקט אין איין טראַסט, קלייבען זיך אָן אויף זייער רעכענונג אין די באַנקען מיליאָנען דעפּאָזיטס. די טראַסטס ווערען דאַדורך די בעלי בתים פון די באַנקען.

דער צענטער פון דעם באַנק־געשעפט אין אמעריקע איז אין ניו־יאָרק. דער צענטער פון אַלע טראַסטס איז אויך אין ניו־יאָרק*). דער סטענדאַרד אויל טראַסט איז דער בעל הבית פון אַ צענדליק באַנקען אין ניו־יאָרק, וואָס האָבען צוזאַמען עטלאַכע הונדערט מיליאָן דעפּאָזיטס.

דער קעניג פון די אמעריקאַנער באַנקירען איז דזש. פּיערפּאָנט מאָרגאַן, ער איז דער הויפּט מאַכער פון דעם שטאָל־טראַסט, פון

---

*) פילע פון זיי זיינען כלומרשט אָרגאַניזירט אין ניו־דזשוירזי און האָבען קליינינקע אָפּיסלאַך אין דזשוירזי סיטי, אָבער זייערע הויפּט קאָנטאָרען זיינען אין ניו־יאָרק און זייערע געלט ליגט אין ניו־יאָרקער באַנקען.

פילע אייזענבאנען און אז. וו. ער האט זיין אייגענעם באנק געשעפט אין ניו־יארק מיט צווייגען אין פילאדעלפיע, לאנדאן און פאריז. און א חוץ דעם איז ער דער בעל הבית פון עטלאכע גרויסע ניו־יאר־קער באנקען. איינע פון זיי, די ערסטע, האט אנגעפאנגען מיט אן אייגענעם קאפיטאל פון א האלבען מיליאן דאלאר און א צייט מיט יארען פלעגט זי אויסצאלען צו אירע אקציאנערען 100 פראצענט דיווידענד יערלאך און א חוץ דעם האט זי אנגעקליבען א קאפי־טאל פון 10,000,000 דאלאר. יעדע „שער“, וואס האט פון אנהויב געקאסט 100$ איז מיט דער צייט געשטיגען ביז 4,500$. דעמאלט האט מען פארגרעסערט דעם קאפיטאל ביז 10,000,000$, דאס הייסט מען האט איבערגעביטען די אלטע „שערס“ אף נייע. די נייע זיינען באלד געשטיגען ביז 700$ א שטיק. מארגאנס באנקען באטרעפען אויך א פאר הונדערט מיליאן דאלאר.

אז דער רייכטום פון דיזע באנקען הייננט אפ אין גאנצען פון די טראסטס, באווייזט די פאלגענדע רעכענונג: סוף 1900 האבען אלע ניו־יארקער באנקען צוזאמען געהאט אף 884,000,000 דאלאר דעפאזיטס, פון דער סומע איז 500,000,000 געלעגען אין אכט באנקען, וואס זיינען ענג פארבונדען מיט טראסטס. די דעפא־זיטס אין די אכט באנקען האבען באטראפען אין 1900 דריי מאל אזוי פיל ווי אין 1896, ווערענד אין אלע איבעריקע באנקען זיינען די דעפאזיטס אנגעוואקסען אין דער זעלבער צייט סך הכל 50% און טאקע אין די פיר יאר גופא איז פארגעקומען די העכסטע ענטווי־קלונג פון די טראסטס.

די באנקען זיינען די פירער אין יעדער „קאנסאלידיישאן“ (פאראייניקונגען פון קאמפאניעס אין א טראסט). געוועהנטלאך, אז מען מאכט א טראסט באקומט יעדער פאבריקאנט באצאלט אין שערס פון דעם טראסט. עס זיינען אבער פאראן אנדערע וואס אמ־פערען זיך און ווילען ניט אריינגעהן אין דעם טראסט. אזעלכע מוז מען אויסצאלען אין מזומנים זיי זאלען אפטרעטען. ווייטער באדארף דאך דער טראסט מזומן צו פירען דעם געשעפט. די געלט קריגט ער אין די באנקען, וועלכע נעמען זיך אן ארויסצולאזען די שערס אפ'ן מארק. דאס איז א גלענצענדער געשעפט פאר די באנקען, זיי מאכען אן דעם א היבשע שטיק געלד. אבער מען בעדארף אף דעם א בארג מיט געלט: ווען עס האט זיך געגרינדעט דער שטאל־

טראַסט האָט קארנעגי באַקומען אויסגעצאָלט 100,000,000 דאָ־לאַר אין מזומנים אין פיר צאָלונגען א חוץ באָנדס*).

אום צו קענען אויסלייען 100,000,000 דאָלאַר, מוז מען האָ־בען גרויסע דעפּאָזיטס, — קיין באַנק האָט ניט אַזאַ קאַפּיטאַל איר אייגענס. געוועהנטלאַך נעמען דאָס איבער עטלאַכע באַנ־קירען אין שותפות, מען רופט עס א „סינדיקאַט“. אַף דעם וועג קומען זיי נעגטער צוזאַמען און דאָס פירט ענדלאַך צו א פאַר־שמעלצונג פון איינצעלנע באַנקען.

אין אמעריקע ווערט נאָר א קליינער טייל געשעפטען געמאַכט מיט מזומנ'ע געלט. יעדער איינער, וואָס איז עפּעס א שטיקעל ביז־נעסמאַן, לעגט אריין זיין געלט אין באַנק און צאָלט מיט טשעקס. אין דעם יאָר 1910 זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען טשעקס אין די פאַראייניקטע שטאַטען אַף $167,000,000,000, דאָס הייסט אַף 54 מאָל אַזוי פיל, ווי עס איז פאַראַן מזומנ'ע-געלט אין לאַנד. דער־פון קענט איר שוין פאַרשטעהן די באַדייטונג פון די באַנקען אין א קאַפּיטאַליסטישע לאַנד, ווי אמעריקע.

דער געשעפטס־מאַן, וואָס באַקומט באַצאָלט מיט א טשעק לעגט עס אריין אין זיין באַנק, ס'הייסט אַף איינצוקאַסירען. די באַנק נעמט אַלע טשעקס, וואָס קלייבען זיך ביי איר אָן פאַר א טאָג און שיקט זיי אריין דעם זעלבען טאָג נאָך אין די „קלירינג־הויז“, אין אָן אָפּיס וואו אַלע באַנקען רעכ־ענען זיך אָפּ איינע מיט די אנדערע. דאָרטען לעגט מען פאַ־נאַנדער אַלע טשעקס און מען שיקט צוריק צו יעדער באַנק די טשעקס וואָס זיינען אַף איר ארויסגעגעבען געוואָרען פון אירע דעפּאָזיטאָרס. מען פירט א רעכענונג וויפיל יעדע באַנק האָט ארויסגעשיקט טשעקס און וויפיל זי האָט באַקומען צוריק־גע־

---

*) באָנדס, אָדער אבליגאַציעס ווי מען רופט זיי אין איראָפּאַ, זיי־נען פּאַפּירען, וועלכע ברייגען אַ באַשטימטען פּראָצענט, צי די קאָמפּאַניע מאַכט פּראָפיטען, צי ניט. דערפאַר אָבער זיינען זיי ניט באַרעכטיקט צו קיין גרעסערען פּראָפיט ווי דער באַשטימטער פּראָצענט.

שיקט. פון צייט צו צייט רעכענט מען אוים דעם באלאנס וואָס יעדע דאַרף גוט מאכען.*)

היינט וואָס איז א טשעק ? אן אנווייזונג אף א באנק, אז זי זאָל צאָלען די סומע, וואָס איז אויסגעשטעלט אין דעם טשעק. דאָס איז אלזאָ א קרעדיט־געשעפט. דאָס הייסט אז דער גאַנ־צער געשעפט אין די פאַראייניקטע שטאַטען איז אופגעבויט אף א סיטעם פון קרעדיט**).

---

*) אין דער ניו־יאָרקער קלירינג הויז קערען זיך איבער אין א יאָר א ערך אף 100,000,000,000 דאָלאר טשעקס און ווייניקער ווי 5% פון דער סומע מוז געדעקט ווערען ביי דער אָפּרעכענונג.

**) לאָמיר זאָגען איר זייט א ביזנעסמאַן און איר מאַכט גע־שעפטען נאָר אף מזומן'ע, איר קויפט נאָר אף מזומן'ע, איר זיינט קיינעם ניט שולדיק, און איר פאַרקויפט אייער סחורה אויך נאָר אף מזומן'ע, איר האָט אַלזאָ קיינע חובות ניט איינצומאַנען. עס ווייזט זיך אויך אוים, אז איר האָט מיט דעם קרעדיט־סיסטעם גאָרניט וואָס צו טאָן. אין דער אמת'ן אָבער זייט איר פונקט אַזוי אָפּהענגיק פון דעם קרעדיט־סיסטעם, ווי יענער, וואָס פירט זיין געשעפט מיט געבאָרגטע געלט און פאַרקויפט זיין וואַרע אף קרעדיט. איר האָט דעפּאָנירט אייער געלט אין א באַנק און איר צאָלט מיט טשעקס, דאָס הייסט איר האָט אַנטליען אייער געלט דער באַנק און איר צאָלט מיט א וועקסעל. זאָל די באַנק באַנקראָטירען, פאַרלירט איר אייער געלט און איר בלייבט א בעל־חוב צו יענעם וואָס האָט גענומען אייער טשעק אין צאלונג. און אף דעמזעלבען אופן, ווען איר נעמט אַ טשעק אין צאלונג, הייסט דאָס, אז איר טרויט אייער קונד און נעמט פון עם א וועקסעל. ער קען זיך זיין אויך א מענטש וואָס האַנדעלט נאָר אף מזומן'ע, אבער זאָל זיין באַנק אָפּשטעלען די צאלונגען קומט דער טשעק צו אייך צוריק. איר בלייבט א בעל־חוב אין אייער באַנק, וואו איר האָט דעם טשעק דעפּאָזיטעט און דער קונד ווערט אייערער א בעל־חוב. דאָס האָט פּאסירט מיט א סך ביזנעס־לייט אין דער צייט פון דעם קריזיס אין 1907-1908.

עס זיינען פאראן אין די פאראייניקטע שטאטען נאהענט פון 25,000 באנקען און די דעפאזיטס אין די באנקען באטרעפען מער ווי $15,000,000,000, דאס הייסט יעדער דאלאר קערט זיך איבער אן ערך איין מאל אין 5 וואכען. די דעפאזיטס ווערען אויסגעליהען פון די באנקען אף הלוואות צו זייערע קליענטען. די הלוואות פון אלע באנקען באטרעפען צוזאמען אן ערך $13,000,000,000. שטעלט זיך זשע פאר, אז די באנקען זאלען וועלען איינציהען אלע חובות, וואס עס קומט זיי, אדער די דעפאזיטארס זאלען אלע מיט אמאל וועלען ציהען זייערע געלט. — דער גאנצער סיסטעם פון קרעדיט וואלט געדארפט איינפאלען ווי א קארטען־הויז. דער סיסטעם האלט זיך אין גלייכגעוויכט נאר דערפאר, ווייל דורכשניטלאך ווערט געצויגען נאר א געוויסער פראצענט פון די דעפאזיטס און צו דער זעלבער צייט ווערען ארייננעטראגען אנדערע דעפאזיטס, און דאס זעלבע איז אויך מיט די חובות. — איינער צאלט איין, דער אנדערער קריגט אן הלוואה, און זעהר אפט איז עס דער זעלבער בעל־חוב. זאל זיך ער־געץ אפשטעלען א רעדעל, מוז עס באלד זיך אפרופען אף דעם גאנצען מעכאניזם. דאס איז א פינאנציעלער קריזיס.

די באנקען זיינען היינט־צו־טאג פארבונדען איינע מיט די אנ־דערע. צוויי דריטעל פון אלע טשעקס ווערען אויסגעשטעלט אף די באנקען פון דער שטאט ניו־יארק. דאס הייסט, אז צוויי דריטעל פון אלע געשעפטען פון לאנד הענגען אפ פון די ניו־יארקער באנקען. די באנקען אין לאנד בארגען געלט אין די ניו־יארקער באנקען. ווען די ניו־יארקער באנקען באשרענקען דעם קרעדיט פון די באנקען אין לאנד, מוזען די דאזיקע באנקען אויך באשרענקען דעם קרעדיט פון זייערע קונדען. די גרעסטע באנקען אין ניו־יארק זיינען פארבונדען צווישען זיך דורך די ניו־יארקער „קלירינג־הויז". די אנ־דערע באנקען „קלירען" זייערע טשעקס דורך ערגעץ א באנק, וואס באלאנגט צו דער „קלירינג הויז". ענלאכע „קלירינג הייזער" עק־זיסטירען אין די גרעסערע שטעט פון די פאראייניקטע שטאטען.

די קלירינג הויז האט א גרויסע מאכט איבער די באנקען, וואס זיינען אירע מיטגלידער: זי קען פארווערען א מיטגליד צו קלירען פאר אנאנדער באנק, וואס איז ניט קיין מיטגליד, זי קען אפילע ארויסווארפען א מיטגליד. און א באנק וואס קען ניט קלירען די טשעקס, וועלכע ווערען ביי איר דעפאזיטעט, און וואס אירע טשעקס

ווערען ניט אנגענומען אין „קלירינג הויז" קען, נאטירליך, ניט עק־זיסטירען. אף דעם אופן קענען די גרעסערע באנקען באשרענקען דעם גרינדען פון נייע באנקען און רואינירען א באנק, ווען עס לוינט זיך פאר זיי.

דאס וואלט־שוין אליין געווען אן אונגעהייערע מאכט. די ענטוויקעלונג פון די טראסטס האט נאך דערצו געשטעלט די קלי־רינג־הייזער אונטער דער קאנטראלע פון די טראסטס. יעדער גע־שעפט האט היינטיקע צייט א געוויסע סומע מזומנים אף צו קערע־ווען זיך, — מען דארף צאלען געהאלט, מען דארף צאלען דיווי־דענדען, און דערגלייכען. פון דער אנדער זייט לייזט מען געלט אין געשעפט. היינט־צו־טאג ווערט דאס אלץ געטאן דורך טשעקס.

אין דער אמעריקאנער בוכהאלטונג ווערען טשעקס גערעכענט פאר מזומן. א טראסט וואס האט שטענדיק עטלאכע מיליאן דאלאר מזומנים, דארף צו קיין פרעמדער לאסקע ניט אנקומען: ער קען גרינדען אן אייגענע באנק. די טראסטס זיינען ווידער ענג פאר־בונדען צווישען זיך, עטלאכע טראסטס דעפאזיטען געוועהנטלאך זייערע געלט אין דערזעלבער באנק. אף דעם אופן האבען זיך אויס־געבילדעט עטלאכע „קייטען" באנקען, וואס ווערען קאנטראלירט פון געוויסע קליקעס טראסט־מאגנאטען. עס זיינען פאראן מאר־גאנס באנקען, סטענדארד אויל באנקען און דערגלייכען. דיזע באנ־קען, נאטירליך, ערוועהלען זייערע פארטרעטער אין די קלירינג־הויז קאמיטע — די קאמיטע באשטעהט פון פינף מיטגלידער. אף דעם אופן באהערשען די טראסטס דעם גאנצען אמעריקאנער באנק־געשעפט. זיי קענען רואינירען יעדען געשעפטס־מאן, זיין געשעפט מעג זיך זיין גאנץ סאליד*).

אין דער צייט פון דער אונטערזוכונג, וואס דער קאנגרעס האט אנגעפירט איבער דעם געלט־טראסט, איז פראפעסאר לאפלין פון

*) א ביישפיל האט איר מיט דעם זשורנאל „וואן־נארדען'ס מאג־גאזין", דאס איז געווען א פראגרעסיווער זשורנאל, וואס האט גע־מאכט אויסגעצייכענטע געשעפטען, אבער ער האט אנגעגריפען געוויסע טראסטס. דער רעזולטאט איז געווען, אז מען האט עם ענטזאגט קרע־דיט אין אלע באנקען, אפילו אף די זיכערסטע משכנות און נאך א קור־צען קאמף האט דער זשורנאל באנקראטירט.

דעם שיקאגער אוניווערסיטעט, וואס ווערט געהאלטען פאר א גרוי־סען קענער אין דער געלט־פראגע, ארויסגעטראטען מיט אן ערקלע־רונג, אז קיין געלט־טראסט איז ניטא און קען ניט זיין. עס איז אמת, מען קען ניט אנטאפּען ערגעץ א באנק און זאגען: אט דאס איז דער געלט־טראסט, — ווי מען קען זאגען, למשל, אז די סטענ־דארד אויל קאמפּאני איז א טראסט. דער געלט־טראסט איז א פאר־אייניקונג פון געוויסע אינטערעסען, וואס קאנטראלירען די וויכ־טיקסטע באנקען און דורך די מאכט, וואס זיי האבען איבער דעם גאנצען קרעדיט־סיסטעם פון לאנד, באהערשען זיי די אינדוסטרי. וואס הענגט אפּ פון דעם קרעדיט.

לאמיר אייך איצטער געבען עטלאכע צאלען, וואס וועלען אייך ווייזען, ווי גרויס עס איז די מאכט פון דעם געלט־טראסט.

די אונטערזוכונגס־קאמיטע פון קאנגרעס האט אויסגערעכענט וויפיל עס פארמאגען צוזאמען אכצען פון די גרעסטע באנקען און פינאנסיסטען אין אמעריקע, וואס זיינען ענג פארבונדען צווישען זיך. דא זיינען אריינגערעכנט מארגאן, די נאשאנאל סיטי באנק, (די גרעסטע באנק פון דעם סטענדארד אויל טראסט), קוהן, לויב ענד קאמפּאניע (דזשייקאב שיפ'ס פירמע) און עטלאכע אנדערע. עס ווייזט זיך אויס, אז זייערע דעפּאזיטס באטרעפען צוזאמען נאהענט פון $3,000,000,000, דאס הייסט א פינפט־חלק פון אלע דעפּא־זיטס אין אלע באנקען אין אמעריקע. חוץ דעם האבען זיי נאך אף $1,000,000,000 פארמעגען. היינט איז די פראגע, וואס טוען זיי מיט די געלט? א היבשער טייל פון דער סומע ליגט אין פּאפּירען פון פארשידענע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

ווען א גרויסע באנק־פירמע האלט די „סטאקס" (אקציעס) פון ערגעץ אן אייזענבאן, אדער פון א גאז קאמפּאני, אדער אין אנאנדער קארפּארעישאן, טו קענט איר זיין זיכער, אז אירער א פארטרעטער וועט זיין א דירעקטאר אין דער קארפּארעישאן. דאס גיט די מענלאכקייט א קליקע געלט־מאגנאטען צו ווערען די בעלי־הבתים איבער דער גאנצער קארפּארעישאן.

די אכצען באנק־הייזער, וואס איך האב דערמאנט פריהער, האלטען אף דעם אופן אין זייערע הענט אלערליי געשעפטען מיט א קאפּיטאל פון $25,000,000,000. א העלפט דערפון זיינען איי־

זענבאנען : **עס קומען** אהער אריין צוויי דריטעל פון דער גאנצער לענג פון **אלע אמעריקאנער** אייזענבאנען. ווייטער קומען עקספרעס־קאמפאניעס, טראסטס און עלעקטרישע קאמפאניעס און אז. וו.

„טהאטזעכליך, זיינען די ניו־יארקער באנקען א טראסט וואס שטיצט זיך אף די סטענדארט אויל קאמפאניע“, — האט פראפעסאר קאמאנז געזאגט אין 1899 ביי א קאנפערענץ וועגען די טראסטס אין שיקאגא. „מיט דער הילף פון דעם באנק־טראסט פארשלינגט זי אנדערע געשעפטען. צוליב דער באנק־מאנאפאליע סטארעוועט זיך יעדע קארפארעישאן צו קריגען א דירעקטאר וואס באלאנגט צו דער זעלבער צייט צו דער סטענדארט אויל קאמפאני. אזא דירעקטאר האט איינער אליין א גרעסערע דעה פאר אלע איבעריקע דירעקטארען. זיי ווייסען, אז ער האט די בייטש אין האנט : פון עם הייננט אפ זייער קרעדיט, וועלכער איז פאר זיי אזוי נויטיק, ווי דער אטעם, אדער נאך בעסער, פון עם הייננט אפ דער קרעדיט פון זייערע קאנקורענטען. עס איז גאר קיין וואונדער ניט, אז אנוסטען האט אן אונאבהענגיקער טאבאק־פאבריקאנט ניט געקענט קריגען געבארגט געלט אין ניו־יארק אפילע אף רעגירונגס־באנדס, און איז געוועזן געצוואונגען צו פארקויפען זיינע פאבריקען צום טאבאק־טראסט. צווישען די דירעקטארס פון דעם טאבאק־טראסט איז פאראן איינער וואס באלאנגט צו דער סטענדארד אויל קאמפאני, דאדורך זיינען אלע ניו־יארקער באנקען געוועזן פארשלאסען פאר דעם פאבריקאנט. ביז דאנען איז ער נאך איםשטאנד געווען צו קאנקורירען מיט׳ן טאבאק־טראסט, אבער, אז ער האט זיך „אנגעשטויסען“ אפ׳ן באנק־טראסט, איז ער געגאנגען צו גרונד.

א העלפט פון די דעפאזיטס פון די גרויסע ניו־יארקער באנקען ווערט אויסגעליהען צו בראוקערס (מעקלערס) אף צו שפילען אף דער בירזשע. (אף דעם סטאק־עקסטשענדזש). דאס רופט מען אף ענגליש „קאל מאני“, ס׳הייסט, אז דער בראקער מוז איינצאלען צו יעדער צייט ווען די באנק פארלאנגט. פאר א משכן לענט ער אריין פאפירען, וואס ווערען אנגענומען אף דעם סטאק־עקסטשענדזש. אף אזעלכע הלואות קריגען די באנקען גוטע פראצענטען, געוועהנטלאך ניט ווייניקער ווי 6%, אבער ווען עס איז זעהר ענג **איז** געלט שטייגט דער צינז אמאל ביז 100%.

ווי איר זעט, איז דאָס פאַר די באַנקען **א גאַנץ גוטער גע־שעפט.**

די באַנקען אין די קלענערע שטעט, וואו עס איז ניטאָ קיין בירזשע, זוכען אויך צו פּראָפיטירען דערפון. לויט דעם געזעץ, מוז יעדע נעשאַנאַל בענק האַלטען אין דער קאַסע 25% פון אירע דעפּאָזיטס, אָבער זי מעג זיי ווידער דעפּאָנירען אין נעיישאַנאַל באַנקען אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ און סענט־לואיס. א דעפּאָזיט קען מען צו יעדער צייט ארויסציהען, ווען מען האָט נויטיק די געלט. נו, טו שיקען די פּראָווינציעלע באַנקען אָט די דעפּאָזיטס אין די ניו־יאָרקער באַנקען ספּעציעל אַף אויסצולייען „אַן קאָל“. פּאַקטיש אַלזאָ האַלטען זיי אין דער קאַסע ווייניקער ווי 10% פון זייערע דעפּאָ־זיטס, די איבעריקע 15% פון דעם פאַרזיכערונגס־פאָנד. וואָס דער געזעץ פאַרלאַנגט, ווערט באַנוצט אַף צו ספּעקולירען אַף דער ביר־זשע.

היינט, לאָמיר באַטראַכטען, וואָס זיינען איינגענטלאַך די דע־פּאָזיטס אין די באַנקען. ווי געזאָגט דאַרף יעדער געשעפטס־מאַן האָבען מזומן׳ע געלט, מיט וואָס צו קערעווען זיך, לעגט ער עס אריין אין באַנק און שטעלט ארויס טשעקס נעגען די דעפּאָזיטס. דאָס איז, וואָס מען רופט אין דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט, „צירקו־לירענדער קאַפּיטאַל“. עס איז נאָך פאַראַן חוץ דעם „פיקסער קאַ־פּיטאַל“, — דאָס איז דער קאַפּיטאַל, וואָס ליגט אין הייזער, אין מאַ־שינען און דערגלייכען, און איז פאַרבונדען אַף א צייט מיט יאָרען. דער פיקסער קאַפּיטאַל מוז אויך צוריק־קומען צום קאַפּיטאַליסט, וואָרים א מאַשין איז דאָך ניט אייביק, זי ווערט אַלט און צום סוף דאַרף מען זי ארויסוואַרפען. ווען דער פאַבריקאַנט פאַרקויפט זיין סחורה, מוז ער אריינרעכענען א געוויסען פּראָצענט פאַר דעם אָפּניצען פון זיין פיקסען קאַפּיטאַל. די געלט טראָגט ער אוועק אין באַנק ביז ער וועט זי דאַרפען. היינט, ווען אָט די אַלערליי געל־טען ווערען אויסגעבאָרגט אַף משכנות און ווערען באַנוצט אַף ספּע־קולאַציעס, טו ווערט דער צירקולירענדער קאַפּיטאַל פאַרוואַנדעלט אין פיקסען קאַפּיטאַל, וואָס מען קען ניט האָבען צו יעדער צייט, סיידען ווען מען פאָדערט די חובות זאָלען איינגעצאָלט ווערען אַפּ׳ן שטעל. עס פעלט אַלזאָ אויס געלט און עס ווערט א יקרות אַף געלט. א סך פאַר׳משכנ׳טע פּאַפּירען מוזען תיכף פאַרקויפט

ווערען, און דאס פירט, נאטירליך, דערצו, אז דער קורס זייערער פאלט.

די ניו־יארקער „טיימז“ האט אויסגערעכענט, אז אין דעם יאר 1907 איז דער ווערט פון די פאפירען, וואס צירקולירען אף דעם סטאק־עקסטשיינדזש, געפאלען אף $3,000,000,000. איר קענט זיך פארשטעלען, וואס פאר אן ענגשאפט אזא פארלוסט האט גע־שאפען. די ברעזיאנער (ווי דער טיימס זאגט) האבען זיך דע־מאלט אזוי פארספעקולירט, אז פון דעם מאנאט מארט איז שוין געווען ענג אין געלט. ווען איך זאג אייך גלאט פארספעקולירט, ווייסט איר דאך נאך איינענטלאך ניט, וואס דאס מיינט, — וועל איך אייך געבען א ביישפיל. דעם פופצעטען מארט האט מען פארקויפט מער שערס פון דעם קופער טראסט איידער עס האבען אין גאנצען עקזיסטירט, דאס הייסט, אז איין העלפט פון דעם גאנצען קאפיטאל איז אין יענע טעג אי־בערגעגאנגען פון איינע הענט אין די צווייטע, און, די אנדערע העלפט האט דעם זעלביקען קוניץ געמאכט צוויי מאל אין איין טאג, איידער די ספעקולאציע האט זיך צוהיצט, פלעגט מען פארקויפען אף דער ניו־יארקער בירזשע, דורכשניטליך א וואך פון 2,000,000 ביז 3,500,000 שערס*). אין די ערסטע צוויי וואכען פון מארט האט מען פארקויפט שערס אף $1,800,000,000, דאס הייסט 9,000,000 שערס א וואך. עס מאכט אוים דריי־פיר מאל אזוי פיל ווי אין געוועהנליכע צייטען.

ווי געזאגט, האט געמוזט ווערען ענג אין געלט. צי דער אמע־ריקאנער געלט־טראסט האט אונטער אזעלכע אומשטענדען געהאט די קראפט צו פארהיטען א צוזאמענפאל פון דער פינאנציעלער קארטען־הויז, ווענען דעם זיינען די מיינונגען צוטיילט. איין זאך איז אבער זיכער, און דער טראסט האט אויסגענוצט די לאגע צו שאפען א פאניקע, כדי צו פראפיטירען פון די זינקענדע פרייזען.

עס האט זיך אנגעהויבען פון א מלחמה, וואס די הערשענדע פינאנציעלע אינטערעסען האבען אנגעפירט געגען דעם קעניג פון

---

*) דער פרייז וואס איז אויסגעשטעלט אף א שער, איז געוועהנ־ליך הונדערט דאלאר, אבער דער קורס בייט זיך נאטירליך.

דעם אייז־טראַסט, דעם באַנקיר מאָרס, וואָס איז שפּעטער פאַר־משפּט געוואָרען צו געפענגנים און איז נאָך אַ פּאָר יאָר זיצען באַ־גנאַדיגט געוואָרען פון פּרעזידענט טאַפט. מיינט אָבער ניט, אַז די מלחמה איז געפירט געוואָרען דערפאַר, וואָס ער האָט באַגאַנגען גרעסערע עבֿרות ווי די אַנדערע באַנדע. עס האָט זיך פּשוט געהאַנ־דעלט אום צו רואינירען אַ קאָנקורענט אין געשעפט, וואָס האָט גע־האַט די העזה ניט צו בוקען זיך פאַר דער מאַכט פון די גרעסערע מאָנאַרכען און האָט געהאָלפען מיט די פינאַנסען פון זיינע באַנקען די קאָנקורענטען פון זייערע טראַסטס. איין פרימאָרגען, ענדע אָק־טאָבער 1907 האָט די קאָמיטע פון דער ניו־יאָרקער קלירינג־הויז אַרויסגעגעבען אַן אוקאַז, אַז קיינע טשעקס פון דער ניקערבאָקער טראַסט קאָמפּאַני זאָלען ניט אַנגענומען ווערען אין דער קלירינג הויז. די ניקערבאָקער טראַסט קאָמפּאַני איז געווען איינע פון די גרעסטע באַנקען, זי האָט געהאַט דעפּאָזיטס אויף צענדליקע מיליאָ־נען דאָלאַרס. טויזענטער געשעפטען זיינען אָפּהענגיק געווען פון איר, צענדליקער טויזענטער אַרבייטער האָבען געמאַכט אַ לעבען, אַרבייטענדיק אין יענע געשעפטען. אָבער דער גרעסטער מאַכער אין יענער באַנק איז געווען מאָרס, אַלזאָ, צו געבען אַ קלאַפּ מאוס'ן האָט מען דערלאַנגט אַ קלאַפּ די צענדליקע טויזענטער אונ־שולדיקע מענטשען, וואָס זיינען געווען דירעקט אָדער אינדירעקט פאַרבונדען מיט זיין באַנק. וואָרים איר פאַרשטעהט דאָך, אַז ווען מען האָט ביי דער באַנק אָװעקגענומען די מעגלאַכקייט אויסצו־גלייכען אירע רעכענונגען, דאָס הייסט, פירען געשעפטען מיט אַנ־דערע באַנקען, האָט זי געמוזט שליסען אירע טירען און אַנמאַכען אַ שטערונג אין די געשעפטען פון אַלע אירע קליענטען. מיינט איר אפשר די באַנק איז געווען באַנקראָט? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. ווען זי האָט אין עטלאַכע חדשים אַרום אָפּגעוויקעלט אירע געשעפ־טען דורך די קאָורטס, האָט יעדער איינער, וואָס האָט מיט איר געהאַט וועלכע־עס־איז געשעפטען, געקראָגען באַצאָלט יעדען סענט. וואָס עס האָט עס געקומט, און עס האָט זיך נאָך אָפּגעשטעלט אַזאַ גרויסער פּראָפיט, אַז אַנאַנדער באַנק, וואָס האָט באַלאַנגט צו דער דערשענדער קליקע, די קאָלאָמביאַ טראַסט קאָמפּאַני, האָט זיך פאַר־שמאָלצען מיט דער ניקערבאָקער אין איין נייער קאָמפּאַני, די קאָ־לאָמביאַ־ניקערבאָקער טראַסט קאָמפּאַני.

געוועהנטלאַך, דער עולם האָט בשעת מעשה ניט געוואוסט,

וואס עס טוט זיך הינטער דעם פארהאנג, אין דער קדשי קדשים פון דער קלירינג־הויז : אז מען האט דערהערט, אז אזא קאלאסאלע באנק ווי די ניקערבאקער האט געשלאסן די טירען, האט מען געגלויבט, אז זי איז באנקראט, און עס איז געווארען א טומעל. מען האט גע־ קומען לויפען נאך דעפאזיטס אין אנדערע באנקען, יעדער פאר־ שטעהט, אז ווען אלע דעפאזיטארס זאלען מיט אמאל קומען אין א באנק און פארלאנגען זייער געלט, מוז די ראיעלסטע באנק פאלען. אום אויסצוהעלפען די באנקען, האט די קלירינג־הויז ארויסגעגע־ בען „לאאן סארטיפיקייטס“, דאס הייסט, הלואות צו געקליבענע באנקען. אבער דערמיט האט זי געקראגען א בייטש אין אירע הענט געגען יענע באנקען. וואס די חברה האט אפגעטאן קענט איר זעהען קלאר פון דער געשיכטע מיט דער אריענטאל באנק, וואס האט געהאט א סך אידישע דעפאזיטארס. די אריענטאל באנק איז גע־ ווען א יחסנ׳טע א מיטגליד פון דער קלירינג־הויז. זי האט געקלירט פאר עטלאכע קלענערע באנקען. מיט א פאר טעג פאר דער פאניקע האט די קלירינג הויז קאמיטע איר געהייסען, זי זאל מער ניט קלירען פאר די קלענערע באנקען. זי האט פראטעסטירט דאגעגען און האט געפאדערט אז די קאמיטע זאל שיקען ספעציאליסטען בוכהאלטערס, צו אונטערזוכען אירע געשעפטען. די אונטערזוכער זיינען געקומען און האבען געפונען די געשעפטען פון דער אריענ־ טאל אין דער בעסטער ארדענונג. דאס האט אבער ניט געהאלפען, דער אוקאז איז געבליבען, און די אריענטאל האט געמוזט אופהע־ רען אנצונעמען די טשעקס פון די באנקען, מיט וועלכע זי האט יארענלאנג געהאנדעלט.

דאס האט געבראכט דערצו, אז יענע באנקען האבען געמוזט שליסען זייערע געשעפטען און די אריענטאל האט זיי געמוזט אומקערען זייערע דעפאזיטס. איצטער איז שוין די אריענטאל אליין געווארען ענג אין געלט, און זי האט געמוזט בארגען ביי דער קלירינג הויז $2,500,000 אין לאאן־סערטיפיקייטס. מיט צוויי מא־ נאט שפעטער האט די קלירינג הויז ארייננגעשיקט א פאדערונג צו דער אריענטאל זי זאל אפ׳ן שטעל באצאלען די $2,500,000. דאס הייסט פשוט, די קלירינג הויז קאמיטע האט פאראורטיילט די אריענטאל באנק צום טויט. די אריענטאל באנק האט געשלאסען אירע געשעפטען. ווען אירע געשעפטען זיינען אפגעוויקעלט געווא־ רען האבען אירע דעפאזיטארס געקראגען יעדען סענט, וואס עס

האט זיי געקומט. די סטאק־האלדערס האבען געקראגען צוריק זייער קאפּיטאל נאך מיט א היפּשען פּראפּיט, חוץ דעם וואס די מעטראָ־פּאליטאן טראסט קאמפּאני האט געמאכט $400,000 קאמיסיאנע פון ליקווידירען די געשעפּטען פון דער אריענטאל.

עס איז ניט געווען אזוי ווי אין די אמאליקע קריזיסען, ווען די באנקען האבען ווירקליך באנקראטירט. ניין, די באנקען וואס זיינען געשלאסען געווארען זיינען מיט א פּאר אויסנאמען געווען גאנץ סאָ־ליד. די טראסט קאמפּאני אוו אמעריקא, למשל, האט פּארקויפט איר גאנצען סטאק, דאס הייסט, איר גאנצען קאפּיטאל צו דער עק־וויטייבעל אינשורענס קאמפּאני צו $275 פּאר יעדע $100, — דאס רופט מען ניט באנקראט? און פונדעסטוועגען האט זי געמוזט אפּטרעטען פון וועג, ווייל די עקוויטייבעל, א גובערניע אין מאר־גאנ׳ס מדינה האט געדארפט די קונדען פון דער טראסט קאמפּאני אוו אמעריקא אין איר אייגענעם געשעפט.

דער קיצור איז, אז דורך די פּאניקע איז דער באנק־געשעפט נאך מער קאנצענטרירט געווארען אין די לאפּעס פון דעם געלט־טראסט.

די אונטערזוכונג פון קאנגרעס האט קלאר געמאכט פאר דעם גרויסען עולם דאס, וואס פּאך־לייט האבען שוין לאנג געוואוסט, נעמלאך, אז פינף מאן פון דער קלירינג הויז קאמיטע, וואס רעפּ־רעזענטירען די אינטערעסען פון דער מארגאן־ראקעלער פינאנץ־קליקע, האבען א סאמאדערזשאווגע מאכט איבער דעם גאנצען אמעריקאנעם געלט־סיסטעם.

די פאראייניקונג פון די באנקען, וועלכע האלט אין אירע הענט אלע פארבינדונגען פון דעם געלט און קרעדיט געשעפט ווערט די הויפּט מאכט אין דער גאנצער פאלקס־ווירטשאפט.

.6

די ממשלה איבער די טראסטס.

מיר האבען געזעהען ווי עס בילדען זיך טראסטס אין יעדען צווייג פון געשעפט און ווי יעדער טראסט סטארעט זיך צו פאר־

איינציקען פארשידענע צווייגען פון געשעפט, וועלכע האבען זיך פריהער געפירט באזונדער: קוילען־גרובען, מעטאל־גרובען, אייזענבאנען, שיפען, אלערליי פאבריקען און אז. וו. דאס איז אבער נאך ניט דער סוף. אין דער ווירקליכקייט זיינען אלע טראסטס ווייטער פאראייניקט אין די הענט פון א קליינער צאל מאגנאטען פון קאפיטאל.

דער רעדאקטאר פון אן אמעריקאנער אייזענבאן־צייטונג האט אויסגערעכענט אין 1902 אין וואס פאר א געשעפטען די זעלביקע פערזאנען זיינען געווען אנגעשטעלט פאר דירעקטארען. עס ווייזט זיך אוים אזוי:

קאפיטאל (דאלארס):	צאל:	געשעפטען:
158,000,000	30	באנקען — — — — — — — —
836,000,000	6	אינשורענס קאמפאניעס — — —
1,862,000,000	10	טראסטס — — — — — — — —
6,192,000,000	42	אייזענבאנען — — — — — —
9,048,000,000	88	צוזאמען —

לעגט נאך צו אהער די דעפאזיטס אין די באנקען, קומט אוים צוזאמען $10,000,000,000, און איבער די סומע האבען די זעלביקע 15 פערזאנען א דעה. אהער קומען אריין מער ווי א העלפט פון די ליניעס פון אלע אייזענבאנען, אלע וויכטיקסטע ניו־יארקער באנקען, די וויכטיקערע לעבענס־פארזיכערונגס־קאמפאניעס, די ניו־יארק, די עקוויטייבעל און די מיוטשעל, איינע פון די צוויי אמעריקאנער טעלעגראף קאמפאניעס, דער סטענדארד אויל טראסט, דער שאל טראסט און דער קופער טראסט.

די דירעקטארען ווערען געוועהלט מיט א מאיאריטעט פון דעם קאפיטאל, וואס איז פארטראטען ביי דער יערלאכער פארזאמלונג. די מאיאריטעט ווערט גערעכענט ניט נאך די פערזאנען, אבער נאך די איינגעלעגטע געלט נאך. אין דער פראקטיקע אבער דארפען זיי גאר ניט האבען קיין מאיאריטעט פון דעם איינגעלעגטען

קאפיטאל, ווארים די הונדערטער טויזענטער קליינע סטאק־האל־דערס, וואס האבען יערערער אף א פאר צענדליק טויזענט דאלאר סטאקס אין א גרויסען טראסט האבען פאקטיש נאר קיין דעה ניט אין דער געשעפטס־פירונג פון דעם טראסט.

אפ'ן פאפיר איז אלצדינג זעהר דעמאקראטיש: יעדער סטאק־האלדער, וואס וואהנט ערגעץ אין אריזאנא און האט אף א פאר טויזענט דאלאר סטאקס אין א קארפארעישאן מעג זיך דורכ־פארען איין מאל אין יאר קיין ניו־יארק צו שטימען ביי א וואהל פון דירעקטארס, אבער, נאטירליך, ווער וועט עס טאן? ווען ער זאל קומען צו דער וואל, טו וואס פאר א ווערדע וועט זיין שטימע האבען געגען די מיליאנען פון די געלט־מאגנאטען? די שטימען ווערען גערעכענט לויט די צאל שערס, (חלקים). ווען די קליינע סטאק־האלדערס וואלטען זיך געקענט פאראייניקען און ארגאניזי־רען, וואלטען זיי אפשר געקענט אויסקלייבען אייגענע דירעקטארען. אבער זיי זיינען צושאטען איבער דער גאנצער וועלט און קענען איינער דעם אנדערען ניט. אלזא זיי שטימען פשוט ניט. א גוטער ביישפיל איז די קאנסאלידעיטעד געז קאמפאני, אין דער שטאט ניו־יארק, דאס הייסט, דער גאז און עלעקטרישער טראסט.

אין א באריכט, וואס איז פארעפענטליכט געווארען פון דער פאבליק סערוויס קאמישאן מיט עטלאכע יאר צוריק, געפינט איר, אז פון איבער 4,000 סטאקהאלדערס האבען כמעט א העלפט אין גאנצען ניט געשטימט. יעדער איינער פון זיי האט דורכשניטלאך געהאט 123 שערס, דאס באטרעפט $12,300. פערזענליך האבען געשטימט די אייגענטימער פון 1½ פראצענט פון אלע שערס. די איבעריקע האבען ארויסגעגעבען „פראקסים" (דאס הייסט א דאווערענאסט) צו איין איינציקען מאן, ער זאל זיי פארטרעטען ביי די וואלען. איר וועט פרעגען: פון וואנען נעמט זיך אזא צו־טרויען פון א פאר טויזענט מענטשען צו איין מאן? עס איז זעהר פשוט. פאר יעדער וואהל שיקט ארויס די באארד אוו דירעק־טארס צו אלע סטאק־האלדערס פראקסים, וואס זיינען שוין ארויסגעשטעלט אף דעם נאמען פון ערגעץ א דירעקטאר. דער סטאק־האלדער דארף נאר געבען זיין אונטערשריפט. געוועהנטלאך שרייבט ער אונטער, אדער ער ווארפט עס אריין אין קארב. צי אזוי, צי אזוי, האבען די דירעקטארס א מאיאריטעט.

ווען עס וואָלטען זיך געפונען אזעלכע עקשנים, וואָס וואָלטען זיך אָרגאַניזירט און געשיקט אייגענע קאנדידאטען, וואָס געפינען זיך ניט אף דעם אָפיציעלען שטימצעטעל, דאַן וואָלט עפּעס מער ווי א דריטעל פון דעם גאנצען קאפּיטאל געוועזן געננג צו קאָנטראָלי־רען א וואהל. אָבער איר מוזט ניט פארגעסען, אז א גרויסער טייל פון אלע שערס ווערען געקויפט נאָר צוליב ספּעקולאציע: ניט מער ווי 8% פון אלע שערס, וואָס ווערען געקויפט, ווערען אָנגעמעלדעט אין די ביכער פון די קאָרפּאָרעישאנס, די איבעריקע 92% ווערען געקויפט אף צו ספּעקולירען און ווערען פארקויפט, ווען דער פּרייז שטייגט: ווען איינער האלט די סטאקס פון א קאָרפּאָרעישאן נאָר אום זיי צו פארקויפען, ווען סע וועט זיך עס לוינען, טו וואָס הארט עס עם ווער עס וועט פאר עם שטימען?

אַלזאָ אף דעם אופן האָבען א פּאָר הונדערט קאַפּיטאַליסטען די גאנצע דעה איבער טויזענטער מיליאָנען קאפּיטאל. אזוי ווייט האָבען שוין די קאפּיטאַליסטען געמאכט יד אחת.

עס איז אינטערעסאנט צו הערען, וואָס קאַפּיטאַליסטען אליין קלערען פון דעם. אָט וואָס די ניו־יאָרקער „דזשוירנאל אָף קאָמערס" האָט געשריבען אין 1899, גאָר אין אָנפאַנג פון דער עפּאָכע פון טראַסטט:

„דאָס איז די גרעסטע פון אלע רעוואָלוציעס וואָס זיינען באקאנט אין דער געשיכטע פון דער וועלט־אינדוסטרי. עס איז אַ וואונדער ווי פּלוצלונג זי איז געקומען און ווי ווייט זי האָט זיך פארשפּרייט. זי האָט איבערגעקעהרט אלצדינג וואָס די געלערנטע עקאָנאָמיסטען האָבען ביז היינט געהאַלטען פאר זעלבסט־פאַר־שטענדליך. דאָס הייסט א סוף פון פּרייען האנדעל צווישען פאַב־ריקאנטען און סוחרים. פאר יעדע אינדוסטרי איז באשאפען גע־וואָרען אַן אָרגאַניזאציע וועלכע צווינגט אלעמען איר צו פאָלגען.

„די גאַנצע אינדוסטרי איז איינגעריכט ווי א רייהע פון מלוכות, יעדער צווייג איז אַ באזונדערע מלוכה און אלע צוזאמען האָבען זיי די מאכט פון א קיסר איבער דעם געשעפט פון לאנד.

„איידער דאָס איז געשעהען, וואָלט קיינער ניט געגלויבט אז אונדזערע סאָלידערע און געניטערע קאַפּיטאַליסטען זאָלען מאכען אַזאַ שפּרונג אין דער פינסטער. אָבער עס איז איצטער א פאקט. אונדזער גאנצער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם שטעהט איצט אויף אַ מאָנאָפּאָליסטישען פונדאמענט".

אן אנדער קאפיטאליסטישער זשורנאל האט מיט צוויי יאר שפעטער געשריבען דאס פאלגענדע:

„די פארברייטונג פון מאנאפאליע איז די מעכטיקסטע ערשיינונג פון אונדזער צייט. עס איז נאך ווייט ניט דער סוף. עס הויבט זיך נאר אקארסט אן. אלץ וואס מען האט ביז איצטער נעטאן איר צו באשרענקען, האט איר נאך געהאלפען, ווייטער צו וואקסען".

7.

די טראסטס און דער מארק.

די געגנער פון טראסטס לייקענען אפ, אז דער וואוקס פון „קאמביניישאנס" און מאנאפאליעס איז א נאטירליכער. נאך זייער מיינונג נאך, קומט אויס, אז די טראסטס וואקסען נאר צוליב דעם וואס דער געזעץ געגען זיי איז ניט שטרענג גענוג, און וואס די רעגירונג פירט אפילו די געזעצע ניט אויס וואס זיינען יע פאראן.

דער עיקר אבער איז די פראגע: צי קענען די טראסטס פארקויפען וועלוועלער פון זייערע קאנקורענטען, צי ניט?

„קאמביניישאן" הויבט זיך אן פון האנדעל. נעמט אזא פאראייניגונג וואו מען באשרענקט זיך סך הכל מיט דערמיט, וואס מען צוטיילט צווישען זיך דעם מארק און יעדער באקומט צוגעטיילט א באזונדערען דיסטריקט וואו קיין אנדערער טאר זיך ניט מישען. שוין דערמיט אליין שפארט מען אין פראכט. אנשטאט צו שיקען ווארע פון איין עק וועלט אין דעם אנדערען, קען יעדער פאבריקאנט רוהיק שיקען זיין ווארע אויפ'ן נאהענטסטען מארק. אף אנדערע סארטען סחורה מאכט דאס אויס א היבשע ביסל. למשל, איידער עס האט זיך געגרינדעט דער ביר־טראסט אין שטאט קליוולענד, פלעגט יעדע ביער־ברויעריי ארומפירען ביר איבער גאנץ קליוולאנד און אן ערך 20 מייל אויסער שטאט. זינט די ברויעריען האבען זיך פאראייניקט, פירט יעדערער אין זיין רייאן, דורך דעם האבען זיי פארקלענערט די צאל פערד, וואגענס און פורלייט. אן אנדער ביישפיל איז דער זאלץ טראסט. אין דעם פרייז פון זאלץ איז פון 30 ביז 60 פראצענט פראכט. איידער עס איז געווארען א טראסט, פלעגט מען פירען זאלץ פארקויפען פון קענסאס קיין מישיגאן און פון מישיגאן קיין קענסאס. די פראכט פלעגט

אפקאסטען מער איידער די זאלן אליין אפ'ן פלאץ וואו זי ווערט געמאכט. זינט עס איז געווארען א קאמבינייישאן, פירט יעדער פאבריקאנט נאר אף דעם נאהענטסטען מארק.

ווייטער, זינט עס האבען זיך אנגעהויבען צו גרינדען טראסטס, האבען טויזענטער דראמערס און סיילסלייט (אגענטען און רייזענ־דע) אנגעווארען זייערע שטעלען. צום ביישפיל, דער בלעך טראסט האט ענטזאגט 90 פראצענט פון די סיילסלייט, דער טראסט פון קא ווע 75 פראצענט א. אז. וו.

דער פרעזידענט פון דעם פארבאנד פון סיילסלייט האט אויס־גערעכענט אז דורך די טראסטס זיינען 35,000 סיילסלייט גע־בליבען אן שטעלען, און 25,000 האט מען גענעבען שטעלען אין אפיס אויף קלענערע געהאלט. אין גאנצען האבען די סיילסלייט אנגעווארען $114,000,000 א יאר. וואס די סיילסלייט האבען אנ־געווארען, האבען נאטירליך די טראסטס געוואונען.

וואס זאגען דערצו די געגנער פון טראסטס?

זיי טענה'ן אז דאס איז א פאלשער חשבון, אז מען שיקט ניט ארויס קיין דראמערס איבער'ן לאנד, פארגעסט זיך דער קרע־מער צו מאכען א באשטעלונג, און אז ער שלאפט זיך שוין אויס איז דער סיזאן אוועק. דאס איז אפשר אמת, ווען עס האנדעלט זיך פון פיינערע ארטען סחורות, וואס מען קען אן זיי אויסקו־מען; וואס איז שייך אבער אזעלכע זאכען ווי זאלץ, צוקער, קאווע, בראנפען, טאבאק, קעראסינע, איז דאס ניט אזוי. קען א דראמער איינריידען א אידענע זי זאל מערער זאלצען די פלייש?

ווייטער, פילע טראסטס מאכען מאטעריאלען פאר פאברי־קאנטען. נעמט, כאפט אנעט, דעם וואולען־טראסט. כל זמן עס איז געווען קאנקורענציע צווישען טוך־פאבריקאנטען, האט זיך יע־דערען געלוינט ארויסצושיקען פארקויפערס, כדי אפצושלאגען פון'ם קאנקורענט, זינט אבער עס איז ניטא קיין קאנקורענץ האט עס מער קיין זין ניט.

ווי מיר ווייסען, זיינען די טראסטס גרעסטענטיילס ארגא־ניזירט טאקע גופא אין יענע צווייגען, וואס ארבייטען אויס מאטע־ריאלען פאר פאבריקאנטען.

ווייטער אָבער, לאָמיר נעמען אַזאַ טראַסט וואָס מוז האָבען סיילסליייט, אנדערס וועט ער אָנווערען די קונדשאַפט. כל זמן עס איז פאַראַן קאָנקורענציע, באַפאַלען איין קונד צען פאַבריקאַנטען; ווערט אַ טראַסט, איז גענוג איין דראַמער צו קריגען אַלע באַשטעלונגען, אַף וואָס מען האָט פריהער געדאַרפט צען.

דאַסזעלבע קען מען זאָגען וועגען אַדווערטייזמענטס (רעקלאַמע בל"עז). דער סטענדאַרד אויל טראַסט אָדער דער צוקער טראַסט דאַרף גאָר קיין אַדווערטייזמענט ניט. ווען עס זיינען פאַראַן טראַסטס וואָס אַדווערטייזען יע, טו וואו עס זיינען פריהער געווען צען אַדווערטייזמענטס פון צען קאָנקורענטען, קלעקט היינט איין אַדווערטייזמענט פון דעם טראַסט. אַלזאָ, דאַ אויך שפּאָרט דער טראַסט געלד.

ווייטער, נעמט דעם פערקויפען אויף קרעדיט. כל זמן עס איז פאַראַן קאָנקורענציע, איז יעדער געצוואונגען צו פארקויפען אויף קרעדיט, וואָרים ער רעכענט, אַז ער וועט ניט פאַרקויפען, וועט אַן אַנדערער פאַרקויפען און ער וועט זיך מוזען האַלטען מיט זיין סחורה; אַז עס פאַרליגט זיך ביי אַ פאַבריקאַנט אַ סחורה, נעהט זי אַרויס פון מאָדע און איז דאַמאָלס אַזוי גוט ווי פאַרפאַלען. באַטראַכט ער זיך, איידער ס'זאָל אין גאַנצען פאַרפאַלען געהן, טו איז שוין גלייכער פאַרקויפען אויף קרעדיט. געוועהנטלאַך ווערען דערביי פילע חובות פאַרפאַלען. עס זיינען פאַראַן אַ סך קליינע סוחרים'לאַך, וואָס נעמען אַן וואַרע און פרובירען אָפּצוציהען די צאָלונג אָדער אַראָפּרייסען פון פּרייז, ווייל ס'האָט כלומרשט געפעלט אָדער ס'איז געווען פאַרדאָרבען, און נאָך אַלערליי תירוצים. פאַרשטעהט זיך, דעם קונין קען מען מאַכען מיט אַ פירמע נאָר איין מאָל, אָבער ס'זיינען פאַראַן אַ סך פירמעס, היינט נאַרט מען אָפּ איינע, איבער אַבטאָג אַנאַנדערע און אַזוי געהט דאָס כסדר. כדי אַזאַ חברה־מאַן זאָל קיינמאָל ניט בלייבען שטעהן אין מיטען אָן סחורה, האָט ער געוועהנטלאַך איין פירמע מיט וועלכער ער פירט זיך אָרענטלאַך. סוף כל סוף מאַכט מען אַ קליינעם אָנזעצעל און מען באַצאָלט יענער פירמע אויך ניט.

אַז עס ווערט אַ טראַסט, ווערט דאָס אַלץ גאָר אַנדערש. דעם טראַסט קען מען אָפּנאַרען איין מאָל, און אַגב לאָזט ער זיך אפילו איין מאָל אויך ניט נאַרען. זינט עס איז געוואָרען אַ וואָר־

לען־טראסט, קומט אן מיט גרויסע צרות צו קריגען טוך אויף קרעדיט.

דער פרעזידענט פון דעם דראט טראסט האט געזאגט פאר פרעזידענט מאק־קינלי׳ס אינדוסטריאל קאמישאן, אז דער טראסט האט פארקלענערט דעם היזק פון שלעכטע צאלונגען פון א ½ פראצענט ביז 4 סענט פון 100 דאלאר. ווען מען בארעכענט אז דער טראסט מאכט געשעפטען אף צענדליקע מיליאן דאלאר מאכט דאס אויס שעהנע עטלאכע צענדליק טויזענט א יאר. דער פרעזידענט פון דעם רעזינאווען טראסט האט ערקלערט אז אין דעם יאר 1900 האט זיין קאמפאני געמאכט געשעפטען אף $25,000,000 און האט דערביי אנגעווארען אן שלעכטע צאלער סך הכל $1,000. נאך דעם ווי ער האט אויסגערעכענט, וואלט אן א טראסט וועניקסטענס $100,000 פארלארען געגאנגען.

וואס לאזט זיך אויס? דורך דעם וואס דער טראסט באשרענקט דעם קרעדיט, זיינען מערערע קליינע לייט געצוואונגען ארויסצוגעהן פון געשעפט, איבערהויפט סטארעט זיך יעדער טראסט ווי ווייט מעגלאך אויסצוקומען אן פארמיטלער און צו פארקויפען דירעקט צו דער מאסע וואס פארברויכען דעם ארטיקעל. צום ביישפיל אין אנהויב פון די ניינציקער יארען זיינען אין ניו־יארק באשטאנען 28 אפטאווע סקלאדען פון שניט־ווארע, און אין 1901 זיינען פון זיי געבליבען נאר פיר, און דאס זעלבע איז אומעטום.

נאטירליך, אז מען באטראכט די לאגע פון דעם סוחר, וועלכען עס ווערט רק ענגער און ענגער, איז עס זעהר ניט גוט, אבער ווען מען באטראכט די זאך פון דעם שטאנדפונקט פון כלל, הייסט דאס, אז דורך פאראייניקונג ווערען פארשפארט א סך האנדעלס־אויסגאבען.

אלזא, וואס אנבאלאנגט פארקויפען די ווארע, קומט דאס אויס דעם טראסט וועלוועלער איידער זיינע קאנקורענטען און די זעלבע זאך איז מיט׳ן קויפען.

יעדער טראסט מוז קויפען מאטעריאל צום פארארבייטען. יעדער ווייס, אז מען קויפט איין גרויסע מאסען מיט אמאל, קען מען עס קריגען פאר א נעדעריקערען פרייז. היינט ווען דער טראסט איז

דער איינציקער קויפער אין מארק, טו פארשטעהט זיך, אז ער קען שטעלען זיין אייגענעם פרייז. א ביישפיל איז דער פלייש־טראסט. בעת דער פרייז פון פלייש איז געשטיגען איז דער פרייז פון בהמות געפאלען. דער סטענדארד אויל טראסט האט זעהר אפט געצאלט פאר רויע אויל, פון וועלכע מען מאכט קאראסין, ווייניקער, איידער עס האט געקאסט דעם פארקויפער אליין צו קויפען. איר וועט פרעגען ווי אזוי האבען זיי עס געקענט אויסהאלטען ? איז דער ענטפער, זיי האבען טאקע ניט געקענט ; א סך זיינען געצוואונגען געווען אויסצופארקויפען צו דעם טראסט.

.8

וואו ליגט דער כוח פון מאנאפאליעס?

אנהויבען הויבט זיך אן די מאנאפאליסטישע פאראייניקונג אין מארק, אבער זי רופט זיך באלד אפ אין דער פאבריק. די אפשאפונג פון קאנקורענץ איז שוין אליין אויך א געווינס פאר דער גאנצער געזעלשאפט, וואוים עס ווערט דאדורך איינגעפירט אן ארדענונג אין דער אינדוסטרי. די קאפיטאליסטען באקומען די מעגלאכקייט איינצוריכטען זיך אין זייערע פאבריקען נאך דעם, וויפיל עס ווערט פארלאנגט פון זייערע ווארע אין מארק. דער וויצע־פרעזידענט פון דעם סטענדארד אויל טראסט האט דערצעהלט, אז זיין טראסט באקומט יעדען טאג טעלעגראמעס פון דער גאנצער וועלט, וויפיל קאראסינע ווערט אנגעבאטען און ווי פיל ווערט פארלאנגט אף יעדען מארק און נאך דעם מארקירען זיי זיך מיט זייערע פרייזען.

דאס האט א דאפעלטען רעזולטאט. ערסטענס, ווערט געמאכט נאר אזוי פיל ווארע, ווי פיל דער מארק באדארף, אדער ווי דער טייטש זאגט : „עס ווערט אויסגעגליכען דער אנגעבאט מיט דער נאכפראגע“. די מאנאפאליע ערלויבט אלזא צו ארבייטען אין די פאבריקען שטענדיק אן אונטערברעכונג. עס געהט ניט אוועק אין ניוועץ קיין צייט און קיין ארבייט אף אנצופילען דעם מארק מיט אזעלכע ווארען, וואס קיינער דארף זיי ניט און וואס ווערען מיט דער צייט פארדארבען.

צווייטענס, אז מען הערט אוף צו מאכען איבעריקע וואַרע און די אַלע פאבריקען פאַלען אריין אין די זעלבע הענט, ווערען גע־שלאָסען אַזעלכע, וואָס זיינען איבעריק, געוועהנלאַך ווערען גע־שלאָסען די יעניקע, וואָס זיינען איינגעאָרדעט אַף אַ'ן אַלטמאָדישען אופן. דאָס אליין איז שוין אויך אַ פּאָרטשריט.

דריטענס, דורך דעם וואָס פון אלע קאָמפּאַניעס אין אַ געוויסער אינדוסטרי ווערט איין קאָמפּאַני, ווערען אלע פּאַטענטען פּאַראיי־ניקט אין די זעלבע הענט. ווי וויכטיק דאָס איז קענט איר זעהן פון דעם, אַז דאָ, אין די פאראייניקטע שטאַטען, ווערען ארויסגע־געבען יערען יאָר איבער 20,000 פּאַטענטען (פּריווילעגיעס) אַף אַלערליי ערפינדונגען. עס וועט זיך קאַם געפינען אַזאַ זאַך אין וועלכער עפּעס אַ שטיקעל שרייפעל זאָל ניט זיין פּאַטענ־טירט, וואָס קיינער טאָר עס ניט נאָכמאַכען. דאדורך ווערט נאַ־טירליך געשטערט דער פּאָרטשריט פון דער ארבייט. אין אַ טראָסט קען מען פאראייניקען די בעסטע ערפינדונגען, וואָס זיי־נען נאָר פאראַן און דאדורך ווערט פארבעסערט די ארבייט. אַ חוץ דעם שפּאָרט אַ טראָסט מיליאָנען דאָלאַר, וואָס עס ווערען אויסגעגעבען די פּראָצעסען איבער פּאַטענטען, וועלכע קאָס־טען אַפּ די קאָמפּאַניעס גאַנצע אייגענסען מיט געלט.

ווען עטלאכע פאבריקען קומען אריין אין די הענט פון אַ טראָסט, ווערט אין גאַנצען איבערגעמאַכט די איינריכטונג פון די פאבריקען : די פארשידענע סאָרטען וואַרע, וועלכע מ'פלעגט פריהער מאַכען אין דער זעלבער פאבריק ווערען איצט צוטיילט צווישען פארשידענע פאבריקען, די ארבייט ווערט מער ספּעציאַ־ליזירט און נטאירליך קאָסט זי זיך אליין וועלוועלער. אַ פאברי־קאַנט וואָס דאַרף קאָנקורירען מיט אנדערע אין מארק לוינט זיך ניט אַזוי צו ספּעציאַליזירען, וואָרים אַף יעדע וואַרע איז פאַראַן אַ שטילער סיזאָן, און ווען ער קען עס אויספילען מיט אַנדערע ארבייט, איז פאר עם בעסער.

ווייטער איז זעהר וויכטיק אויסצוניצען די זייטיקע פּראָדוק־טען וואָס בלייבען ביי יעדער ארבייט. פון דעם וואָס עס בלייבט איבער נאָכדעם, ווי עה ווערט געמאַכט קאראָסינע מאַכט דער סטענ־דאַרט אויל טראָסט צענדליקע פערשידענע זאַכען, וואָס זיינען ווערט צוזאַמען אַזוי פיל ווי די קאראָסינע, די קלענערע קאָנ־

קורענטען פון דעם טראַסט קענען דאָס ניט טאָן, ווארים ביי זיי
פארבלייבט ניט גענוג און זיי פארקויפען עס פאר גאָרנישט.
קורץ גערעט, די מאנאָפּאָליע מאכט ביליקער דעם אויספאר־
טיקען פון יעדער ווארע און דורך דעם איז זי זיכער טיט דעם
זיג געגען אירע קאָנקורענטען.

9.

די עפּענטליכע מיינונג און די טראָסטס.

מיר זעהען אלזא, אז דער טראָסט ברייננט מיט זיך פאָרט־
שריט. קען דאָס אלע מאָל אזוי בלייבען? די אָפּיציעלע פּאָ־
ליטיישע עקאָנאָמיע זאָגט: ניין. ווען עס וועט שוין אין גאנצען
ניט בלייבען קיין קאָנקורענציע, וועט דער טראָסט ניט האָבען
קיין אורזאכע איינצופירען פארבעסערונגען. מ׳ קען שוין דאָס היינט
זעהן אָן די אייזענבאנען. אז מ׳ זאָל אויינפירען עלעקטרישע קראפט
אנשטאט סטים (פארע), וואָלט מען געקענט פאָרען 90 מייל (135
ווירסט) א שעה. אזוי זאָגען געניטע אינזשענירען. דאָס הייסט
פון פילאדעלפיא קיין ניו יאָרק וואָלט גענומען סך הכל איין שעה.
ווייטער ווען מען דארף ניט שלעפּען זיך מיט קיין לאָקאָמאָטיוו,
דארף מען ניט צוזאמענטשעפען א צענדליק וואגאָנעס, יעדער
וואגאָן קען געהן באזונדער. ווען היינט געהט א צוג פון ניו־יאָרק
קיין פילאדעלפיע יעדע שטונדע, וואָלט מען מיט עלעקטרע גע־
קענט שיקען א צוג יעדע צעהן מינוט. פאָרען פון ניו־יאָרק קיין
פילאדעלפיע וואָלט געווען די זעלבע זאך, ווי פון דאון טאון קיין
הארלעם, אין ניו־יאָרק. שטעלט אייך נאָר פאָר וואָס פאר א
ווירקונג דאָס וואָלט געהאט אף דעם האנדעל און אף דעם גאנ־
צען לעבען. אזא פאָרשריט איז שוין מעגלאך היינט צו טאָג. נו,
טו וואָס? די צרה איז אז עס זיינען פאראן עטלאבע צענדליק
טויזענט לאָקאָמאָטיווען, וואָס זיי קאָסטען וויינקסטענס $10,000
אָ שטיק. ווען מען זאָל איינפירען עלעקטרישע באנען, זיינען די
לאָקאָמאָטיווען ניט ווערט מער ווי אלטע אייזען. דאָס הייסט עט־
לאבע הונדערט מיליאָן געהט אַוועק אין ניוועץ. ווילען די איי־
זענבאן מאגנאַטען דאָס ניט טאָן. אז עס וואלט געוועזן קאָנקו־
רענצייע וואָלט שוין אימיצער איינגעפירט עלעקטרעשע וואגאָנעס

און די איבריקע וואלטען נעצוואונגען זיין טאן דאס זעלבע. אבער די אייזענבאנען זיינען א מאנאפאליע, צווינגען קען מען זיי ניט.

ביז אהער איז דער קאפיטאל געווען פראגרעסיוו אין זיין פעלד. דער קאפיטאל האט געמאכט א רעוואלוציע אין יעדען גע־שעפט. מען קען אבער ערווארטען אז ווען די מאנאפאליע וועט זיך פארשפרייטען איבער אלע געשעפטען וועט די פראגרעסיווע ראָ־ליע פון קאפיטאל נעמען א סוף. וואס זשע וועט זיין ווייטער?

די קראפט פון די קאפיטאליסטען היינט צו טאג הייננט אפ אין גאנצען דערפון, וואס זיי זיינען נויטיק אין דער היינטיקער געזעלשאפט. יעדער נייער געשעפט ווערט געגרינדעט פון א קאַ־פיטאליסט. די קאפיטאליסטען פירען אלע געשעפטען, זיי ארגאני־זירען אלע געשעפטען. איך מיינט אז מען וואלט געקענט אויס־קומען אן די קאפיטאליסטען, איך וועל אייך צוגעבען, אפשר זיינט איר גערעכט, אבער מיליאנען מענטשען דענקען ניט אזוי, און ביז וואנען מיר ביידע וועלען זיי אמאל קענען איבעררײדען, דארף מען דאך דערוויילע עסען און טרינקען. און דערפאר געהען מיר ביידע צו דעם קאפיטאליסט ארבייטען, אלזא, אפילו מיר ביידע דארפען עס אויך. ווארום ער גיט אונדז די מעגלאכקייט צו אר־בייטען. מ׳ רעט דא ניט פון יושר, מ׳ רעט נאר פון דער עקאנא־מישער ראליע פון קאפיטאל. אלזא די קאפיטאליסטען האלטען זיך דורך זייער פארטשריטליכע ראליע. ווען אבער זיי ווערען א שטע־רונג צום פארטשריט, ווי עס מוז קומען מיט דער צייט דורך די פארברייטונג פון מאנאפאליע, וואס וועט זיין דעמאלט?

די פאליטישע עקאנאמיע ענטפערט אף דעם היינט צו טאג, אז ווען פריוואט־מענטשען קענען ניט באזארגען דעם אינטערעס פון דעם כלל אין א געוויסען געשעפט, מוז דעם געשעפט איבער־נעמען דער שטאט. צום ביישפיל, אין אלע ציוויליזירטע לענדער ווערען שוין היינט די וועלדער באטראכט פאר אזא זאך, וואס דער שטאט מוז אף איר אכטונג געבען, ווארים א האליז־הענדלער וועט, אויסהאקען אלע וועלדער צוליב זיין פראפיט און דאס איז א היזק פאר די גאנצע לאנד; פעלדער ווערען פארשאטען מיט זאמד, דער קלימאט ווערט צו טרוקען, דורך דעם געהט ווייניקער רעגען, תבואה ווערט פארברענט, און דער גאנצער פאלק לײדעט

צוליב די אינטערעסען פון א קליינע צאל האלין־הענדלער. כמעט אין יעדער לאנד זיינען ארויסגעגעבען געווארען געזעצע ווי זיך צו באנוצען מיט די וועלדער.

דא אין די פאראייניקטע שטאטען האט די סופרים קארט (העכסטער געריכט) אין וואשינגטאן גע'פסק'ענט אז ווען א גע־שעפט ווערט א מאנאפאליע, מעג דער שטאט אף עם אכטונג גע־בען, עם אנווייזען ווי ער זאל זיך פירען. אן אנהויב איז שוין געמאכט געווארען דורך די פילע געזעצע, וואס זיינען ארויסגע־געבען געווארען געגען די טראסטס. וואס זיי זיינען געבליבען אף'ן פאפיר, מאכט ניט אויס, דער פרינציפ אבער איז אין זיי אנ־ערקענט געווארען. פארוואס אבער איז פון די אלע געזעצע גאר־נישט ניט ארויסגעקומען? זיי זיינען אלע געמאכט געווארען, אום צוליב צו טאן דעם קליינעם קאפיטאליסט, וועלכען דער טראסט שטעלט אין סכנה. דער קליינער קאפיטאליסט וויל אויסראטען די טראסטס און דאס איז נאטירליך אונמעגלאך. ווען א געזעץ שטימט ניט מיט דעם פראקטישען לעבען, וועט זיך אלע מאל געפינען א וועג ווי דורכצוקומען אזוי, אז דער געזעץ זאל בלייבען א געזעץ און מ' זאל קענען טאן וואס מ' וויל. אף דערוף זיינען פאראן אדוואקאטען.

עס זיינען נאך פאראן מענטשען, וואס מיינען, אז די טראסטס באזיגען זייערע קאנקורענטען נאר דערפאר וואס קאנקורענץ איז ניט פריי, און זיי ווילען נאר אז דער שטאט זאל באזייטיקען אלץ וואס באשרענקט די פרייהייט פון קאנקורענץ, ווי למשל די איינפורס צאלען (טאמאזשענע פאשלינעס) אף די ווארען וואס ווע־רען איינגעפירט אהער אין לאנד. דעמאלט גלייבען זיי וועלען אלע אים שטאנד זיין צו קאנקורירען מיט'ן טראסט. אנדערע פאר־קערט מיינען אז די מאנאפאליעס זיינען אויסגעוואקסען מיט דער נאטור און דערפאר פארלאנגען זיי, אז דער שטאט זאל נעמען אף זיך צו מאכען „רולס“ (באשטימונגען) פאר די טראסטס, ווי זייער געשעפט זאל געפירט ווערען צום וואל און בעסטען פון דער געזעלשאפט.

פון די מיטלען, וואס וואס ווערען פארגעשלאגען צו באקעמפ־פען די טראסטס, הערט מען עפטער פאר אנדערע די פאדערונג, אז מען זאל אריינלאזען פריי אויסלענדישע ווארען, וועלכע קענען

קאנקורירען מיט די היימישע ווארען, וואס ווערען געמאכט דורך א טראסט, און צווייטענס די רעגירונג זאל איבערנעמען די אייזענאבנען.

דער ערסטער מיטעל קען צוניץ קומען אזעלכע קאנסומענטען וועלכע זיינען היינט געצוואונגען איבערצוצאלען די טראסטס פאר זייער ווארע. צום ביישפיל די פאבריקאנטען פון שיף פארלאנגען, אז מען זאל אריינלאזען פריי פרעמדע לעדער. היינט־צו־טאג מוז אויסלענדישע לעדער צאלען א הויכען איינפורס־צאל. דאס איז כלומרש'ט געמאכט געווארען צוליב דעם פארמערס טובה, אין דער אמת'ן אבער קומט דאס צוניץ נאר דעם פלייש־טראסט און דעם לעדער־טראסט. דער פארמער פארקויפט צוויי־דריי שטיק בהמות א יאר, ער מאכט דורך דעם טאריף עטלאכע דאלאר א יאר, אבער ער צאלט איבער אזוי פיל און נאך מערער אף שיך, כאמוטעס און נאך אזוינע זאכען וואס ער באדארף אין זיין ווירטשאפט. דער פלייש־טראסט אבער קויפט אפ אלע פעלען און מאכט זיין אייגענעם מקח, און דער לעדער־טראסט העלפט עס אונטער. אלזא, ווען מען זאל אראפנעמען די איינפורס צאל פון לעדער, קען דער פאבריקאנט פון שיך דערפון פראפיטירען. דעם פארמער אבער, וועלכער ווערט באדריקט פון טראסט, קען דאס גאר ניט העלפען. עס זיינען ווידער פאראן אנדערע פראדוקטען, וואס ווען מען זאל אראפנעמען פון זיי די איינפורס־צאל וועט דאס טאקע זיין א קלאפ פאר'ן טראסט, — פאר זיינע קאנקורענטען אבער וועט דאס זיין נאך א גרעסערער קלאפ. איידער דער טראסט וועט געבראכען ווערען, וועלען די קלענערע פאבריקאנטען נעהן צו גרונד. אלזא ברעכען א טראסט דורך דעם וואס מען זאל אריינלאזען פריי אויסלענדישע ווארע, איז א פוסטע האפענונג.

ווי מיר האבען געזעהען, האבען די אייזענבאנען פיל געטאן אופצובויען די טראסטס און צו דערשטיקען קאנקורענציע. דערפאר איז דער פארלאנג היינט זעהר פאפולער, אז די רעגירונג זאל איבערנעמען די אייזענבאנען. מיט פינף־און־צוואנציק יאר צוריק האט מען דאס באטראכט פאר שרעקלאכע אפקורסות. די פאפוליסטען זיינען געווען די איינציקע פארטיי, וואס האט ניט מורא געהאט אופצושטעלען די פאדערונג אין איר פלאטפארמע. היינט פאדערען עס א סך קליינע און מיטעלערע קאפיטאליסטען, אין דער

אינדאסטריאל קאמיישאן וואס פרעזידענט מאק־קינלי האט אנגע־שטעלט נאך אין 1899 האט איין מיטגליד אפגעגעבען א מיינונג צו גונסטען פון דער פארערונג. ער איז געווען א קליינער פאברי־קאנט פון קאראסינע, דאס זעלבע האבען פארלאנגט פילע עדות, וואס די קאמיישאן האט פארהערט, אונטער דער צאל זיינען געווען עטלאכע קאפיטאליסטען, וואס זיינען רואינירט געווארען פון דער סטענדארד אויל קאמפאני. עטלאכע פון זיי זיינען אמאל ווערט גע־ווען אן ערך א מיליאן דאלאר. די לייט זיינען געוועהנט געווען צו שפילען א ראליע אלס פירער אין דעם געשעפטסלעבען פון לאנד, זיי זיינען גענוט געווען אין ארגאניזירען א געשעפט, זיי זיינען דורכגעגאנגען דעם חדר פון קאנקורענציע און זיי האבען געקענט קעמפפען.

אין דעם עקאנאמישען קאמפף זיינען זיי באזיגט געווארען, האבען זיי זיך גענומען צו דער פאליטיק. און זיי ווילען צווינגען די רעגירונג זי זאל דינען זייערע אינטערעסען, פונקט אזוי ווי ביז אהער האט זי געדינט די אינטערעסען פון די מאנאפאליסטען. זיי ווייסען ווי מען מאכט די „עפענטליכע מיינונג" און זיי פאר־שטעהען צו אדווערטייזען אן עסק. די צייטונגען האלטען מערס־טענס מיט זיי, ווארים די צייטונגען זיינען אויך פאראינטערע־סירט אין דעם קאמפף געגען די טראסטס. ערסטענס איז פאראן דער פאפיר־טראסט. דער געשעפטס־פירער פון דער ניו יארקער „טיימס" האט אויסגערעכענט פאר פרעזידענט מאק־קינלים אינ־דאסטריאל קאמישאן, אז די אמעריקאנער צייטונגען צאלען איבער אף פאפיר נאהענט פון $5,000,000 א יאר מערער ווי עס האט געקאסט איידער עס איז געווארען א טראסט : ער האט דער־צעהלט, אז ער וויים פון צוויי גרויסע טעגלאכע צייטונגען, וואס יעדערע פון זיי צאלט איבעריקע $300,000.

ווייטער איז פאראן די אסאשיעיטעד פרעס, דאס הייסט דער דעפעשען־טראסט, וועלכע געהט האנט אין האנט מיט דעם טעלעג־ראפען־טראסט. דער נייעס־טראסט דריקט די קליינע צייטונגען, זיי קענען קיין נייעס ניט קריגען. דערמיט ווערט אופגעהאלטען די מאנאפאליע פון די גרויסע מארגען־צייטונגען. ענדלאך דורך די טראסטס פארלירען די צייטונגען זייערע בעסטע אדווערטייז־מענטס. א טראסט דארף ניט אזוי פיל אדווערטייזען ווי א גע־שעפטסמאן, וועלכע האט קאנקורענטען, און ווען אפילע א טראסט זאל אדווערטייזען פונקט אזוי פיל ווי יעדער געשעפט האט אד־

ווערטייזט פאר דעם, מאכט דאס פארט אויס ווייניקער, ווארים פריהער האבען אין א געוויסען געגענט אדווערטייזט אין א נע־וויסער צייטונג, למשל, צען פירמעס, יעדע א האלבע זייט, און היינט אדווערטייזט נאר איין טראסט, לאז זיין אפילע א גאנצע זייט, איז דאס פארט ניט מער ווי א פינפט־חלק. אלזא די ציי־טונגען האבען אן אינטערעס צו באקעמפפען די טראסטס.

היינט נעמט גאז. פראפעסאר בימיס האט אויסגערעכענט, אז עס קאסט די קאמפאניעס ווענינקער ווי העלפט פון דעם וואס דער קאנסומענט איז געצוואונגען צו צאלען.

ווען איינער האלט א רעסטאראן אדער א לאנדרי און ער איז געצוואונגען צו צאלען מאנאטלאך פופציק אדער הונדערט דאלאר, וואס די שטאט וואלט דאס געקענט ליפערען פאר העלפט פון דעם פרייז, וואלגערט זיך דאס ניט אפ'ן גאס. דאסזעלביקע איז מיט עלעקטרישע באלייכטונג, דאסזעלביקע איז מיט דעם טעלעפאן.

עס איז ניט ווייט די צייט ווען וואסער־קראפט וועט פארנעמען דעם פלאץ פון סטים (פארע). אויב די לאנד וואו עס געפי־נען זיך גרויסע וואסער־פאלען וועט פארכאפט ווערען פון א טראסט, וועט אזא טראסט האלטען אין זיינע הענט די גאנצע אינדוסטרי פון א געגענד. דערפון איז אין דער צייט פון ראזעוועלט'ס צווייטען טערמין אויסגעוואקסען די באוועגונג פאר „קאנסערוועישאן“, אונ־טער דער פירערשאפט פון גיפארד פינטשא. דאס איז געווען א באַ־וועגונג פון געשעפטסלייט, זייער פאדערונג איז באשטאנען אין דעם, אז די רעגירונגסלענדער, אף וועלכע עס געפינען זיך וואסער־פאלען, זאלען ניט פארקויפט ווערען אין פריוואטע הענט, נאר זיי זאלען קאנסערווירט ווערען, ס'הייסט אפגעהיט ווערען פאר'ן גאנ־צען פאלק, און דער פארטרעטער פון דעם גאנצען פאלק פון די פאראייניקטע שטאטען, זאגען זיי, איז די רעגיערונג.

איך זעט פון דעם, אז עס זיינען פאראן אין דעם קאפיטאליס־טישען קלאס פילע, וואס עס איז זייער אינטערעס, אז אלץ וואס עס רופט זיך „א נאטירליכע מאנאפאליע“, זאל באלאנגען צו דעם כלל. עס האנדעלט זיך דא דערוויילע וועגען אזעלכע זאכען, וואס ווע־רען געניצט פון דעם עולם בשותפות. אבער אין דערין קען מען קיין פעסטען גרענעץ ניט אנצייגען. נעמט למשל, קוילען. אין דער

צייט פון דעם גרויסען קוילען־סטרייק אין 1902, האבען פאר־טרעטער פון קאפּיטאליסטישע אינטערעסען געפאדערט, אז די רע־גירונג זאל נעמען אין אירע הענט די קוילען־גרובען, מחמת עס האנ־דעלט זיך דא אום אזא סחורה, וואס די אינדוסטרי פון לאנד קען אן איר ניט אויסקומען, און עס איז א געפאר פאר דעם כלל, ווען די גאנצע אינדוסטרי מוז אנקומען צו דער לאסקע פון איין טראסט. אזעלכע רייד האט מען געהערט מיט עטלאכע יאר פריהער אין ענג־לאנד אויך. עס הייסט פשוט, אז די אינטערעסען פון דעם גאנ־צען קאפּיטאליסטישען קלאס קומען דא אין א צוזאמענשטויס מיט די אינטערעסען פון איין איינציקען טייל, און כדי צו באוואר־נען די אינטערעסען פון דעם גאנצען קאפּיטאליסטישען קלאס, איז קיין אנדער מיטעל ניטא חוץ שטאטס־סאציאליזם.

אנאנדער ביישפּיל איז די שטאטס־פאבריק פון שטריק אין קענסאס. קענסאס, פארשטעהט איר, איז א פארמערשער סטעיט, די פארמערס האבען נויטיק שטריקלאך צו בינדען די תבואה, ווען די מאשין שניידט זי. אבער עס האט זיי געדריקט דער שטריק־טראסט. האבען זיי געפונען, אז שטריק איז גאר א „פּאבליק־יוטיליטי“, און האבען געמאכט א שטאטס־פאבריק פון שטריק. וואו דיזע באוועגונג קען זיך אפּשטעלען, איז שווער געניי צו זאגען. א זאך, וואס ווערט היינט באטראכט פאר א געגענשטאנד פון פריוואט־פארברויך, קען מארגען ווערען אנערקענט פאר א „פּאבליק־יוטי־ליטי“.

די געגנער פון שטאטס־סאציאליזם מיינען, אז אונטער דער היינטיקער רעגירונג וועט דאס געבען א גרויסארטיקע געלעגענ־הייט צו פּאליטישענס צו גאנב'ענען די רעגירונג און די שטאט. דאס איז אמת, אבער טאקי דערפאר קען מען זיין זיכער, אז די פּאלי־טישענס וועלען זיך דאגעגען ניט שטארק אמפּערען. שטעלט זיך נאר פאר וויפיל נייע שטעלען פאר פּאליטישענס וואלט דורך דעם באשאפען געווארען! די דעמאקראטישע פארטיי אין מאססאטשוסעטס האט נאך אין 1900 אריינגעשטעלט די פאדערונג אין איר פּלאט־פארמע און ברייען האט זיך נאך אין 1907 אויסגעשפּראכען דא־פיר, אז די רעגירונג זאל איבערנעמען די אייזענבאנען.

ווער וועט זיין דאגעגען? לאמיר נעמען די אייזענבאנען. היינט געהערען זיי צו פּריוואט קאמפּאניעס. וואס הייסט דאס? עס

הייסט, אז די אייגענטימער פון די אייזענבאנען זיינען די סטאק האלדערס (די אקציאנערען). זייערע דיווידענדען זיינען אפהענגיק פון די פרייזען, וואס זיי קריגען פאר פראכט. נאך א לאנגען קאמפף איז די געגנער פון די אייזענבאנען געלונגען דורכצופירען א געזעץ אין קאנגרעס, אז די פראכט זאל רעגולירט ווערען דורך די רעגירונג — די אינטערסטעיט קאמערס קאמישאן. וויבאלד דאס איז אזוי, מאכט שוין ניט אויס פאר די סטאק־האלדערס, צי די אייזענבאנען יועלען פארוואלטעט ווערען פון די קאמפאניעס, צי פון דער רעגירונג דירעקט. דער פובליקום טרויט דער רעגירונג מערער איידער אן אייזענבאן קאמפאני, און דערפאר איז דער קורס פון רעגירונגס־פאפירען שטענדיקער. פארוואס זאלען יענע וואס האבען אייזענבאן־אקציעס ניט וועלען זיי איבערבייטען אף רעגירונגס־פאפירען? דאס איז ניט גלאט געשפונען פון קאפ: אזעלכע מיינונגען זיינען אויסגעדריקט געווארען פון אינטערעסירטע פערזאנען פאר פרעזידענט מאק־קינלים אינדאסטריעל קאמישיאן.

ווער בלייבט דאגעגען? די קליינע באנדע דירעקטארען, וואס מאכען אלערליי ספעקולאציעס אפ'ן סטאק עקסטיינדזש (אפ'ן בירזשע) און באשווינדלען די קלענערע אקציאנערען. זאל אבער קומען צו עפעס, וועלען זיי אויך זיך ניט זעהר שטארק שטעלען דאגעגען. ווי אזוי איז דאס מעגלאך?

ווען עס האט זיך געגרינדעט דער אייזענבאן־טראסט אין די וועסט, די „נארדהערן סעקיוריטיז קאמפאני", האט איינער פון די דירעקטארען אויסגעשפראכען זיך צו א רעפארטער פון דער ניו־יארקער „טיימז", אז ער האט גארנישט דאגעגען די אייזענבאנען איבערגעהן צו דער רעגירונג, פריהער אבער מוזען די אייזענבאנען פאראייניקט ווערען אין די הענט פון א גרויסען טראסט. די רעגירונג מוז אויסקויפען די אקציעס פון די אייגענטימער און באצאלען נאך דעם קורס נאך. פארשטעהט זיך די חברה מארגאן, ראקעפעלער, וואנדערבילט און אזוי ווייטער, וועלען שוין פארשטעהן ווי צו הויבען דעם קורס אזוי, אז זיי זאלען באקומען א פעטען ביסען.

10.

די קאפיטאליסטישע עפענטלאכע מיינונג.

מיר האבען געזעהען ווי די עקאנאמישע ענטוויקלונג האקט אריין דעם געדאנק פון שטאטס־אייגענטום אף נאטירליכע און עפענטליכע מאנאפאליעס אפילו אין קאפיטאליסטישע קעפ. אמאל פלעגען די קאפיטאליסטען טענה'ן, אז דער שטאט טאר זיך ניט מישען אין געשעפטען. לאזט נאר אלעמען קאנקורירען פריי, וועט אלץ פון זיך אליין אויסקומען גוט. ווען דער פרייז איז צו הויך, לאזט נאר אלעמען פריי פארקויפען אין מארק, מוז דער פרייז ארונטערגעהן. ווען דער פרייז איז צו נידעריק, איז דאס א סימן, אז עס איז פאראן צו פיל ווארע, לאז מען אופהערען צו מאכען איבעריקע, וועט דער פרייז שטייגען. ווען דער ארבייטס־לוין איז צו נידעריק, איז דאס א סימן, אז עס זיינען פאראן צופיל ארבייטער. זאלען די ארבייטער ניט מקוים זיין די מצוה פרו ורבו, וועט מיט דער צייט ווערען וויניקער ארבייטער, וועט דער ארבייטס־לוין שטייגען. אין א פרייע לאנד, טאר זיך דער שטאט ניט מישען אין פריוואט־געשעפטען.

היינט קענט איר שוין זעלטען הערען די מיינונג, אז דער שטאט טאר זיך ניט מישען, דאס זאגען די מאנאפאליסטען און זייערע פריינט. סארשטעהט זיך, אז זיי קענען דאס ניט באגרינדען מיט דעם, אז פרייע קאנקורענציע איז א רפואה צו אלע קראנקהייטען, ווארים זיי וויסען בעסער פאר אלעמען אז קאנקורענציע איז טויט. זיי טענה'ען אבער היינט, אז די עקאנאמישע ענטוויקלונג האט געבראכט דעם טראסט אף דער וועלט און אז מען זאל עס נאר ניט שטערען ווייטער וואקסען, וועט זיך פאר אלעמען אויסלאזען גוט. איך וויל דא איבערגעבען אן אויסצוג פון אן ארטיקעל וואס איז געשינען נאך אין 1901 אין אן אמעריקאנער מאנאטליכען זשורנאל פאר באנקירען. דער ארטיקעל איז העכסט אינטערעסאנט.

„אין די פאראייניקטע שטאטען לאזט זיך דער גאנצער רעגירונגס־סיסטעם זעהר לייכט קאנטראלירען דורך די ארגאניזירטע געשעפטס־וועלט. די ארגאניזאציאן פון געשעפט איז דא פארטגעשריטען ווייטער איידער אין אלע אנדערע לענדער, און אין דער

צוקונפט קען מען ערוואַרטע,ן אַליין זאָל פאַראייניקט ווערען אין נאָך ווייניקער הענט. טעאָרעטיש ווערט אַלעס אין דער פּאָליטיקע באַשטימט דורך וואַלען, אָבער דער גייסט פון אָרגאַניזאַציאָן איז שוין אַזוי אויסגעוואַקסען, אַז היינט צו טאָג קאָנטראָלירט ער די וואַלען גופא. ווען די אָרגאַניזירטע געשעפטס־קרייזען ווילען אָנפירען די רעגירונג, געפינען זיי אימערצו אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, וועלכע איז העכסט צופרידען צו טאָן וואָס זיי הייסען. די געשעפטס־קרייזען האָבען דעם געלט־ביטעל. זיי ליפערען די מיטלען, וועלכע זיינען נויטיק אופצוהאַלטען די פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס באַשאַפען די רעגירונג. כל זמן די געשעפטס־לייט זיינען געשטאַנען באַזונדער און יעדערער האָט זיך געסטאַרעט נאָר פאַר זיך אין אַ פאַרצווייפעלטען קאָנקורענץ־קאַמפף און האָט גאָר ניט גע׳דאגה׳עט פאַר דעם אַנדערען, זיינען די פירער פון פּאָליטישע פּאַרטייען געווען אַפּ׳ן פערד. זינט אָבער די געשעפטס־וועלט האָט אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן דעם קונץ פון פאַראייניקונג, וואַרפט זי פון זיך אַראָפּ ביסלאַכווייז די מאַכט פון די פּאָליטישענס און צווינגט זיי צו פּאָלגען וואָס זי הייסט. די געזעץ־געבער און די רעגירונג זיינען וואָס ווייטער רק מערער געצוואונגען צוצוהערען זיך צו די פאָדערונגען פון די פאַרשטעהער פון געשעפטס־אינטערעסען. די פאַראייניקונג אין שטאָל און אייזען ווייזט ווי ווייט די פאַראייניקונג קען געהן. אַן ענלאַכע קאָנסאָלידאַציע איז מעגלאַך אין יעדען געשעפט. ווען די איבעריקע אינדוסטריען זאָלען פּאָלגען דעם ביישפּיל איז לייכט איינצוזעהען, אַז אין דער לאַנד וואו אַלע געשעפטען זיינען אויסגעמוישטערוועט אונטער דער קאַמאַנדע פון עטלאַכע גענעראַלען, מוז די רעגירונג סוף כל סוף ווערען ניט מעד ווי אַן איינפאַכער אינסטרומענט אין זייערע הענט. אַז עס געהט אַהין אין די פאַראייניקטע שטאַטען קען מען זעהען דערפון ווי זיי האַלטען אין זייער מאַכט די לעדזשיסלייטשורס (די געזעצגעבענדע קערפּערשאַפט אין יעדען שטאַט).

„דער חלום פון דעם סאָציאַליזם איז געווען אַז די טעטיקייט פון דער רעגירונג זאָל אַזוי רעגולירט ווערען, אַז דער גאַנצער פאָלק זאָל אויסזעהען ווי אַ גרויסע ארבייטס־אַרמעע, אין וועלכער יעדער איינער זאָל זיין פאַרזיכערט מיט ארבייט און חיונה. דער נאַטירליכער וואוקס פון די טראָסטס וועט ברייגנען צו אַן ענלאַכען רעזולטאַט. יעדער בירגער וועט האָבען אַ שטעלע ביי ערגעץ אַ טראָסט,

אדער ער וועט זיין אפּהענגיק פון ערגעץ א טראַסט. דער פירער פון דעם טראַסט וועט דורך זיין פינאַנציעלע מאכט זיין אַן אונבאַשרענקטער הערשער איבער אַלע זיינע אונטערטאַנען. היינט, ווען די אַלע טראַסטס פון באזונדערע אינדוסטריען זאָלען זיך פאראייניקען אין נאָך אַ גרעסערען טראַסט, וועלכער וועט אריינעמען אַלע געשעפטען, וועלען די פאַרשטעהער פון דעם אַלגעמיינעם טראַסט ווערען די ווירקליכע רעגירונג פון דער נאַציאָן. מיט וואָס אַ מענטש זאָל זיך ניט באשעפטיקען, וועט ער זיין צוגעבונדען ווי מיט אַ שטריק צו ערגעץ א טראַסט. די געזעצגעבער און די רעגירונג וועלען זיין אין דער זעלבער לאגע. די רעגירונגס־מאכט וועט אפשר בלייבען די זעלבע, אַבער די שטאַטס־מאכט וועט מוזען פאַלגען דער אמת'ער רעגירונג. ווען דער געשעפט זאָל גוט געפירט ווערען, וועט יעדער בירגער האָבען די מעגלאכקייט, ווי נאָך זיין קאָפּ און נאָך זיין פירונג נאָך צוצושלאָגען זיך צו אַ בעסערע לאגע איידער היינט־צו־טאָג. עס איז נאָך אַ סברה, אַז אין דיזער ריכטונג וועט מקוים ווערען בעללאמי'ס חלום „לוקינג בעקווארד".

אין דעם זעלביקען ביכעל פון דעם זשורנאל זיינען איבערגעדרוקט עטלאכע גלענצענדע בלעטלאך פון בעללאמי וועגען דעם איבערגאנג פון די טראַסטס צו סאָציאַליזם, אונטער דער קעפּעל: „בעלאמי'ס נביאות ווערען מקוים".

דער פּלאַן ערדינערט אַן די אנזיכטען פון דעם אוטאָפּיסטישען סאָציאַליסט סענסימאָן, וועלכער האָט פארלאנגט אַז די רעגירונגס־מאכט זאָל באַלאנגען צו די „אינדוסטריעלע", דאָס הייסט די אונטערנעמער (די בעלי בתים): ביי עם איז אויך אויסגעקומען, אַז די אינטערעסען פון די ארבייטער און פון די אונטערנעמער זיינען אייניק. א זשורנאל וואָס ווערט ארויסגעגעבען פאר באַנקירען, דריקט אויס געדאנקען פון אַן אוטאָפּיסטישען סאָציאַליסט און דרוקט איבער די מיינונגען פון דעם בארימטעסטען אמעריקאנער סאָציאַליסט, נאָך מיט דער באמערקונג, אַז זיי וועלען מיט דער צייט מקוים ווערען! משיח'ס צייטען!

אַז דאָס וואָלט געווען אַ פאראיינצעלטע מיינונג, וואָלט איך זי גאר ניט איבערגעגעבען. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז איר קענט זי היינט הערען זעהר אָפט אין פיל פּלעצער. דריי עדות האָבען דאָס געזאָגט פאר פּרעזידענט מאַק־קינלי'ס אינדאַסטריאל קאָמישאָן. איי־

נער, דער פּרעזידענט פון דער „אַמעריקאַן עקספּאָרט אַסאָסיעישאַן" האָט געהאָלפען אין אָרגאַניזירען עטלאַכע טראַסטס. ער האָט גע־מאַכט שאַכער־מאַכער מיט קאָנגרעס־לייט און מיט דער רעגירונג, ווען די טראַסטס האָבען געדאַרפט עפּעס דורכפירען. אין דער אינ־דאַסטריאַל קאָמישאַן האָט מען עם געשטעלט די פראַגע:

„מיינט איר ניט, אַז מיט דער ענטוויקלונג פון מאָנאָפּאָליע אין אַלע געשעפטען געהט צוזאַמען אַ טענדענץ איבערצונעמען אַלע אַזעלכע מאָנאָפּאָליעס אונטער דער קאָנטראָליע פון דער רעגירונג, אָדער קורץ גערעדט אַ טענדענץ צום סאָציאַליזם, דאָס הייסט, אַז אַלצדינג זאָל באַלאַנגען צו דער רעגירונג?"

אויף דער פראַגע האָט ער געענטפערט:

„עס געהט אָן צווייפעל אַהין. איינער פון די אינטעליגענטס־טע סאָציאַליסטען אין ניו־יאָרק האָט אין אַן אַרטיקעל אין דעם „אינדעפּענדענט" באַגריסט די טראַסטס אַלס אַ שריט אויפ'ן וועג צום סאָציאַליזם".

אַנאַנדער עדות איז געווען אַ געוויסער דזשאָדזש הילער, אַן אַדוואָקאַט פון אַטלאַנטאַ, אין דזשאָרדזשיא, אַן אַלטער מאַן, איי־בער זעכציק יאָר, וועלכער איז געווען אַ דזשאַדזש און אַ מעיאָר און פאָרזיצענדער אין דעם קאָמיטע איבער וואַסער אין שטאָט אַט־לאַנטאַ. ער האָט זיך ערקלערט פאַר קהל'שען אייגענטום אויף אַלע נאַטירליכע מאָנאָפּאָליעס. אַ פּאָפּוליסטישער סענאַטאָר האָט ביי עם געפרעגט:

„אין פאַל פון דעם צוקער־טראַסט און דעם אויל־טראַסט, זאָל די רעגירונג זיך נעמען מאַכען צוקער און קאַראָסינע?"

אויף דעם האָט ער געענטפערט:

„עס איז מעגלאַך, אַז מיינע ווערטער וועלען זיין די ערקלע־רונג פון אַ פּיאָנער, אָבער איך בין פון יענעם סאָרט מענטשען, ביי וועמען עס קומט אויס, אַז ווען אַ זאַך מוז ווערען אויסגעפירט, טו דאַרף מען זיך נעמען צו איר מיט ענערגיע, עס זאָל טאַקע זיין אין ערנסט".

„דאָס וועט אונדז ברייננגען צו אַ סאָציאַליסטישען סיסטעם.

אמת?" האָט נעפרעגט דער סענאַטאָר. דער אַלטער מאַן האָט אַף דעם געענטפערט, אז ער האָט פון דעם גאָר ניט געטראַכט.

דאָס מערקווירדיקסטע, ווי איר זעט, באַשטעהט אין דעריין, אַז א מענטש וואָס האָט ווי עס שיינט פון סאָציאַליזם קיין מאָל ניט געהערט, איז דערגאַנגען צו סאָציאַליסטישע מיינונגען מיט זיין אייגענעם שכל. דער מאַן איז אַ דעמאָקראַט, אָבער דאָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דער זאַך. אַנאַנדער עדות. אַ רעפּובליקאַנער קאָנגרעסמאַן פון אָהייאָ, טיילער, האָט אויסגעשפּראָכען דיזעלביקע מיינונג נאָך קלאָרער.

„איך צווייפעל ניט, האָט ער געזאָגט, אַז דער טראָסט פירט צו סאָציאַליזם, ער ווייזט אַז סאָציאַליזם איז אונפאַרמיידליך, און ער וועט ענדלאָך ברייננגען צום שטאַטס־סאָציאַליזם, ווען דער פאָלק וועט איינזעהען, אַז אַלע וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין אַ געוויסען פּראָדוקט אָדער אין אַ געוויסען געשעפט זיינען פאַראייניקט אין איין גרופּע, אונטער איין קאָפּ, וועט דער יצר הרע זיין זעהר גרויס צו זאָגען: „מיר האָבען איינגעזעהען, אַז דיזע אונטערנעמונגען ווערען פאַרוואַלטעט פון אַ הויפען מענטשען לטובת א הויפען; מען דאַרף גאָר קיין פיל חכמה ניט צו נעמען זיי אין די הענט און פאַרוואַלטען זיי לטובת הכלל". די שוועריקייט פון איבערגאַנג צום שטאַטס־אייגענטום און די שוועריקייט צו געווינען דעם עולם פאַר דעם פּלאַן באַשטעהט אין דעם, וואָס עס זיינען פאַראַן אַזוי פיל פאַרשידענע אינטערעסען און פאַרשידענע בעלי בתים. אָבער ווען עס איז שוין געקומען צו דערצו, אַז מען דאַרף נאָר אָנכאַפּען די זאַך מיט די הענט און זאָגען: „מיר וועלען עס צונעמען, פּונקט אַזוי ווי דער שטאַט נעמט צו אַ שטיק לאַנד וואָס מען באַדאַרף צו בויען אַן אייזענבאַן אָדער אַ פּאַרק, און מיר וועלען דאָס באַטרייבען אַזוי, אַז עס זאָל אַלעמען צוניין קומען", — ווען עס קומט שוין דערצו וועט איר ניט האָבען זעהר לאַנג צו וואַרטען אַף דעם רעזולטאַט".

דאָס זיינען ניט די רייד פון אַ סאָציאַליסט, עס רעט אַ פּאָליטישען, וועלכער איז געגען די טראָסטס און איז אויך געגען סאָציאַליזם און איז זיך אַליין מודה אַז ער ווייס ניט ווי צו העלפען די צרה.

איך וויל שליסען די איבערזיכט פון דער עפענטליכער מיי־

נונג פון דער קאפּיטאַליסטישער וועלט מיט א וואָרט פון אַ זעהר באקאנטען קאפּיטאַליסט, וועלכער איז אויך ניט געווען קיין סאָ־ציאַליסט. ער האָט זיך ערקלערט איינפארשטאַנען מיט דער פאָל־גענדער מיינונג:

„דזשיי פּירפּאַנט מארגאן, איז דאָס קינד פון דעם ענטוויקע־לונגס־געזעץ. נאָך דער טעאָריע פון באַלאַמי, איז ער נאָך אַן אינס־טרומענט אין די הענט פון אַ גרויסע מאכט. דורך עס ווערען טראַסטס פּאראייניקט צוזאמען און ווייטער פּארבונדען מיט אנדערע פּאראייניקונגען, ביז וואַנען די אונגעהויערליכקייט פון דער גאַנצער מעשה וועט דערשרעקען די מענטשהייט און וועט ענדליך פירען צו שטאַטס־אייגענטום אף אַלע געשעפטען און צו דער עמאַנציפּאַ־ציע פון דעם ארבייטער“.

אזוי האָט געזאָגט דער מיליאָנער ראַסעל סיידזש!

11.

דער שטאַט און די טראַסטס.

מיר האָבען געזעהען, אַז ביסלאַכוויים פּארברייט זיך צווישען די קאַפּיטאַליסטען גופא די מיינונג אַז די טראַסטס פירען צו סאָ־ציאַליזם. די אינטערעסען פון פילע קאַפּיטאַליסטען פּאָדערען, אַז די אייזענבאַנען, די טעלעגראַפען, די גאַז־קאָמפּאַניעס, די קוילען־גרו־בען זאָלען איבערגעהן אין קהל׳שע הענט. און עס געפינען זיך שוין אַ סך קאַפּיטאַליסטען וואָס זיינען צו גונסטען פון „קהל׳שען איי־גענטום אף נאַטירליכע מאָנאָפּאָליעס“, כאָטש צווישען די גופא, וואָס פּארלאַנגען עס וואָלטען דאָס רוב זיין דאַגעגען, אַז די רעגירונג זאָל איבערנעמען אנדערע געשעפטען.

אַ גרויסער טייל פון די קאַפּיטאַליסטען אָבער פּארלאַנגען, אַז אַלע מאָנאָפּאָליעס זאָלען געשטעלט ווערען אונטער די אויפזיכט פון דעם שטאַט. אין אמעריקע הייסט דאָס אַ גאַנצע רעוואָלוציע. ביז דער צייט פון די טראַסטס איז דאָ געווען אַלגעמיין אָנגענומען, אַז דער שטאַט טאָר זיך ניט מישען אין פּריוואַט־געשעפטען. דאָס איז דער גייסט פון די אמעריקאַנער געזעצע. אבער דער געזעץ אין אמע־

ריקע און אין ענגלאנד פאסט זיך אימער צו צו דעם, וואס דער גע־
שעפט פאדערט. ווען עס בייט זיך די לאגע פון געשעפט, בייט זיך
איבער דער געזעץ. דא היע איז דאס לייכטער איידער אין אנדערע
לענדער, ווארים דא ווערען די געזעצע גרעסטענטיילס געמאכט פאר
יעדען פאל באזונדער אין די קאורטס (אין סוד). ווען עס קומט פאר
א נייע שאלה אין קאורט, טו פארטייטשט דער דזשאדזש (דער סו־
דיא) וואס איז דער אמת'ער זין פון די געזעצע, וועלכע זיינען שוין
פאראן. און פארטייטשען קען מען יעדע זאך ווי עס פאסט. נעמט
צום ביישפיל, די קריסטליכע אמונה. בשעת יעזוס'עס ערסטע
תלמידים האבען געשריבען דעם ברית חדשה, איז נאך פון סאציא־
ליזם קיין רעדע ניט געווען. און דאך מיט נייכצען הונדערט יאר
שפעטער געפינען זיך דא אין אמעריקע סאציאליסטען וואס לייענען
דעם ברית חדשה מיט א סאציאליסטישען ניגון.

אזוי איז אויך היינט מיט דעם געזעץ, אז די רעגירונג טאר
זיך ניט מישען אין פריוואט־געשעפט. דאס איז טאקע, ריכטיק,
מאכט דער דזשאדזש, אבער דאס באטרעפט נאר לעבעדיקע גע־
שעפטס־לייט. א טראסט פארקערט איז געוועהנטלאך א קארפארעי־
שאן (אן אקציען־געזעלשאפט, ווי דער טייטש זאגט). וואס
זשע איז א קארפארעישאן? דאס איז ניט קיין לעבעדיקע פערזאן.
דאס איז א באשאפענעס פון דעם געזעץ. „א קארפארעישאן עקזיס־
טירט נאר דורך דעם, וואס דער געזעץ האט איר באשאפען און
האלט איר אוף", — האט פרעזידענט ראזעוועלט געזאגט אין זיין
צושריפט צום קאנגרעס אין 1901, — „און דערפאר האט דער
קאנגרעס דאס רעכט אכטונג צו געבען, אז די קארפארעישאנס זא־
לען זיך פירען אזוי ווי דער געזעץ הייסט". דאס זעלבע האט גע־
זאגט ברייען אין זיין קאמפיין פאר פרעזידענט אין 1900.

ווען מען באטראכט גוט דעם זין פון די ערקלערונגען, מוז מען
איינזעהען אז די „סאציאלע רעוואלוציאן", וועלכע דארף ארויסנע־
מען דעם קאפיטאל פון פריוואט הענט און שטעלען עס אונטער
קהל'שען קאנטראל, — אז ד י „סאציאלע רעוואלוציאן" איז
שוין געשעהען א צייט צוריק. די סאציאלע רעוואלוציאן האט זיך
אפגעטאן נאך דעמאלט ווען עס האבען זיך אנגעהויבען צו פארברייי־
טען קארפארעישאנס, עס איז דערפאר נויטיק צו באטראכטען די
געשיכטע פון קארפארעישאנס אין געשעפט. אנגעהויבען זיך הא־

בען זיי רעמאַלט, אַז מען האָט אָנגעהויבען בויען אייזענבאַנען. אַף צו בויען אַן אייזענבאַן האָט מען באַדאַרפט אַזוי פיל קאַפּיטאַל, אַז קיין איינציקער קאַפּיטאַליסט האָט אין יענע צייטען, אין דער ערשטער העלפט פון דעם פאַריקען יאָרהונדערט, דאָס ניט געקענט דאַקאַזשען. מען האָט זיך געמוזט צונויפלייגען און מאַכען אַ חברה און ווענדען זיך צום שטאַט, ער זאָל באַשטימען דורך געזעץ די רעכטע און די פליכטען פון דער חברה און פון די חברים. שותפ'עשע געשעפטען זיינען פריהער אויך געווען, אָבער אין אַ שותפות'דיקען געשעפט נעמט יעדער שותף אַף זיך די אחריות פאַר אַלע חברים פון דעם געשעפט. אין אַ קאָרפּאָרעישאַן אָבער, איז דאָס ניט אַזוי. אַז אַ קאַפּיטאַליסט לעגט אַריין צען טויזענט דאָלאַר אין די קאָרפּאָרעישאַן, איז ער פאַראַנטוואָרטליך נאָר מיט די צען טויזענט דאָלאַר און מער קיין סענט ניט. אַלזאָ, דער געזעץ פון שותפ'עשע געשעפטען טויג פאַר אַ קאָרפּאָרעישאַן ניט. ווען מען האָט זיך גענומען בויען אייזענבאַנען, האָבען די קאַפּיטאַליסטען דערפאַר געמוזט זיך ווענדען צום שטאַט ער זאָל מאַכען פאַר זיי אַ באַזונדערען געזעץ. אַזוי איז פאַר די לעצטע אַכציק יאָר אויסגעוואַקסען אַ גאַנצע „בבא קאָרפּאָרעישאַן“. שפּעטער האָבען זיך אָנגעהויבען צו גרינדען קאָרפּאָרעישאַנס אין אַנדערע געשעפטען אויך, וואו מען וואָלט געקענט אויסקומען אָן אַ קאָרפּאָרעישאַן אויך זעהר גוט. צום ביישפּיל, אַז מען עפענט אַ באַנק מיט אַ קאַפּיטאַל פון 25,000 דאָלאַר איז דאָס ניט דערפאַר וואָס איין קאַפּיטאַליסט פאַרמאָגט ניט אַזאַ קאַפּיטאַל אַריינצולעגען אין אַ באַנק־געשעפט, נאָר ווארים עס איז אַין פילע אַנדערע הינזיכטען בעקוועמער. פון דעם אַנדערען זייט אָבער, געפינען זיך זעהר גרויסע געשעפטען, וואָס זיינען ניט קיין קאָרפּאָרעישאָנס, ווען דער אייגענטימער פאַרמאָגט אַריינצולעגען דעם קאַפּיטאַל וואָס מען דאַרף אין אַ פּריוואַט־געשעפט דאַרף מען קיינעם ניט אָפּגעבען ראַפּאָרט, מען טוט וואָס מען וויל.

אַלזאָ פון אָנהויב האָבען זיך געגרינדעט קאָרפּאָרעישאָנס אום צונויפצוברענגען גרויסע קאַפּיטאַלען. עס איז געווען אַ פּרייוויליקע זאַך: ווען די קאַפּיטאַליסטען האָבען געוואָלט, האָבען זיי זיך פאַראייניקט אין אַ קאָרפּאָרעישאַן, ווען זיי האָבען געפונען פאַר בעסער, האָבען זיי געקענט פירען זייערע געשעפטען יעדער פאַר זיך. זינט אָבער עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו בילדען טראַסטס

איז געוואָרען אנדערס. א טראַסט ווערט געמאַכט מיט דעם צוועק צו פאַראייניקען, ווען מעגלאך אלע קאַפּיטאַליסטען פון א געוויסער אינדוסטרי. אלזאָ מוז מען מאַכען א קאָרפּאָרעישאָן. און א קאָרפּאָרעישאָן שטעהט אונטער דער אויפזיכט פון דעם שטאַט. ווער־ז'שע האָט געמאַכט די קאַפּיטאַליסטישע געשעפטען פאַר האַלב קהל'שע ? די קאַפּיטאַליסטען אליין, דורך דעם וואָס זיי האָבען געמאַכט קאָרפּאָרעישאָנס און טראַסטס. ווי ווייט דער שטאַט געפינט פאַר נויטיק אריינצומישען זיך אין די געשעפטס־פירונג פון א קאָרפּאָרעישאָן, איז אַזאַ זאַך, וואָס היינט ווערט זי באַשטימט אזוי, מאָרגען אנדערס. די הויפּטזאַך אָבער איז, אז דער שטאַט האָט באַקומען דאָס רעכט צו זאָגען ווי א געשעפט דאַרף געפירט ווערען.

„ביז וואַנען איך בין אים שטאַנד צו קויפען, וואָס איך באַדאַרף, ביי איין קרעמער, אָדער אנטקעגען ביי זיין קאָנקורענט, בעט קיינער די רעגירונג ניט, זי זאָל זיך אריינמישען אין פּריוואַט־געשעפטען. אָבער אז א טראַסט נעמט אריין אין זיינע הענט א סחורה, אָן וועלכער קיינער קען ניט אויסקומען, און צווינגט דעם עולם צו צאָלען, וואָס מען הייסט, אָדער בלייבען אָן א זאַך, וואָס יעדערער באַדאַרף זי, טו הערט אַזאַ געשעפט אויף צו זיין א פּריוואַט געשעפט", זאָגט אָן אמעריקאַנער שרייבער איבער טראַסטס.

אַלזאָ, די פאָדערונג, אז דער שטאַט זאָל זיך נעמען שטרענגער צו די טראַסטס, שטאַמט דערפון וואָס די טראַסטס זיינען פיינדליך צו די אינטערעסען פון דעם פּובליקום, ווען מען רעט פון דעם פּובליקום, מיינט מען אין דער אמת'ען די קאַפּיטאַליסטישע קונדען פון די טראַסטס, וואָס קויפען פון די טראַסטס אייזען, שטאָל, קוילען, טוך און אנדערע מאַטעריאַלען אָדער האַלב־געמאַכטע וואַרען, אָדער יענע וואָס ליפערען מאַטעריאַלען פאַר דעם טראַסט ; ווי צום ביישפּיל, וואָס ליפערען טאַבאַק בלעטער פאַר דעם טאַבאַק־טראַסט, אָדער ענדלאַך די קאָנקורענטען פון די טראַסטס. ווען אָבער, ווי מיר האָבען געזעהען, די טראַסטס פאַרברייטען זיך וואָס ווייטער רק מערער אין נייע צווייגען פון געשעפט און פאַרדרענגען זייערע קאָנקורענטען, טו הייסט דאָס, אז די צאָל פון די נעגנער פון טראַסטס ווערט רק קלענער, אלזאָ, האָט די קאַפּיטאַליסטישע אָפּאָזיציע נעגען די טראַסטס גאָר קנאַפּע אויסזיכטען.

אָבער מיט דער פאַרברייטונג פון די טראַסטס וואַקסט אָן אַ אַנערע אָפּאָזיציע, אין מיטען פון די טראַסטס גופא, וואָס פאַרלאַנגט

אז דער שטאַט זאָל זיי נעמע זאונטער זיין קאָנטראָלע.

די וויסענט׳שאפטליכע אנארכיסטען, ווי צום ביישפּיל, קראָ־פּאָטקין און ט׳שערקעזאָוו, האָבען נאָך לאַנג פאר בערנשטיינען אָנ־געוויזען אַף דעם וואוקס פון דעם „מיטעל־קלאַס“, דאָס הייסט פון מענטשען מיט „מיטעלערע איינקינפטע“. שפּעטער האָט אַף דערויף אָנגעוויזען בערנשטיין אין זיין בוך, און דערנאָך האָבען באַנוצט דעם זעלביקען ארגומענט די טראַסט מאַגנאַטען. עטלאַכע פון זיי האָבען באַהויפּטעט פאר מעק׳קינלים אינדוסטריעל קאָמישאָן, אַז הגם דער טראַסט פאראייניקט פילע געשעפטען אונטער איין פאר־וואַלטונג, צוטיילט ער צו דער זעלבער צייט דעם אייגענטום אין מע־רערע הענט. צ. ב., איידער עס האָט זיך געבילדעט דער צוקער טראַסט זיינען אינגאַנצען באַשטאַנען אין די פאר. שטאַטען ניין צו־קער פאבריקען, און יעדע האָט געהאַט אין דורכשניט דריי בעלי־בתים, צוזאמען זיבען און צוואַנציק. היינט זיינען די אַקציעס פון דעם צוקער טראַסט פארטיילט אין טויזענטער הענט. דאָס זעלבע אין אַלע אַנדערע טראַסטס. די גענויע צאָל פון אַלע אַקציאָנערען פון די טראַסטס ווייס מען ניט. מען ווייס אָבער אַז אין 1901 זיינען געווען אַן ערך פון 900,000 אַקציאָנערען פון אייזענבאַנען, נאָהענט פון 300,000 אַקציאָנערען פון באַנקען: די סטענדארד אויל קאָמפּאַ־ני האָט געהאַט 3,500 אַקציאָנערען מיט א קאַפּיטאַל פון $100,000,000. נאָך דער רעכענונג האָט עס אויסגעמאַכט אַף די $4,000,000,000 פון אַלע טראַסטס צוזאַמען 140,000 מאַן. קורץ, עס מוז זיין נאָהענט פון 1,500,000 „מיטעל קלאַס“ מענטשען, וואָס זיינען פאראינטערעסירט אין די טראַסטס. מיר האָבען אָבער געזעהען, אַז די פאַרוואַלטונג פון זייער קאַפּיטאַל ליגט אין די הענט פון עטלאַכע הונדערט פּערזאָנען, וועלכע האָבען די מאַיאָריטעט. די אינטערעסען פון די 1,500,000 אַקציאָנערען און די פאַר הונ־דערט דירעקטאָרען אָבער זיינען בשום אופן ניט איניק.

איך האָב שוין דערצעהלט פריהער, אַז בשעת די טראַסטס האָבען זיך געגרינדעט, האָבען זייערע מאַכערס אריינגעלאָזען אין דעם קאַפּיטאַל פון יעדען טראַסט מאַסען „וואַסער“. מען האָט ארויס־געלאָזען זאַגענאַנטע „קאָמאָן סטאָק“ אַף טויזענטער מיליאָנען דאָלאַר, און מען האָט זיי פארקויפט דעם „פּובליקום“. דעם „פּרע־פערד סטאָק“ האָבען די מאַכערס געלאָזען פאר זיך. מען האָט צו־

נעזאָגט די אקציאָנערען גילדערנע בערג דורך די מאָנאָפּאָליע פון
די טראַסטס, אין דער אמת'ן האָט זיך דערפון אויסגעלאָזען א נעב־
טיקער טאָג.

די קאַמאָן סטאָק האָט יאָרען־לאַנג ניט געטראָגען קיין די־
ווידענד, און דאָס איז ניט געווען דערפאַר, וואָס די טראַסטס האָ־
בען ניט געמאַכט קיין גוטע געשעפטען, נאָר דורך די מאַכערייען
פון די דירעקטאָרס. פון דעם פּראָפיט ווערט צו ערסט אָראָפּגע־
רעכענט א דיווידענד פאַר דעם פּרעפערד סטאָק, און די איבעריקע
לעגט מען אוועק אָן א זייט צו פאַרגרעסערען דעם געשעפט, אויס־
צוקויפען אזעלכע קאָנקורענטען, וואָס זיינען נאָך געבליבען, און
צום סוף אף אנצוקלייבען א קאַפּיטאַל, וואָס זאָל ליגען אָנגעגרייט
אף אזא פאַל ווען דער געשעפט זאָל א יאָר ניט טראָגען גענוג צו
באצאָלען דיווידענדען אפ'ן פּרעפערד סטאָק, זאָל מען פון יענעם
קאַפּיטאַל קענען נעמען און אויסצאָלען דיווידענדען. ווען עס
בלייבט עפּעס נאָך אלעם דעם, באקומען די געוועהנליכע סטאָק־
האָלדערס אויך עפּעס, אָבער דאָס טרעפט זעהר זעלטען. אָבער
אפילו דער אייגענטימער פון פּרעפערד סטאָק, וואָס האָט שוין
כלומר'שט ניט קיין ספּעקולאַטיווען כאַראַקטער, איז גאָר ניט גע־
זיכערט געגען אזעלכע קונצען. דער קופּער טראַסט האָט מיט א פּאָר
יאָר פאַר דעם קריזיס פון 1907 געהעכערט דעם פּרייז פון קופּער
ביז 25 סענט א פונט, בעת עס קאָסט זיי אליין העכסטענס 10
סענט. פריהער איז דער פּרייז געווען 12—13 סענט. נאַטירליך
זיינען די סטאָקס געשטיעגען אין קורס. די מאַכערס האָבען פאַר־
קויפט א טייל פון זייערע סטאָקס צו די שעפּסען. דערנאָך האָבען
זיי אין דער צייט פון א פּאָר חדשים, אין זומער 1907, נאָך פאַר
דעם קריזיס, ארונטערגעהאַקט דעם פּרייז פון קופּער ווידער אוף
13 סענט און האָבען דערנאָך ערקלערט, אז מיט אזעלכע פּרייזען איז
ניטאָ פון וואָס צו צאָלען דיווידענדען. דער קורס פון די סטאָקס
איז באלד געפאַלען מער ווי אוף העלפט, די מאַכערס האָבען איינ־
געקויפט צוריק די סטאָקס בחנם, די מאַסע סטאָקהאָלדערס האָבען
פאַרלאָרען א העלפט פון זייער קאַפּיטאַל. דאָס איז דיזעלבע זאַך
ווי קאָנפיסקאַציע. דער סטאָקהאָלדער איז מער קיין בעל הבית
ניט איבער זיין אייגענטום.

יעדע „שער“ האָט איין וואוט. ווען די מאַכערס האָבען די מאַ־

יאריטעט פון אלע שערס, טו וואס קען די מינאריטעט טאן? דערצו נאך דארף מען גאר ניט האבען די מאיאריטעט פון אלע שערס צו האבען די מאיאריטעט אין דער פארזאמלונג פון די סטאק־האל־דערס. ווי דאס ווערט געמאכט, האב איך שוין דערצעהלט. די מא־בערס זיינען שוין אלע מאל זיכער מיט א מאיאריטעט. וואס קען א מינאריטעט טאן געגען א מאיאריטעט? זי מוז אלזא זוכען שטיצע דרויסען, און זי זוכט זיך צו העלפען דורך דעם שטאאט.

מען רעט זעהר פיל וועגען דעם, אז מען מוז באשיצען „דעם פובליקום", די מענטשען וואס פארטרויען זייערע אפגעשפארטע געלט צו די טראסטס. פרעזידענט רוזוועלט האט דאס אויסגע־שפראכען אין זיין ערסטער צושריפט צום קאנגרעס, אין 1901. נאך זיין מיינונג וואלט פון אנהויב אן געגוג געווען, אז דער גע־זעץ זאל צווינגען די טראסטס צו מעלדען פאר'ן פובליקום, ווי שטעהען זייערע געשעפטען, פונקט אזוי ווי די באנקען מוזען היינט טאן. אז מען וועט וויסען עפעס נעהנטער וועגען זייערע געשעפטען, וועט מען זיך שוין יעמאלט געבען אן עצה.

ראזוועלט'ס פלאן איז אויסגעפירט געווארען אין פרעזידענט ווילסאן'ס אדמיניסטראציע, עס איז געשאפען געווארען די „פע־דעראל טרעיד באארד", וואס דארף אכטונג געבען איבער אלע קאר־פארעישאנס מיט א קאפיטאל איבער $5,000,000. אז עס וועט ביי דערביי ניט בלייבען, איז זיכער. וואס איז די פעולה פאר די סטאק האלדערס, אז זיי וויסען שוין יע אוף וויפיל מען האט זיי געזעצליך באשווינדעלט? אום צו באשיצען די סטאק־האלדערס וועט דער שטאאט געהן טיפער אין די געשעפטען פון די טראסטס, אבער ווען דער שטאאט זאל שוין זיך אנעמען פאר די סטאק־האלדערס, וועט ער געצוואונגען זיין זיך אנצונעמען פאר די אינטערעסען פון „דעם פובליקום" אויך. די קאנקורענטען פון די טראסטס זאגען, אז דער בעסטער מיטעל צו באשיצען דעם פובליקום איז אופצוהאל־טען קאנקורענציע, און דערצו דארף דער געזעץ באשטראפען „אונ־ארענטלאכע קאנקורענציע". ווען א טראסט פארקויפט אין א גע־וויסען פלאץ אונטער דעם מקח וואס עס קאסט עס אליין צו מא־כען די ווארע, נאר מיט דעם צוועק צו רואינירען א קאנקורענט, איז דאס „אונארעטלאכע קאנקורענציע".

מען קען לייכט מאכען אזא געזעץ, אף'ן פאפיר איז אלע לייכט.

אויספירען אבער אז די טראסטס זאלען פאלגען אזא געזעץ, איז אונמעגלאך. צו באווייזען אז דער פרייז איז נידעריקער איידער עס קאסט דעם טראסט צו מאכען די ווארע, מוז מען אויסהערען הונ־דערטער עקספערטען איבער הונדערטער געשעפטס־פראגען, יעדער פראצעס וואלט זיך געצויגען יארען לאנג. דער קלענער וואלט מחויב זיין צו באווייזען וויפיל עס האט געקאסט דעם טראסט צו מאכען די ווארע און ניין מאל אין צען וואלט עס אונמעגלאך זיין צו קריגען די באווייזע. ווי אונפארטייאיש די קאורט זאל ניט זיין, וואלט עס זיין אונמעגלאך צו פארמישפט'ען דעם טראסט.

סוף כל סוף וועט דער שטאט מוזען באשטימען, צו וואס פאר א פרייז דער טראסט מעג פארקויפען זיין ווארע, ווי ער באשטימט שוין היינט צו וואס פאר א פרייז די גאז קאמפאניעס מעגען פאר־קויפען גאז.

מיט דער פאדערונג איז רוזוועלט ארויסגעטראטען אין 1910. „פאראייניקונגען אין דער אינדוסטרי—זאגט ער — זיינען דער רע־זולטאט פון א צווינגענדען עקאנאמישען געזעץ, וואס קען ניט אפ־געשטעלט ווערען דורך פאליטישע געזעצגעבונג. דער פארזוך צו פארבימען יעדען סארט פאראייניקונג איז א דורכפאל. די רפואה איז ניט צו סטארען זיך צו שטערען די בילדונג פון אזעלכע פאראיי־ניקונגען, נאר צו קאנטראלירען זיי פאלקאמען אין די קהל'שע אינטערעסען".

זיין פראקטישער פלאן איז, אז דיזעלבע אויפזיכט וואס דער שטאט האט איצט איבער די „פאבליק סערוויס קארפארעישאנס", דאס הייסט איבער די קאמוניסטישע אונטערנעמונגען (אייזענבא־נען, גאז און עלעקטרישע קאמפאניעס), זאל אויסגעברייט ווערען אף די טראסטס, די רעגירונג זאל באשטימען דעם פרייז פון אלע ווארען, וואס ווערען פראדוצירט פון א טראסט, און זאל אויך האבען די מאכט צו באשטימען זייער קאפיטאל און זייערע פרא־פיטען.

לאמיר באטראכטען וואס עס הייסט, אז די טראסטס זאלען רעגולירט ווערען אף דעם זעלבען אופן ווי, למשל, די גאז־קאמ־פאניעס, דורך ספעציעלע קאמישאנס? די מאכט פון דער ניו־יארקער פאבליק סערוויס קאמישאן ליגט אין דערין וואס זי האט דאס רעכט צו באשטימען דעם פרייז פון די פראדוקטען פון די

קאמפּאַניעס, וואָס שטעהען אונטער איר השגחה : גאַז, עלעק־
טרישע קראַפט, קאַר־טיקעטס, ווען דער שטאַט (די רעגירונג) זאָל
באַשטימען דעם פּרייז פון די וואַרען, וואָס ווערען געמאַכט פון אַ
טראַסט, טו מוז די רעגירונג אופּפּאַסען, אַז דער טראַסט זאָל ניט
באַרייסען דעם עולם. אָבער צו דערזעלבער צייט קען די רעגירונג
ניט שטעלען אַזאַ נידעריקען פּרייז, אַז עס זאָל קיין פּראָפיט ניט
בלייבען פאַר די סטאָק האַלדערס. מיר רעדען דאָ ניט פון אַ
רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, וואָס וויל אוועקנעמען דעם קאַפּיטאַל
פון די קאַפּיטאַליסטען, נאָר פון דער היינטיקער רעגירונג. די קאָ־
מישאָן וועט אַלזאָ דאַרפען אויסרעכענען, וואָס עס קאָסט צו ברענ־
גען די וואַרע אויפ'ן מאַרק — און צולייגען דערצו אַ געוויסען פּראָ־
פיט. דאָ לאָמיר זיך אָפּשטעלען. ערסטענס, איז די קשיה : וויפיל,
וואָס פאַר אַ פּראָצענט ? און, צווייטענס, אַ פּראָצענט פון וואָס
פאַר אַ קאַפּיטאַל ? דער קאַפּיטאַל פון אַלע טראַסטס איז פאַרוואַ־
סערט. היינט צו טאָג, אַז אַ טראַסט צאָלט 6% אויף זיין קאַפּי־
טאַל, מאַכט דאָס אויס אפשר 20% אף דעם אמת'ן קאַפּיטאַל, וואָס
איז אריינגעלעגט געוואָרען אין געשעפט. אָבער ווען דער טראַסט
צאָלט 6%, איז יעדע שער פון זיין קאַפּיטאַל ווערט אויפ'ן סטאָק־
עקסטשענדזש $100, הגם געקאָסט האָט זי נאָר 30. היינט ווען דער
שטאַט געהט באַשטימען דעם פּראָפיט, מעג ער זאָגען : 6% איז
רעכט, נאָר לאָז דאָס הייסען 6% טאָקע אף דעם קאַפּיטאַל, וואָס איז
ווירקליך אריינגעלעגט געוואָרען אין געשעפט, דאָס הייסט, אף $30.
וואָס־זשע קומט דערפון אַרויס ? די שער, וואָס האָט זיך פריהער
פאַרקויפט פאַר $100, וועט איצטער זינקען ביז $30. דאָס הייסט,
מיט דעם רעגולירען דעם פּרייז קאָנפיסקירט דער שטאַט $70 פון
יעדע 100 פון דעם טראַסטס'ס קאַפּיטאַל. איר וועט מיך פרעגען:
ווי אַזוי, עס איז דאָך געגען די קאָנסטיטוציע צו נעמען אָן באַצאָ־
לען ? ניין, עס איז ניט. דער שטאַט נעמט דאָך ניט אוועק פון דעם
טראַסט קיין ברעקעל פון זיין מאַשינערי, פון זיין מאַטעריאַל, פון
זיינע פּראָדוקטען ; ער זאָגט אפילו ניט, אַז די הונדערט־דאָלאַר־
דיקע שער זאָל פון היינט אָן הייסען $30. חלילה, איר מעגט זיך
דאָס רופען $100. דער שטאַט נעמט נאָר און שאַצט אָפּעט, וואָס
דער טראַסט האָט, און זאָגט, אַז האָבען האָט ער ניט מער ווי אף
$30 איינגענס אויף יעדע שער, אף די $30 מעג ער צאָלען 6% די־
ווידענדען. דער פּועל יוצא דערפון אָבער איז פאַרט דער פאַר־

לוסט פון 70% פון קאפיטאל. אלזא, טאטזעכליך א קאנפיסקאציע, וואס איז געזעצליך.

היינט, ווען די רעגירונג האט דאס רעכט צו באשטימען דעם פראפיט פון א טראסט און דעם פרייז פון דער ווארע, טו רעכענט אראפ פון דעם פרייז דעם קאסט פון מאטעריאלען און דעם פראפיט, —וואס בלייבט? די שכירות פון די ארבייטער, אלזא ווען דער שטאט זאל זיך נעמען צו באשטימען דעם פרייז פון די ווארען וואס ווערען געמאכט פון א טראסט, טו מוז ער צו דערזעלבער צייט באשטימען די שכירות פון די ארבייטער, דאס הייסט, אז די רעגירונג באשטימט ווי אזוי דער ריוח פון דעם טראסט דארף צוטיילט ווערען צווישען די קאפיטאליסטען און די ארבייטער. די ארבייטער פראגע געהט אלזא אריין אין „פאליטיקס“. דאמאלס דארף מען ניט שטודירען דעם סאציאליזם צו פארשטעהען, אז די ארבייטער־פראגע איז א פאליטישע פראגע, ווען עס זאל אפהיינגען פון די פאליטישענס צו באשטימען דעם ארבייטס־לוין, וועט יעדער ארבייטער פארשטעהען, וואס פאר א בהמה ער זאל ניט זיין, אז ער מוז זעהן צו ערוועהלען א קאנדידאט, וואס וועט זיך איינשטעלען פאר די אינטערעסען פון די ארבייטער*).

---

*) א ביישפיל, ווי די רעגולירונג פון א געשעפט דורך די רעגירונג ציהט אריין די ארבייטער אין דעם פאליטישען קאמפף, האבען מיר געזעהען אין דעם פרעזידענטשאפטס־קאמפעין פון 1908. זינט 1889 עקזיסטירט דא די „אינטערסטעיט קאמערס קאמישאן“, א סארט אייזענבאן־מיניסטעריום, ווי עס זיינען פאראן אין איראפעאישע לענדער. אין 1906 האט דער קאנגרעס איר געגעבען די מאכט צו רעגולירען די אייזענבאן־פראכט. באלד נאכדעם האבען די געשעפטסלייט איבעראל אנגעהויבען צו אגיטירען פאר ביליגערע פראכט. דא אבער האט זיך אריינגעמישט דער קריזיס, די אייזענבאנען האבען אין דערין דערזעהען א גוטען תירוץ צו העכערען די פראכט. וואס־זשע טוען זיי? זיי האבען געגעבען אנצוהערעניש, אז זיי קענען מיט די אלטע טאריפען ניט צאלען די אלטע שכירות און וועלען מוזען די שכירות ארונטערייסען. מילא, וואלט דאס ניט געווען קאמפעין־צייט, וואלט אפשר די רעגירונג אין דעם עסק זיך ניט אריינגעמישט. דא אבער האט זיי פרעזידענט ראזעוועלט געלאזט וויסען, אז אויב זיי וועלען זיך דערוועגען

דער אַרבייטער קלאַס און דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס (די סטאַק־האָלדערס) וועלען דעמאָלט שטעהען איינער אנטקעגען דעם אַנדערען אין דער פּאָליטיק, אָן קיין שום פאַרשטעלענעס. וואָס גרעסער איז דער פּראָצענט פון פּראָפיט, דאָס נידריקער זיינען די שכירות; וואָס העכער די שכירות, דאָס ווייניקער בלייבט פאַר דעם קאַפּיטאַל. וואָס מערער דער אַרבייטער וועט באַקומען, וואָס קירצער עס וועט זיין דער אַרבייטס־טאָג, וועט דער אַרבייטער ווערען מער מענטש, ער וועט ווערען געבילדעטער, עס וועט זיך עס וועלען לעבען מער ווי א מענטש דאַרף לעבען. דער חלק פון דעם אַרבייטער וועט שטייגען, דער חלק פון קאַפּיטאַל וועט זינקען. די ראָלע פון דעם קאַפּיטאַליסט וועט באַשטעהען נאָר אין דעם וואָס ער וועט ציהען א געוויסען פּראָצענט פון געשעפט, די גאַנצע פירונג פון געשעפט וועט זיין אונטער דער אויפזיכט פון דעם שטאַט. דאָס איז אַזאַ צושטאַנד פון וועלכען עס האָט אַמאָל געשריבען דער גרויסער אוטאָפּיסטישער סאָציאַליסט פוריעי, וואָס האָט פאַרלאַנגט אַז אַלץ וואָס ווערט אויפגעאַרבייט אין דער געזעלשאַפט זאָל צוטיילט ווערען נאָך א געוויסער פּראָפּאָרציע צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט און דער גאַנצער געשעפט זאָל שטעהען אונטער דער אויפזיכט פון דעם שטאַט. דאָס איז דער צושטאַנד פון וועלכען עס

דאָס צו טאָן, האָט ער אף זיי אַ בייטש. אַלזאָ, זעט איר, אַז רעגולירען די פראַכט הייסט רעגולירען אַרבייטס־לוין.

די בראָדערהודס פון די אייזענבאַן אַרבייטער האָבען באַשלאָסען פון זייער זייט, אַז זיי וועלען אַרבייטען פאַר טאַפט'ן, וואָרים טאַפט וועט זיין גוט־פריינד מיט די אייזענבאַנען און וועט זיי לאָזען העכערען די פראַכט, דעמאָלט וועלען זיי קענען צאָלען דעם אַלטען אַרבייטסלוין. אַלזאָ, ווייבאַלד דער שטאַט האָט אַ דעה איבער אַרבייטסלוין, זעט איהר שוין, אַז עס נעמט ניט לאַנג, די אַרבייטער זאָלען וואוטען פאַר אַ קאַנדידאַט, וואָס דורך עם האָפען זיי צו קריגען אַ העכערען אַרבייטס־לוין.

צי זיי זיינען געווען גערעכט דערמיט, וואָס זיי האָבען זיך פאַרטרויט אין טאַפט'ן, צי ניט, דאָס איז דאָ ניט די פראַגע. דער עיקר איז וואָס זיי זיינען אריינגעצויגען געוואָרען אין די פּאָליטיק צו באַשיצען זייערע אינטערעסען אַלס אַרבייטער.

האט געשריבען איינער פון די באגרינדער פון דעם וויסענשאפטליכען סאציאליזם קארל ראדבערטוס.

נאטירלאך, אליין העננט אפ דערפון, אין וואסערע חלקים דער פראדוקט זאל איינגעטיילט ווערען. אבער אין א דעמאקראטי־שען שטאט, וואו דער ארבייטער קלאס איז אן ערך 40% פון דער באפעלקערונג, קען דער ארבייטער קלאס שוין זאגען אין דערין א רעה.

ווען די געזעלשאפט זאל זיין אזוי איינגעארדענט און דער פראפיט זאל ארונטערזינקען ביז א קליינעם פראצענט, קען רעמאלט קומען אזא צייט, אז די געזעלשאפט זאל אין גאנצען אויסקויפען פון די קאפיטאליסטען זייער רעכט צו ציהען א פראפיט פון דעם געשעפט.

עלפטער קאפיטעל:

דער פלאַטץ פון די טראַסטס אין דעם מאַרקסיסטישען סיסטעם.

1.

דער ארייננוואַקסען פון דעם קאַפּיטאַליזם אין סאָציאַליזם*).

איך האָב אייך געגעבען צו פארשטעהען, ווי די טראַסטס וואקסען אין אמעריקע. איצטער קענען מיר א שמועס טאָן איבער דעם, וואס די טראָסטס האָבען צו טאָן מיט'ן סאָציאַליזם. ווי איהר ווייסט, האָט זיך דער ערסטער טראָסט, און ביז היינט נאָך איינער פון די גרעסטע, ראקעפעלערס סטענדארד אויל. געגרינדעט אין 1882, ווען קארל מארקס איז שוין געלעגען א טויט קראנקער. מיט עטלאכע חדשים שפּעטער איז ער געשטאָרבען. ארום דער זעלביקער צייט האָבען זיך אין דייטשלאנד גענומען גרינדען קארטעלען, דאָס הייסט אף אמעריקאנער לשון „פּולס", פאראייניקונגען פון אונאפּהענגיקע קאפּיטאליסטען צו באַשטימען דעם פּרייז. אין איירָאפּא איז נאָך עד היום ווייטער ניט געגאנגען, א חוץ אין ענגלאנד, וואו די יענקים הויבען אָן איינפירען אמעריקאנער מעטאָדען. די סאָציאליסטישע שרייבער האָבען באלד פון אָנהויב אָנגעצייגט, אז די טראָסטס באווייזען נאָך אמאָל, אז קארל מארקס איז געווען גערעכט, — אלע געשעפטען ווערען פאראייניקט אין א קנאפּער צאָל הענט. אָבער דאָס האָט מען שוין געוואוסט פאָר איידער די טראָסטס האָבען זיך גענומען גרינדען. דער עיקר פון די טראָסטס, אז זיי אָרגאניזירען דעם געשעפט פון דער געזעלשאפט מיט א סאָציאליסטישען פלאן פארשטעהט מען נאָך זעהר ווייניק. קארל מארקס, אין זיין „קאפּיטאל", רעט אימער פון דער

---

*) אוגוסט בעבעל האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ רעדע אין 1892, אַז די קאפּיטאליסטישע געזעלשאַפט „וואקסט ארייין אין סאָציאליזם". די ראָליע פון די טראָסטס האָט ער אָבער דערביי ניט בארירט.

קאפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט ווי פון איינער וואָס איז געגרינדעט אויף קאָנקורענציע. ער זאָגט, אז דער געשעפט ווערט פאַראייניקט אין ווייניקער הענט דורך דעם, וואָס איין גרויסער קאַפּיטאַליסט קוילעט אוועק א סך קלענערע און דאָס טוט ער דורך קאָנקורענציע. ער פאַרקויפט וועלוועלער און זיי מוזען אָפּטרעטען. קאָנקורענציע אליין, ווייזט זיך עס אויס, איז בעסט פאַרבונדען מיט'ן קאַפּיטאַליזם, און ער זאָגט בפירוש, אז ער וועט די נאַטור פון קאָנקורענציע גאָר באַזונדער ניט אונטערזוכען. נו, די ענטוויקלונג פון די סטאַ״ס האָט באַוויזען אז קאָנקורענציע ווערט אָפּגעשאַפט נאָך אונטער דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל, ווערט אָפּגעשאַפט פון די קאַפּיטאַליסטען גופא.

די ענטוויקלונג פון טראַסטס ווייזט, אז די נעקסטע מדרגה נאָך קאָנקורענציע איז ניט סאָציאַליזם, נאָר פּריוואַט מאָנאָפּאָליע. סאָציאַליזם וואַקסט אויס פון פּריוואַט מאָנאָפּאָליע, סאָציאַליזם איז קהל'שע מאָנאָפּאָליע. דער ערסטער, וואָס האָט דעם געדאַנק אויסגעשפּראָכען, איז געוועזען עדוארד בעלאַמי, אַן אַמעריקאַנער, אין זיין בוך, „לוקינג בעקוואַרד", וועלכער איז ערשינען אין 1888, בשעת עס האָט זיך אָנגעהויבען א שטאַרקע אַגיטאַציע געגען די טראַסטס. ער זאָגט, אַז סוף כל סוף וועלען זיך אַלע טראַסטס פאַראייניקען אין אַן אַלגעמיינעם טראַסט. און דער אַלגעמיינער טראַסט וועט זיין „דער פאָלק" אליין. ווי דאָס וועט פּאַסירען זאָגט ער ניט, ווארים דעמאָלט איז נאָך די זאַך ניט געווען קלאָר. עס האָבען זיך אין דער פראַגע סך הכל אינטערעסירט נאָר סאָציאַליסטען, רעפאָרמערס און געלערטע. א געשעפטליכען אינטערעס האָבען אין איר אין גאַנצען געהאַט א קליינע צאָל מענטשען, וועמען עס האָט אליין צוגעקוועטשט. אבער די פאַרברייטונג פון די טראַסטס האָט צוגעקוועטשט א סך קאַפּיטאַליסטען, און עס האָט זיך דעמאָלט ארויסגעוויזען אַז די אינטערעסען פון די קאַפּיטאַליסטען זיינען גאָר ניט אייניק. אין דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס גופא געהט פאָר א קאַמפּף וואָס צוטיילט עס אין פיינדליכע לאַגערן. און דער קאַמפּף צווישען די קאַפּיטאַליסטען מאַכט ביסלאַכווייז איבער פּריוואַט־מאָנאָפּאָליע אין קהל'שע מאָנאָפּאָליע. ווען די קאַפּיטאַליסטען און די פאַרמערס (א גרויסער טייל פון דעם „מיטעלקלאַס") פאָדערען, אז די רעגירונג זאָל איבערנעמען די אייזענבאַנען, איז דאָס א שטיקעל סאָציאַליזם. און זיי וועלען דאָס געוויס אויספירען.

ווען קאפיטאליסטען און געשעפטס־לייט פאדערען, אז די רעגירונג זאל צונעמען די טעלעגראפען, איז דאס ווייטער אשטיקעל סאציאליזם. ווען די געשעפטס־לייט פאדערען אז די שטאט זאל איבערנעמען די גאז קאמפאניעס און די טעלעפאנען, איז דאס נאך א שטיק סאציאליזם. ווען די קאפיטאליסטען שרייען, אז די רעגירונג זאל איבערנעמען די קוילען־גרובען, האט איר ווייטער א היפשען ביסען סאציאליזם. ווען די סטאק־האלדערס, דאס הייסט, די שותפים פון די טראסטס, פארלאנגען, די רעגירונג זאל האבען א דעה אין דעם געשעפט פון די טראסטס, איז דאס נאך קיין סאציאליזם ניט, אבער עס איז אן אנהויב. זאל מען נאר לאזען די רעגירונג אריינמישען זיך אין די געשעפטען פון א טראסט, דעמאלט וועט שוין קענען פארקומען די פראגע, פאר וועמען זאל זיך די רעגירונג אנעמען. ווען די קאפיטאליסטען פארלאנגען, אז די רעגירונג זאל אזוי אדער אזוי באשטימען די פרייזען פון די ווארען, וואס ווערען געמאכט פון א טראסט, טו איז דאס שוין א היפשע שטיק סאציאליזם, ווארים דאס צווינגט די רעגירונג צו באשטימען וויפיל פראפיט מעג דער קאפיטאליסט מאכען און וויפיל שכירות זאל דער ארבייטער קריגען.

ווער האט דער רעגירונג געגעבען דאס רעכט צו מישען זיך אין די געשעפטען פון די טראסטס? די טראסטס אליין. ווי אזוי? ווייל זיי קענען ניט באשטעהן ווי פריוואט־געשעפטען, זיי מוזען זיין קארפארעישאנס, און א קארפארעישאן איז פון אייביק אן געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער רעגירונג. קיינער האט די קאפיטאליסטען ניט געצוואונגען זיי זאלען מאכען פון זייערע פריוואט געשעפטען קארפארעישאנס, זיי האבען דאס מיט זייער אייגענעם ווילען געטאן, ווארים אנדערס קענען זיי ניט פארניכטען די קאנקורענציע און מאכען א מאנאפאליע.

איר זעט אלזא אז די קאפיטאליסטען אליין, יענע וואס בויען טראסטס און יענע וואס ווילען זיי ציברעכען, טוען יעדערער זיין קליינע שטיקעל ארבייט, איבערצומאכען די פריהערדיקע פריוואט־קאפיטאליסטישע געזעלשאפט אין א געזעלשאפט פון שטאטס־קאפיטאליזם, אדער שטאטס־סאציאליזם.

עס איז א קלאסען־קאמפף, אבער ניט צווישען דעם קאפיטאליסטישען קלאס און דעם ארבייטער־קלאס, ווי מארקס האט עס

זיך פערגעשטעלט, נאר צווישען קאפיטאליסטען און קאפיטאליסטען.

ווען עס וואקסט אויס פון פריוואט־קאפיטאליזם שטאטס־קאפיטאליזם, אדער שטאטס־סאציאליזם (עס איז אלץ איינס), דעמאלט ערסט קומט פאר דער קלאסען קאמפף צווישען דעם גאנצען ארבייטער־קלאס און דעם גאנצען קאפיטאליסטען־קלאס. עס האנדעלט זיך אבער ניט אום סאציאליזם, נאר צי די ארבייטער זאלען קריגען דריטהאלבען דאלאר א טאג צי פינף דאלאר, ווי ביי פארד'ן אין זיין אויטאמאביל־פעקטארי, — דאס דארף דער שטאט באשטימען. דער ארבייטער וויים, אז ווען ער וועט וואוטען פאר דעם קאפיטאליסטישען קאנדידאט, וועט ער בלייבען ביי זיינע אלטע שכירות, ווען ער וועט וואוטען פאם דער ארבייטער־קאנדידאט, וועט ער קריגען מיט א פאר דאלאר א טאג מער. זעט ער, אז עס איז בעסער כדאי צו וואוטען פאר דעם ארבייטער־קאנדידאט. און ווען עס זאל שוין האלטען ביין וואוטען פראכט וועגען די פאר דאלאר א וואך, טו זיינען פאראן מער ארבייטער־וואוטס איידער קאפיטאליסטישע וואוטס.

און אזוי געהט דאס : היינט א פאר דאלאר, איבער א יאר מיט א שטונדע ארבייט א טאג ווייניקער. עס איז פאראן אביסעל מער קליינגעלט אין קעשענע און צייט ארויסצוגעהן איז אויך פאראן. מ'זעט זיך אן א סך גוטע זאכען, עס ווילט זיך זיי האבען, עס ווילט זיך ניט זיין ערגער פאר לייטען. וויפיל איר זאלט א מענטשען ניט צאלען, וועט עס רק זיין קנאפ. אלזא, מוז דאס פירען דערצו, אז דער פראצענט פון דעם דיווידענד מוז שטענדיק זינקען. סוף כל סוף קען בלייבען פאר די קאפיטאליסטען אזא קליינער פראפיט, אז עס וועט זיך זיי פשוט לוינען בעסער צו פארקויפען זייערע ביזנעס דעם שטאט און קריגען שטאטס־באנדס. די ארבייטער ווידער בארעכענען זיך אויך, אז ס'איז כדאי אויסצוצאלען די קאפיטאליסטען, פטור צו ווערען פון זיי איין מאל פאר אלע מאל, מ'זאל זיך ניט דארפען רייסען שטענדיק איבער א דאלאר. אזוי ווערט אפגעשאפט דער קאפיטאליסטען־קלאס אין גאנצען און דער סאציאליזם ווערט מקיום אין פולען.

די גאנצע מעשה ווערט אויסגעפירט גאר אן רעוואלוציע, אן קיין שום באגייסטערונג פאר וואסערען אידעאל, נאר דורך די טאג־טעגלאכע רייסעריי איבער די פאר דאלאר.

ניט די קאפּיטאליסטען און ניט די ארבייטער אינטערעסירען זיך ניט מיט דער סאָציאליסטישער טעאָריע. (היינט צו טאָג איז דאָס געווים ריכטיק אין אמעריקע). קיינער קוקט ניט ווייטער איידער זיין נאָז. יעדער זאָגרט נאָר פאר זיינע אייגענע בויך־אינטערעסען, מיט איין וואָרט די גאנצע וועלט ענדערט זיך אף א ריין עקאָנאָמישען וועג.

איר זעהט אַלזאָ, אז דער סאָציאליזם קען אויסוואקסען לאנגזאם פון קאפּיטאַליזם, פונקט אַזוי ווי דער קאפּיטאליזם איז אויסגעוואקסען פון דעם שבט־קאָנוניזם. איך האָב שוין געוויזען אין א פריהערען קאפּיטעל, אז אויב דער סאָציאליזם קען ניט קומען אנדערס ווי דורך א רעוואָלוציאָן, דאָס הייסט דורך באגייסטערונג פאר אן אידעאַל, טו הייסט עס אז אין מארקס'עס תורה איז ערגעץ פאראן א לאָך. וואָרים ביז אהער, ווייזט מען אונדז, האָט זיך די וועלט ארויפגעארבייט פון איין מדרגה אף די אנדערע, אף א ריין עקאָנאָמישען וועג, און דאָ, ווען מען קומט אָן צום רעכטען פונקט, ווען מ' האלט שוין ביי'ן איבערגעהן פון קאפּיטאליזם צום סאָציאַליזם, איז מיט אמאָל נאָ דיר ! מ' דארף גאָר האָבען באגייסטערונג, אידעאליזם, אנדערש'ס וועט דאָס ניט געהן. איך האָב אייך באוויזען, אז דער סאָציאליזם קומט אפילע גאָר אָן סאָציאליסטען.

2.

דער סאָציאליזם לאָזט זיך ניט איינפירען הורך אַ רעוואָלוציע.

די אמעריקאנער רעוואָלוציאָנערע סאָציאליסטען זיינען ניט מסקים אוף דעם, אז דער סאָציאליזם זאָל איינגעפירט ווערען ביסלאַכווייס, דורך די ענטוויקעלונג פון „נאַטירליכע מאָנאָפּאָליעס" און טראָסטס*). זיי ווילען ניט אנדערש אלץ מיט אמאָל, און

*) אין דעם זין האָט קריטיקירט מיינע אויספירונגען ערנעסט אונטערמאַן, ווען זיי זיינען צוערסט ערשינען אין 1900 אין דער „אינטערנעשאָנאל סאָשאליסט רעוויאו" אין ענגליש, און שפּעטער אַ סך אָרטאָדאָקסישע מארקסיסטען אין דער אידישער פּרעסע.

דורך זייער פארטיי. זיי וועלען זיך ניט לאזען נארען פון רעפאר־מערס: די אייזענבאנען זאלען איבערגעהן צום שטאט — אלל רייט, אבער ניט פריהער איידער די סאציאליסטישע פארטיי וועט האבען אירען א פרעזידענט אין דער „ווייסער הויז“.

עס קלינגט זעהר רעוואלוציאנער, ווען אן אסעמבלי דיסטריקט פון דער סאציאליסטישער פארטיי ערקלערט, אז ביז וואנען די פארטיי וועט ניט עראבערען די פאליטישע מאכט, איז דער דיסט־ריקט איינשטימיק דאגעגען, אז די אייזענבאנען זאלען באלאנגען צו דער רעגירונג. וואס טוט מען אבער, אז דער אמעריקאנער פאלק וועט גאר ניט דערהערען די שטימע פון דעם דיסטריקט?

די ענטוויקלונג פון קאמוניזם אין אלע קאפיטאליסטישע לענדער ווייזט אונדז, אז א גוטער חלק פון סאציאליזם וועט איינ־געפירט ווערען ניט דורך א פראלעטארישער רעוואלוציאן, נאר דורך קאפיטאליסטישע פאליטיק. די אייזענבאנען זאלען איבערגעהן צום שטאט, פארלאנגען די פארמערס און קליינע געשעפטס־לייט, די טעלעגראפען זאלען איבערגעהן צום שטאט, פארלאנגען אויך גע־שעפטס־לייט, און די טעלעפאנס זאלען איבערגעהן צו דער שטאט, פארלאנגען אויך געשעפטס־לייט. דער קוילען־טראסט וועט מיט דער צייט אויך קומען אן דער רייהע: די קאפיטאליסטען וועלען סוף כל סוף פארלאנגען, אז די קוילען־גרובען זאלען באלאנ־גען צום שטאט, א. א. וו. בקצור, אויב עס זאל א מאל קומען צו א רעוואלוציאן, וועט א גוטער חלק סאציאליזם שוין פריהער זיין איינגעפירט.

שטעלט זיך אבער פאר, אז עס האט היינטיקען טאג אויס־געבראכען „די סאציאלע רעוואלוציאן“, און עס האט זיך געביל־דעט א „רעוואלוציאנערע דיקטאטור פון פראלעטאריאט“, באשטע־הענד פון אונקאמפראמיסליכע און וויסענשאפטליכע רעוואַ־לוציאנערען, וואס וואלטען זיי געקענט אופטאן היינט צו טאג? די אייזענבאנען, טעלעגראפען, טעלעפאנען, און אלע טראסטס וואלט זיי אנגעקומען גאר לייכט צוצונעמען: אנשטאט דעם איצ־טיגען באארד אף דירעקטארס וואלט מען אומעטום אנגעשטעלט קאמיטעס פון גוט־שטעהענדע גענאסען, אבער אלע בעאמטע און ארבייטער וואלטען געבליבען אף זייערע פלעצער און דער געשעפט וואלט געגאנגען ווי בעפאר. העכערען דעם ארבייטס־לוין, פאר

קירצען די ארבייטס־צייט, איבערבייטען עטלאכע פאָרלייט, וואָלט אויך גענומען צייט, אָבער פיל קאָפּ־ברעכענעס איז אין דערין ניטאָ. וואָס וואָלט מען אָבער טאָן מיט די טויזענטער קליינע געשעפטען, רעסטאָראנס, גראָסעריעס, קלאָדינג־סטאָרס, אָפּטייקען, צייטונגס־סטענדס, א. אז. וו.? וואָס וואָלט מען געטאָן מיט די טויזענטער קליינע שעפּער און פאבריקען? נאָך דער פאָלקס־צעלונג, וואָס איז געווען דאָ, אין אמעריקע 1910, איז דאָ פאראן אַן ערך א האלבער מיליאָן אונטערנעמער אין דער אינדוסטרי, וואָס וואָלט מען געטאָן מיט די מיליאָנען פארמערס? ארויסגעבען אַן אוקאז, אז מ׳זאָל ביי אלע פארמערס צונעמען די לאנד און מאכען קאָזיאנע גראסערים? ווי פיל צייט דארף דאָס סעריעס און מאכען קאָזיאנע גראָסערים? ווי פיל צייט דארף דאָס נעמען און וואָס וועט מען דערווייל טאָן — פאסטען? ווי עס שיינט וועט די רעוואָלוציאָנערע דיקטאטור זיין פארנומען א היבשע ביסעל צייט. מיט אמאָל וועט אפילו אַן אונקאָמפּראָמיסליכע קאָמיטע ניט קענען איבערסטראָיען די גאנצע וועלט. מ׳וועט זיך מוזען נעמען צו יעדער זאך איינציקווייז, „וואָן טהינג עט א טיים“. ביז וואנען די רעוואָלוציאָנערע דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט וועט עקספּראָפּריאירען ביי אלע שטיוועלפוצערס זייערע פּראָדוקציאָנס־מיטעל — די קעסטלאך מיט שואוואקס און מיט די בערסטלאך, וועלען דערווילע די סאָדא־וואסער־סטענדס און די באנאנאָ־סטענדס פארבלייבען אין קאפּיטאליסטישע הענט.

היינט, אז די רייהע וועט קומען צי די פארמערס, וועט די וויסענשאפטליגע דיקטאטור האָבען צרות: עס איז אַ סברא, אז די אונוויסענשאפטליגע פויערים וועלען זיך איינשפארען און וועלען ניט לאָזען ביי זיי אוועקנעמען די לאנד, די בהמות, און די פלוהעס. מען וועט נאָך אפשר מוזען ארויסשיקען סאָציאליסטישע מיליץ, צו שיסען די קליין־בירגערליכע פארמערס, זיי זאָלען זיך ניט בונטעווען אנטקעגען דעם סאָציאליזם. דאָס איז נאָך אָבער אויך ניט אלץ. ווען די רעוואָלוציאנערע דיקטאטור נעמט איבער אַן אייזענבאַן, האָט זי ניט וואָס מורא צו האָבען, אז עס וועט זיך יאווען א קליין בירגערליכער בעל עגלה, וואָס וועט פון איר אוועקנעמען די לייזונג. אָבער לאָמיר זאָגען די רעוואָלוציאָנערע דיקטאטור האָט איבערגענומען אלע לאָנדרים, וואָס טוט מען אז ערגעץ אין אַ דאָרף נעפינט זיך א גוי׳ע, וואָס נעמט וואשען גרעט אהיים,

און עס געפינען זיך לייט וואָס שטערען די סאָציאַליסטישע איי־ניקייט און גיבען איר זייער גרעט אנשטאָט עס צו שיקען אין די סאָציאַליסטישע לאַנדרי ? וואָס איז די פעולה איבערצונעמען די לאַנדרים, אז מאָרגען קען קומען אן אונוויסענשאַפטליכע גוי'ע וואָס קען מאַכען א קליינעם פּריוואַט־געשעפט און דורך דעם קאַליע מאַ־כען דעם גאַנצען סאָציאַליסטישען פּלאַן ? וואָס טוט מען, אז די איטאַליענער וועלען אונגעזעצליך פאַרקויפען באַנאַנעס ? מ'וועט מסתמא מוזען האַלטען א גאַנצען שטאַט סאָציאַ־ליסטישע דעטעקטיווס און אקציזנע, זיי זאָלען אַכ־טונג געבען, אז קיינער זאָל ניט האַנדלען מיט אזעלכע זאַכען, וואָס זיינען שוין איבערגעגאַנגען צו דער רעוואָלוציאָנערער דיק־טאַטור, און קיינער זאָל ניט מאַכען קיין שאַפּ פאַר אזעלכע אר־בייטען וואָס ווערען באַטריבען פון דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאַ־טור. ווען אפילו עס זאָל מעגלאַך זיין, אַ דיקטאַטור מיט אזעלכע משוגענע פּלענער זאָל געלינגען אריינצוכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט, טו ווי מיינט איר ווי לאַנג וואָלט דויערען ביז וואַנען אזא דיק־טאַטור וואָלט אַנגעלייגט מיט די קעפּ ? ווען די רעגירונג נעמט איבער אזא געשעפט, וועלכער געפינט זיך שוין אין ווייניקע הענט, שטערט זי דערמיט קיינעם ניט. למשל, מילך ווערט שוין היינט צו טאָג צוגעשטעלט אין גרויסע שטעט אלעמען אהיים, וואָס מאַכט אייך אוים, צי די מילך קומט פון דעם מילך־טראַסט, צי פון דער רעגירונג ? אָבער נעמט א קליינע שטעטעל וואו די מילך ווערט צוגעשטעלט פון די ארומיקע פאַרמערס, און שטעלט זיך פאָר, די רעגירונג פאַרווערט זיי צוצושטעלען מילך דירעקט צו די קונדען און פאַרלאַנגט עס זאָל דורכגעהן דורך די קאָנטראָלע פון דער רעגי־רונג, — וועמען וואָלט אזא קאָנצעליאַרטשינע ניט דערעסען ווע־רען ? קיין דיקטאַטור קען ניט אריינשפּאַרען אין סאָציאַליסטישע פאָרמעס אזעלכע געשעפטען, וואָס זיינען נאָך צוברעקעלט אין טויזענטער הענט. אַפילו א „רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" וואָלט מוזען צופרידען זיין מיט אזעלכע אינדוס־טריען, וועלכע זיינען שוין אין די הענט פון א טראַסט, אָדער אזעל־כע, וואָס געפינען זיך שוין אין ווייניקע הענט. אלזאָ, די אלע רייד

פון „דער סאָציאַלער רעוואָלוציע", וועלכע וועט איבערקערען די וועלט קאַפּויר מיט אַמאָל, זיינען ניט מער ווי אַן איינבילדונג. דער גאַנצער סאָציאַליזם קען ניט איינגעפּירט ווערען מיט א מאָל, אפילע דורך א רעוואָלוציע. בּיסלאַכווייז אָבער לאָזט זיך א היפּשער חלק איינפירען אָן א רעוואָלוציע. עס איז דערפאַר ניט „י־סענשאַפטליך" עס איז פּשוט נאַריש אָפּצולייגען די גאַנצע פּראַקטישע ארבּייט פאַר דעם סאָציאַליזם ביז וואַנען משיח וועט קומען. די „סאָציאַלע רעוואָלוציע" האָט זיך שוין לאַנג אָנגעהויבען, מיר לעבען היינט אין דעם רעכטען מיטעל פון א „סאָציאַלער רעוואָלוציאָן", און זי וועט זיך נאָך ציהען א היבשעביסעל צייט. ווען די בירגער פון שיקאַגאָ האָבען ערקלערט ביי דעם וואהל פון 1091, אַז זיי זיינען פאַר קהל'שען אייגענטום אויף אַלע שטאָט מאָנאָפּאָליעס, איז דאָס געווען א שטיקעל „סאָציאַל רעוואָלוציאָן". ווען די אייזענבאַנען זאָלען איבערגעהן צו דער רעגירונג, וועט דאָס זיין א גוטער שטיק „סאָציאַל רעוואָלוציאָן", און אַזוי כסדר.

זיכער, די מאָנאָפּאָליסטען וועלען זיך פאַר אַלצדינג לאָזען גוט באַצאָלען, און מיט א רעוואָלוציע קען מען דאָס אַלץ אוועקנעמען אומזיסט. „פאַר וואָס זאָל מען די רויבער נאָך צאָלען ?" קאָכט זיך דער רעוואָלוציאָנער. דערפאַר ווייל עס איז פּשוט וועלוועלער. די באַפרייאונג פון די שקלאַפען אין די פאַראייניקטע שטאַטען האָט אָפּגעקאָסט מערער איידער אַלע שקלאַפען זיינען בשעת מעשה ווערט געווען צו קויפען אין מאַרק. עס וואָלט זיך א סך בעסער געלוינט זיי אויסצוקויפען איידער צו פירען א מלחמה פיר יאָר.

א רעוואָלוציע קען ניט אַלע מאָל אויסמיידען, דאָס איז אמת, אָבער די רעוואָלוציע באַשאַפט ניט די נייע אָרדענונג, זי ראַמט נאָך אויף די קלעצער פון וועג, אויף וועלכען די וועלט געהט פאָרווערטס.

3.

שלום-באַמערקונגען איבער אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם.

איך וויל פאַרענדיקען מיט אַן ענטפער אויף א פּאָר קריטיקעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען בשעת דיזער קאַפּיטעל איז ערשינען אין אַן ארטיקעל־סעריע. ראשית, וואָס איז אידעאַליזם, און וואָס איז מאַטעריאַליזם ? אַז מ' טרעט אַן א קאַץ אויפ'ן עק און זי שרייט, טו וואָס איז דאָס, פרעגט איין קריטיקער, מאַטעריאַליזם אָדער אידעאַליזם ? עס ווענדעט זיך אַן דעם וואָס זי שרייט : צי זי וויל

נאר מ'זאל איר דעם עק איינלאזען, ציי זי מיינט א „דעקלארעי־
שאן אוו אינדעפענדענס"*).

ווען די סאציאליסטען האבען אויסגעארבייט א געוויסען פלאן,
וואס איז זייער אידעאל, און זוכען איינצורייזען די ארבייטער. זיי
זאלען דעם פלאן אויספירען, איז דאס אידעאליזם, ווארים די
ווירקליכקייט איז אין דעם פאל דער רעזולטאט פון דעם אידעאל.
ווען דער קאפיטאליסט פארלאנגט אז די רעגירונג זאל צונעמען די
קוילען־גרובען, איז דאס ניט קיין אידעאליזם, ווארים דער קאפי־
טאליסט האט נאר אין זינען, אז קוילען זאלען וועלוועלער ווערען,
ניט דעם סאציאליסטישען אידעאל. ווען דער ארבייטער פאדערט
א דאלאר מערער א טאג, איז דאס אויך ניט
קיין אידעאליזם, ווארים דער ארבייטער פארשטעהט
נאר ניט, אז עס איז א שריט צו דער אויספירונג פון דעם
סאציאליסטישען אידעאל. (אפילו די סאציאליסטען זעהען עס ניט
איין). ווען די רוסישע רעגירונג נעמט איבער די אייזענבאנען, איז
דאס ניט קיין אידעאליזם, ווארים זי מיינט ניט דערמיט מקיים צו
זיין דעם סאציאליסטישען אידעאל, נאר צו באנוצען די אייזענבא־
נען אין צייט פון מלחמה. ווען אבער מיט הונדערט יאר שפעטער
ווייזט זיך אויס, אז פון די אלע וואכעדיקע קליינקייטען איז אויס־
געוואקסען א גאנצער סיסטעם, וואס מ'רופט „סאציאליזם", פאר־
שטעהט מען, אז ער איז אויסגעוואקסען פון עקאנאמישע אורזא־
כען און ניט פון דעם סאציאליסטישען אידעאל.

יעדער פארשטעהט, אז די זאך ווערט ניט געמאכט אן מענ־
טשען, מענטשען מוזען זי אויספירען, און געוועהנטלאך טוט א
מענטש קיין ארבייט ניט שלאפענדיק. זיין געדאנק ארבייט. דער
עיקר איז אבער וואס פאר א געדאנק ער האט ביי דערביי: ציי
איז ער ביי זיך באוואוסט פון דעם גאנצען געזעלשאפטליכען פלאן
און ארבייט טאקע עס אויסצופירען, ציי ער טראכט נאר וועגען זיין
פערזענליכע שטיקעל מלאכה, גאר אן קיין שום אידעאלען. אין
דעם לעצטען פאל איז דער רעזולטאט גאנץ פארשידען פון דעם,
וואס דער מענטש האט בשעת מעשה געטראכט, דערפאר קען מען
דאס ניט רופען אידעאליזם.

---

* די אמעריקאנער „ערקלערונג פון אונאפהענגיקייט" פון 1776.

ווען דער סאָציאַליסט קומט צו גערען און קוקט דאָס אַן און זאָגט, אַז דאָס קומט דער סאָציאַליזם, און די וועלט הערט עם ניט, אָדער לאַכט עם אויס, און טוט זיך ווייטער אירע וואָכעדיקע אַר־בייט, הייסט דאָס, אַז די סאָציאַליסטישע לערע איז נאָר אַ סימן פון דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג, ניט קיין אורזאַכע.

דער מענטש איז געגליכען צו אַ גערטנער, זאָגט אַף דערויף אַן אַנדערער פון מיינע קריטיקער. ווען דער גערטנער זאָל ניט שאָקלען דעם בוים, וועלען די עפּעל ניט אַראָפּפאַלען, סיידען ער רעט פון חד גדיא, וואָרים אַז ניט, מוז ער וויסען, אַז עפּעל פאַלען אַליין אַראָפּ פון בוים, ווען זיי וואַקסען אויס און ווערען צו שווער, אָדער אַ ווינט רייסט זיי אַראָפּ. אַנדערע חיות קלייבען טאַקע די עפּעל, ווען זיי ליגען שוין אַף דער ערד. די מאַטעריאַליסטישע פילאָסאָפיע מוז ווייזען, ווי דער סאָציאַליזם וואַקסט אויס, ווען די מענטשען לעבען קאַלופּענדיק מיט'ן פינגער אין נאָז, ווי אַ רוסי־שער שרייבער דריקט זיך אויס.

דאָס, האָף איך, האָב איך אין דעם קאַפּיטעל באַוויזען. ווען דאָס וואָלט ניט געקענט באַוויזען ווערען, ווען דער סאָציאַליזם וואָלט ניט אַנדערש געקענט קומען ווי דורך אַ קלאַסען־בעוואוסטע סאָציאַליס־טישע רעוואָלוציאָן, דאַן וואָלט די מאַטעריאַליסטישע פילאָסאָפיע צוגעהינקט.

די אָרטאָדאָקסישע מאַרקסיסטען, וואָס גלויבען אין אַ „סאָציאַלע רעוואָלוציאָן", פאַרמאַכען די אויגען אַף דעם ווידערשפּרוך. אומ־באַוואוסטערהייט שטעלען זיי זיך אַף דעם שטאַנדפּונקט פון דיור־רינג'ען, געגען וועמען ענגעלס האָט געריכטעט זיין באַרימטען פּאָ־לעמישען בוך: „אַנטי־דיורינג".

דיורינג האָט באַהויפּטעט, אַז דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטי־שער סיסטעם שטאַמט פון רויב, פון געוואַלט: דער פונדאַמענט איז געווען מלחמה, פון מלחמה איז אַרויסגעקומען שקלאַפעריי פון די באַזיגטע און דער רייכטום פון די זיגער, דורך מלחמה און רויב האָט זיך ענטוויקעלט דער קאַפּיטאַליזם, דער גרונד פון דעם קאַפּי־טאַליסטישען סיסטעם איז אַלזאָ אַ פּאָליטישער, ניט קיין עקאָנאָ־מישער, די עקאָנאָמישע אָפּהענגיקייט איז דער רעזולטאַט פון פּאָ־ליטישער אונטערדריקונג, ניט פאַרקערט. וואָס זאָגט אַף דערויף ענגעלס? ער באַווייזט, אַז פון דעם פאַרצייטיקען שטאַם האָט זיך

געמוזט ענטוויקלען א געזעלשאפט, אין וועלכער די ארבייט איז איינגעטיילט צווישען אפגעזונדערטע הויזגעזינדען, וואס מען רופט „ווארען־פראדוקציאן“; דאס הייסט אז א געוויסער טייל פון די זאכען וואס ווערען געמאכט מוזען אויסגעביטען ווערען אפ׳ן מארק. נעמט, למשל, א פויער האט אופגעהאדעוועט א פאר פערד צו פארקויפען; אין א פינסטערע נאכט קלייבט זיך צו עם אריין אין שטאל א ציגיינער און פארשפארט עם די טרחה צו פירען די פערד אין מארק, — הייסט דאס, אז דער פערד־מארק איז באשאפען געווארען פאר פערד־גנבים? וויבאלד עס זיינען פאראנען פערד אויף צו פארקויפען, איז ווען ניט דער פערד־גנב וואלט זיי דער בעל הבית אליין פארקויפט און ער וואלט געהאט די געלט וואס איז אריינגעפאלען דעם גנב אין די הענט.

ווייטער זאגט ענגעלס, ווען עס איז שוין פאראן א געזעלשאפט מיט ווארען־פראדוקציאן, טו מוז פון איר אויסוואקסען א קאפיטאליסטישע געזעלשאפט. מלחמות, רויבעריי שפילען דא פונקט אזא ראלע ווי דער פערד־גנב אין מיין ביישפיל.

אמת, אין ענגלאנד האט מען פארטריבען די פויערים פון זייער לאנד און זיי זיינען דאדורך געווארען פראלעטאריער. דאס איז געווען דער אנפאנג פון קאפיטאליזם. די פראפארציע דארף מען דאך אבער ניט פארגעסען: נאך אלעמען, מיט דעם לאנדרויב, מיט די מלחמות, מיט אלערליי געוואלט, איז ענגלאנד מיט א 150 יאר צוריק געווען א לאנד פון פויערים, ניט מער ווי אן ערך 10% פון אלע פארדינערס זיינען געווען פראלעטאריער, פאבריק־ארבייטער. דא זיינען אבער געקומען די מאשינען, און אין 1890 האבען די פארמערס מיט די פארם־ארבייטער פון גאנץ ענגלאנד אויסגעמאכט סך הכל 10% פון אלע פארדינערס. אלזא פון 90% פויערים ביז 10%, — 80% האבען אנגעווארען זייערע פארמס דורך די ענטוויקלונג פון מאשין־ארבייט. אף יעדען פויער וואס איז געווארען א פראלעטאריער דורך רויב, האט די מאשין געמאכט א האלב טוץ פראלעטאריער גאנץ שטיל און פאוואליע.

דער קאלעקטיווער באוואוסטזיין פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס איז דא געווען גאר א זייטיקע זאך. ווען מען גריבעלט זיך אין דער ליטעראטור פון יענער צייט, געפינט מען פילאסאפען, וועלכע

זיינען געווען קלאסענבאוואוסטע אדוואקאטען פון קאפיטאליזם. זייער איינפלוס אבער אף די ענטוויקלונג פון קאפיטאליזם איז געווען פונקט אזוי גרויס, ווי דער איינפלוס פון די היינטיקע אמע־ריקאנער פראפעסארען פון פאליטישע עקאנאמיע אף די ענטווי־קלונג פון די טראסטס. איר מעגט זיין זיכער, אז ראקעפעלער, מארגאן אדער קארנעגי האבען זיך ניט מישב געווען מיט פראפע־סאר קלארק אין זייערע אונטערנעמונגען, און די ענגלישע קאפיטא־ליסטען מיט הונדערט יאר צוריק זיינען געווען העכסט אונוויסענ־דע קערלען. די קאפיטאליסטען האבען אופגעבויט דעם קאפיטא־ליזם, דעמאלט זיינען געקומען די עקאנאמיסטען און האבען גענומען טיפזיניק באטראכטען, פון וואנען דאס האט זיך גענומען אף דער וועלט. דאס איז דער געשיכטליכער מאטעריאליזם, ווי ער ווייזט זיך אויס אין דער ווירקליכער גשיכטע. ווען ער איז ריכטיק געווען מיט הונדערט יאר צוריק, מוז ער זיך לאזען צופאסען אף דעם זעלבען אופן צו די היינטיקע פארהעלטניסע.

מענטשען, וואס האבען זיך אופגעהאדעוועט אף די אידעען פון דעם רעוואלוציאנערען סאציאליזם, קענען ניט פארשטעהן, ווי אזוי די קאפיטאליסטען וועלען „זיך אליין" אפשאפען. אט האט אין 1905 די לעדזשיסלייטשור פון קענסאס באשלאסען צו בויען א שטאטס־רעפיינערי אף צו מאכען קאראסין. דאס איז שטאטס־סאציאליזם. ווער האט דאס דורכגעפירט? די קלאסענבאוואוסטע ארבייטער? די סאציאליסטישע פארטיי? דאס האבען געמאכט די קאפיטאליסטען, וועלכע פראדוצירען רויהע אויל, ווייל זיי האבען דערמיט זיך צו העלפען געגען דעם סטענדארד אויל טראסט. „דער" קאפיטאליסטישער קלאס איז נאר איניק געגען דעם ארביי־טערקלאס, צווישען זיך אבער האבען פארשידענע גרופען קאפיטא־ליסטען פיינדליכע אינטערעסען. מיר האבען זיך איינגעוואהנט צו באטראכטען דעם סאציאליזם אלס דעם אויסשליסלאכען אידעאל פון דעם ארבייטערקלאס, דערפאר דוכט זיך אונדז, אז די קאפי־טאליסטען זיינען „נארען", ווען זיי אונטערשטיצען דעם שטאטס־סאציאליזם; ציהט אויף אבער, ווען די סאציאליסטישע פארטיי וועט ווערען א שטארקע פארטיי, וועלען זיך די קאפיטאליסטען אלע פאראייניקען געגען „פאטערנאליזם"! רבונו של עולם, ווי אלט דאס איז! עס איז ניט דער צוואנציקסטער יארהונדערט, עס איז נאך אלץ 1847. ווער וועט זיך מיט וועמען פאראייניגען? די אויל־

פראדוצענטען וועלען מוחל זיין דעם טראסט, וואס ער מאכט זייער קאפיטאל צו גארנישט. די פארמערס וועלען מוחל זיין דעם פלייש־טראסט, וואס ער לאזט זיי ניט מאכען קיין פראפיט, אבי אויסצושטעכען אן אויג דעם פארהאסטען סאציאליזם. די אקציאנערען פון דעם טראסט וועלען מוחל זיין די קליקע מארגאנס און ראקעפעלערס, וואס נעמט זיך אראב די סמעטענע און לאזט פאר זיי אפילו די זויערמילך אויך ניט. אלע וועלען ווערען איייניק אין דעם קאמפף געגען „פאטערנאליזם“! קינדיש. דער פריוואט־קאפיטאליסט כאפט זיך פאר שטאטס־קאפיטאליזם, ווארים ער זעט אין דערין דעם איינציקען מיטעל צו באשיצען דעם אייגענטום פון דעם גאנצען קאפיטאליסטישען קלאס געגען די קליינע באנדע טראסט־מאגנאטען*).

ווען די היינטיקע אינטערעסען פון די סטאקהאלדערס פאדערען, דער שטאט זאל באשיצען זייער אייגענטום, ווייל אליין זיינען זיי ניט בכח עס צו באשיצען געגען די קליקע וואס האלט די לייצעס, טו מעגט איר זיכער זיין, זיי וועלען זיך גאר ניט פארטראכטען וועגען דעם, וואס עס וועט קומען אין א פינף און צוואנציק אדער פופציק יאר ארום.

ווען אבער איר פארשטעהט וואס עס איז די מאטעריאליסטישע אויפאסונג פון דער געשיכטע, טו מוזט איר וויסען, אז די עקאנאמישע ווירקונג פון דעם וואס א סאציאלער קלאס טוט, ווערט ניט באשטימט דורך דעם וואס ער אליין ערקלערט וועגען דעם.

דער קאמפף צווישען פארשידענע גרופען פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס שטופט זיי צו מאכען אזעלכע שריט וואס מוזען זיי ברענגען צום שטאטס־סאציאליזם, צי זיי פארשטעהען עס, צי זיי פארשטעהען עס ניט. די סאציאליסטען שטעהען זיך אן א זייט און שיטען קללות אף דעם „שטאטס־קאפיטאליזם“.

---

*) אין 1905 האט פרעזידענט ראזעוועלט צונויפגערופען עטלאכע גרויסע אייזענבאן־פרעזידענטען און האט זיי געזאגט, אז אויב זיי וועלען ניט איינוויליגען, אז די אייזענבאנען זאלען רעגולירט ווערען דורך די רעגירונג, וועט זיך דער געשריי געגען די אייזענבאנען אויסלאזען מיט „סאציאל־דעמאקראטיע“. ער האט דעם ווארט פארטייטשט אלס שטאטס־אייגענטום.

אלזא, ווי עס ווייזט אויס, וועט דער שטאַט־סאָציאַליזם אײנ־געפירט ווערען גאָר אָן סאָציאַליסטישע פילאָסאָפען, אזוי ווי דער קאַפּיטאַליזם איז איינגעפירט געוואָרען אָן די קאַפּיטאַליסטישע פילאָסאָפען.

צוועלפטער קאפיטעל:
דער שטאטס־סאציאליזם.

מיר האבען געזעהען, ווי די סאציאליסטישע אידעען פאר־שפרייטען זיך צווישען דעם גאנצען עולם, אפילע צווישען קאפיטא־ליסטיש געזאנענע מענטשען. דאכט זיך די סאציאליסטען האבען זיך געזאלט פרייען דערמיט, עס איז אבער א מאדנע זאך: זינט דער סאציאליזם איז ארויס פון די סאציאליסטישע קלייזלאך אין די ברייטע וועלט, האלטען די „אמת'ע" סאציאליסטען אין איין ציטער־נעס, אז מען וועט ביי זיי ארויס'גנב'ענען דעם סאציאליזם און ער וועט פארפרעמדט ווערען.

איך מיין דאס ניט אין שפאס, אין דער „אינטערניישאנאל סאשאליסט רעוויאו" אין 1902 איז געווען אן ארטיקעל פון דעם רעדאקטאר אליין, וואו ער מאכט אויפמערקזאם די לעזער אף די גע־פאר, אז די קאפיטאליסטען ווילען גנב'ענען דעם סאציאליזם פון די סאציאליסטען, און זיינען געפאלען אפ'ן פלאן איינצופירען א פאלשען סאציאליזם, כדי דערמיט אויסצומיידען דעם אמת'ען רע־וואלוציאנערען סאציאליזם.

וואס דער שטאטס־סאציאליזם געפינט סימפאטיע צווישען די קאפיטאליסטען, ווארים צווישען די קאפיטאליסטען גופא געהט אויך פאר אש טענדיקע מלחמ, און פון די קאפיטאליסטען טראכטען אנדערע, אז דער שטאטס־סאציאליזם קען זיי ראטעווען פון די טראסטס, — דאס פאלט אונדזער „מאטעריאליסטען" גאר ניט איין.

אין פריהערדיקע יארען, איז אין יעדער סאציאליסטישער געשטאנען א פונקט, אז די אייזענבאנען דארפען איבערגעהן צום שטאט, און נאך דערגלייכען. היינט ערקלערען שוין די אמת'ע טאל־נער חסידים פון דעם רעוואלוציאנערען סאציאליזם, אז דאס איז גאר קיין סאציאליזם ניט, אז דער שטאטס־סאציאליזם איז ניט מער ווי „שטאטס־קאפיטאליזם".

דער גלייכווערטעל שטאמט פון ליעבקנעכט'ען. ער האט גע־מיינט אז דאס איז א וויץ, אין דער אמת'ען איז דאס טאקע ריכ־טיק אזוי, אבער איבערגעדרעהט פארקערט: שטאטס־קאפיטא־ליזם איז שטאטס־סאציאליזם.

פון פריוואט־קאפיטאליזם וואקסט אויס מיט דער נאטור שטאטס־קאפיטאליזם, און אזוי ווערט „שטאטס־סאציאליזם" איינ־געפירט אין דער געזעלשאפט.

היינט לאמיר פרעגען, מיט וואס איז דער שטאטס־סאציאליזם ניט קיין אמת׳ער סאציאליזם? ווארים, הייסט דאס, אונטער דעם שטאטס־סאציאליזם איז דער שטאט דער באלעבאס איבער די אר־בייטער, און אונטער דעם עכטען רעוואלוציאנערען סאציאליזם וועלען די ארבייטער אליין באלעבאטעווען איבער די אייזענבאנען, די מעטאל און קוילען גרובען, די פאבריקעס וכדומה.

וואס זשע מיינט מען, ווען מ׳ זאגט, אז די ארבייטער וועלען אליין באלעבאטעווען איבער אלע געשעפטען? הייסט דאס אז די אייזענבאן־ארבייטער וועלען אליין באשטימען וויפיל שעה אין א מעת־לעת זיי זאלען ארבייטען און ווי פיל זיי זאלען קריגען פון דעם קהל׳שען שפייכלער ברויט, פלייש, שיך און אלערליי אנ־דערע זאכען? איך האב אמאל געלעזען אזא ערקלערונג, דאס איז גאר קיין סאציאליזם ניט: עס איז ניט קיין שטאטס־קאפיטאליזם, עס איז איינפאכער פריוואט־קאפיטאליזם.

די נפקא מינה פון דער היינטיקער ארדענונג צו אזא כלומרשט סאציאליסטישער ארדענונג איז אין גאנצען נאר אין דעריין, וואס היינט באשטעהט דער אייזענבאן־טראסט פון הונדערט טויזענט קא־פיטאליסטישע סטאק־האלדערס (אקציאנערן) און דעמאלט וואלט דער טראסט באשטאנען פון א מיליאן ארבייטער־סטאקהאלדערס. מיינט איר אז די ארבייטער־סטאקהאלדערס וועלען זיין מלכים און קוקען נאר אויף טובות הכלל? וועלען די אייזענבאן ארבייטער ניט פרובירען צו קריגען פאר זיך וואס מער און וואס בעסער, וועלען זיי ניט פרובירען דורך דעם צו בארייסען אלע ארבייטער פון אלע אנדערע פאכען? אן אידעאליסט זאגט, אז דער סאציאליזם וועט מקיים ווערען דורך דעם וואס אלע מענטשען וועלען ווערען הויך מאראליש דורך די סאציאליסטישע אניטאציע. נו, מילא אז אלע וועלען זיין הויך מאראליש, וועלען זיי זיך אלע פירען ווי די צוויי פראנצויזען אלפאנס און גאסטאן אין די אמעריקאנער וויצענבלעט־טער: איינער וועט רק זארגען, דעם אנדערען זאל זיין גוט. אבער דאס פאסט נאר ניט פאר „מאטעריאליסטען“, וואס טענה׳ען רק פון „קלאסען־אינטערעסען“, זעט מען דען ניט ווי די יוניאנס רייסען זיך איינע מיט די אנדערע? האלטען זיך דען די אייזענבאן־ארבייטער היינט־צו־טאג ניט פאר גרעסערע

יחסנים איידער די איבריקע ארבייטער ? ווי אזוי קען זיך די גאַנצע ארבייטערשאַפט פארלאָזען אָף איין פּאַך ארבייטער אז זיי זאָלען זיך אליין נעמען אזוי פיל וויפיל זיי ווילען ? דער גאַנצער עולם וועט וועלען האָבען א דעה וויפיל יעדער פּאַך ארבייטער זאָל ליפערען ארבייט און וויפיל ער זאָל באַקומען פון קהל'שען שפּייכלער. ווי אזוי קען דער גאַנצער עולם דאָס באַזאָרגען ? דער עולם וועט מוזען אויסקלייבען בעאַמטע, וועלכע זאָלען דאָס אלין באַזאָרגען. הײַנט ווי אזוי וועט דאָס זיין אונטער „שטאַטס־קאַפּיטאַליזם ?“ דער „שטאַט“ וועט באַשטימען אלע איינצעלהייטען דורך זיינע בעאַמטע. נו, און פון וואַנען נעמען זיך די בעאַמטע פון דעם שטאַט דאָ אין אמעריקע ? זיי ווערען ערוועהלט פון דעם גאַנצען עולם. טו זאָגט זשע מיר, וואָס איז די נפקא מינה צווישען דעם „רעוואָלוציאָנערן“ סאָציאַליזם און „שטאַטס־סאָציאַליזם“ ?

די שטימונג געגען דעם „שטאַטס־סאָציאַליזם“ שטאַמט פון דייטשלאַנד. דער דייטשער שטאַט האָט א קאָנסטיטוציע, אָבער דער פאָלק האָט נאָך זעהר ווייניק וואָס צו זאָגען אין דער רעגירונג. דער דייטשער שטאַט איז נאָך א פּאָליציי־שטאַט, און דער שטאַטס־סאָציאַליזם איז דאָרטען א פּאָליציי־סאָציאַליזם, ווען מ' קייט אָבער איבער די זעלבע רייד דאָ היע, אין א דעמאָקראַטישען שטאַט, קומט אויס, אז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע טויג בכלל אָף כפּרות. ענגעלס האָט אין זיין ביכל איבער דעם „אורשפּרונג פון דער פאַמיליע, דעם פּריוואַט־אייגענטום'ס און דעם שטאַטס“ ענטוויקעלט דעם געדאַנק, אז דער שטאַט וועט מיט דער צייט אָפּשטאַרבען*). דיעזער געדאַנק איז א קאָמפּראָמיס מיט דעם אַנאַרכיזם, ער שטאַמט פון דער צייט פון דעם קאַמפּף צווישען די מאַרקסיסטען און די באַקוניסטען אין דעם ערסטען אינטערנאַציאָנאַל. אויב מען האַלט זיך קאָנסעקווענט אַן דעם געדאַנק, אז די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט איז דער פונדאַמענט, אָף וועלכען עס ווערט אופגעבויט איר פּאָליטישע ארגאַניזאַציע, טו קען דער שטאַט נאָר אָפּשטאַרבען, ווען דער פאָרטשריט פון דער

---

*) דער ביכל איז צוזאַמענגעשטעלט פון נאָטיצען, וואָס זיינען איבערגעבליבען פון קארל מאַרקס. ענגעלס האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט און זיי ארויסגעגעבען אין דער פאָרמע פון א בוך.

טעכניק זאָל ברענגען דעם מענטשען אזוי ווייט, אז א פּאָר מענטשען זאָלען קענען מיט זייער אייגענער ארבייט זיך פארשאפען אלץ וואָס זיי באַדאַרפען, זיי זאָלען קענען אויסקומען אָן דער איבעריקער וועלט. א רוסישער אינזשענער ענגעלמייער האָט מיט א יאָר דריי־סיק צוריק פאָראויסגעזאָגט, אז די ענטוויקלונג פון עלעק־טראָטעכניק וועט מעגלאך מאכען פאבריקלאך, וועלכע וועלען זיך באנוצען מיט עלעקטרישע קראפט פון א צענטראלער סטאַנציע, אזעלכע פאבריקלאך וועלען אימשטאנד זיין צו קאָנקורי־רען מיט גרויסע פאבריקעס. דורך דעם וועט די ענטוויקלונג פון דער אינדוסטרי זיך פארקערעווען צוריק פון דער גרויסער פאבריקע צו דעם קליינעם ווארשטאט, און מיט דער צייט וועלען מיר ווידער האָ־קליין־אינדוסטרי. און קליין־אינדוסטרי איז דער טעכנישער פונ־דאַמענט פון אינדיווידואליזם. ווען איר זייט א דרוקער, ארבייט אליין פאר זיך אין אייער אייגענער דרוקעריי, גאָר אָן קיין שום געדונגענע ארבייטער, און ווען איר זאָלט גאָר שטענדיק האָבען ארבייט און די ארבייט זאָל זיך גוט באצאָלען, טו זייט איר פריי ווי א פויגעל; איר האָט קיין באָס ניט איבער זיך, איר שטעלט זיך צו דער ארבייט, ווען עס געפעלט אייך, און איר געהט אהיים ווען עס געפעלט אייך, איר דארפט קיין יוניאָן ניט און איר פאר־שפּאָרט צו סטרייקען, קורץ, איר זייט זיך גאָר אליין א פריץ און ווילט פון קיינעם ניט וויסען. מיר ווייסען אָבער אז אזא צושטאנד קען זיך אין אונדזער געזעלשאפט ניט האַלטען, פון דער קליין אינדוסטרי האָט זיך ענטוויקעלט דער קאפיטאליזם און עס מוז זיך ענטוויקלען דער קאפיטאליזם*).

---

*) דאָס איז אין אַלגעמיין אָנערקענט אין דער סאָציאַליסטישער לי־טעראַטור. די סינגעל טעקסער און די אַנאַרכיסטען ליקענען עס, זיי זאָגען, אז דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך ענטוויקעלט ניט דורך פרייע קאָנ־קורענץ, נאָר דורך מאָנאָפּאָליעס, קיין פרייע קאָנקורענץ האָט נאָך די וועלט ניט געפּרופט. ווען די קאָנקורענץ זאָל באמת זיין פריי, זאָ־גען זיי וועט דערמיט אַלעמען פארזיכערט ווערען גלייכהייט און וואָהלשטאַנד. דאָס זעלבע זאָגט אויך פּראָפעסאָר קלארק פון קאָלאָמביא יוניווערסיטי, דער אנארקענטער נביא פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּאָלי־טישער עקאָנאָמיע. פאלעמיזירען דאָ מכח דעם איז ניט מיין אויפגאבע. איך האלט די סאָציאליסטישע אנשויאונג פאר די ריכטיקע און פון דעם

ווען איר שטעלט זיך פאר אזא געשעפט, ווי דער שטאל־טראסט, אין וועלכען עס זיינען אנגעשטעלט ארום צוויי הונדערט טויזענט ארבייטער פון פענסילווייניע ביז מינעסאטא, טו מוזט איר צוגעבען, אז דער געשעפט וואלט קיין איינציקע וואך ניט געקענט געהן, ווען יעדער איינער פון די ארבייטער זאל זיך שטעלען צו דער ארבייט, ווען עס געפעלט עם און ענדיקען, ווען עס געפעלט עם, און אויסקלייבען פאר זיך אזא שטיקעל ארבייט, וואס געפעלט עם בעסער, אזוי ווי ער וואלט געטאן ווען ער וואלט געארבייט פאר זיך אין זיין אייגענעם שאפ. מ׳ מוז האבען אן ארגאניזאציע מיט א סופעראינטענדענט, מיט א פארמאן, מיט רולס (פראווילעס). דער שטאל־טראסט איז אבער נאר א פריוואט־געשעפט, אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט, וועלען צענדליקע אזעלכע געשעפטען פאראייניקט ווערען אין איין אלגעמיינעם קהל׳שען געשעפט. אזא געשעפט וועט מוזען האבען א צענטראלע פארוואלטונג פאר אלגעמיינע בעראטונג, מיט לאקאלע פארוואלטונגען פאר לאקאלע אנגעלעגענהייטען, מיט אלגעמיינע רולס און מיט לאקאלע רולס. היינט פון וואנען וועט זיך נעמען די פארוואלטונג? זי וועט ערוועהלט ווערען פון אלע ארבייטער; אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט וועלען דאך אבער אלע זיין ארבייטער, מעגען מיר אלזא זאגען, אז די פארוואלטונג וועט ערוועהלט ווערען פון דעם גאנצען פאלק, אמת? ווייטער די רולס וועלען אויך געמאכט ווערען פון דעם גאנצען פאלק, ווי אזוי? אין אמעריקע זיינען פאראן הונדערט מיליאן מענטשען. ווי קענען זיי אלע צוזאמען מאכען רולס? האט איר אמאל געפרופט פארהאנדלען געשעפטען אין א מאס־מיטינג פון טויזענט מענטשען? געוועהנלאך מוז מען ערוועהלען א קאמיטע וואס זאל מאכען די רולס און דערנאך מוז מען איבער זיי אפשטימען. וואס זשע איז די נפקא מינה פון א „פארוואלטונג“, וואס איז ערוועהלט פון דעם גאנצען פאלק אין דער שטאט ניו־יארק, ביז צו דעם מעיאר און די אלדערמען — וועלכע ווערען אויך ערוועהלט פון דעם זעלבען פאלק? אדער וואס איז די נפקא מינה פון דער קאמיטע, וואס מאכט די רולס פאר דעם גאנצען לאנד ביז צו דעם קאנגרעס? אין דער טעאריע איז דער פרעזידענט אדער דער מעיאר אייער א

שטאנדפונקט באטראכט איך די ווייטערע עקאנאמישע ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט.

משרת און איר זייט א קיסר איבער דעם פרעזידענט : אַן שפּאס, א קיסר, „אַן אמעריקאַן סאָווערין". ווען דער פּאָליסמאַן גיט אייך מיט'ן קלאָב איבער'ן קאָפּ איז דאָס אים נאָמען פון דעם סוּאווע־רענעם אמעריקאנער פאָלק.

די רולס וואָס וועלען געמאַכט ווערען צו רעגולירען די פי־רונג פון א „געזעלשאפטליכער" פאבריק אונטערשיידען זיך ניט אין פּרינציפּ פון די רולס, וואָס ווערען היינט געמאַכט פאר דעם ברוקלינער נעיווי־יארד, איז עס עפּעס אנדערס ווי א פאבריק, וואָס באלאנגט צו דעם גאַנצען אמעריקאנער פאָלק ? און ווער מאַכט די רולס פאר די נייווי־יארד היינט, ניט א קאָמיטע וואָס איז ערוועהלט פון דעם פאָלק, דער קאָנגרעס פון די פאראייניקטע שטאַטען ?
קענען די בעאַמטע פון א פאבריק אימיצען צווינגען מיט גע־וואלט צו האלטען זייערע בעשליסע, האָבען זיי די מאַכט דאָס צו טאָן ? אודאי, פאר ניט פאָלגען די רולס פון אייער פעקטאָרי וועט אייך דער סופּעראינטענדענט ניט אריינזעצען אין פּריזאָן, עס איז אמעריקע, א פרייע מדינה, ער וועט אייך נאָר משלח זיין, געבען די סעק בלע"ז. ווען אייערע ווייבזשעס זיינען צען דאָ־לאר א וואָך און איר וועט ארומגעהן ליידיק א וואָך ביז איר וועט קריגען א נייעם דזשאָב איז דאָס אזוי ווי איר וואָלט שטראפירט געוואָרען מיט צען דאָלאר אין פּאָליס קאָרט.

און, וואָס מיינט איר, אז די פאבריק זאָל באלאנגען צו די „ארבייטער", וועלען זיי ניט געצוואונגען זיין צו פאָלגען די באשלי־סע פון דעם פאָלק ? ווען איר זייט א מעמבער פון א יוניאָן, צו זייט איר דען ניט געצוואונגען צו פאָלגען די רולס פון אייער יו־ניאָן ?

אלזאָ רופט עס אַן ווי איר ווילט, ווען די „געזעלשאפט" איז די בעל הבית'טע איבער דער גאנצער פּראָדוקציאָן, טו האָט איר ערוועהלטע בעאַמטע וועלכע איר מוזט פאָלגען, איר האָט באשליסע וועלכע איר מוזט פאָלגען, איר האָט אלזאָ דעם גאנצען אפּאראט פון דעם היינטיקען שטאַט.

דער אויסדרוק „קאָאָפּעראַטיוו קאָמאָנוועלטה", (קאָאָפּערא־טיווע רעפּובליק), וועלכער שטאַמט פון לאָרענס גראָנלונד האָט

צוטומעלט די קעפּ ביי פילע אמעריקאנער סאָציאַליסטען. מ׳ בילדעט זיך איין, אז נאָך דער „סאָציאַלער רעוואָלוציאָן" וועט יעדער שאָפּ זיין א קאָאָפּעראטיווע אונטערנעמונג און די ארבייטער פון שאָפּ וועלען אליין זיין די בעלי הבתים פון זייער שאָפּ. אז קיין איינציקער געבילדעטער סאָציאַל־דעמאָקראט אין אייראָפּא שטעלט זיך ניט פאָר דעם סאָציאַליזם אין אזא פאָרם, קענט איר זיך לייכט דערוויסען, ווען איר וועט אריינקוקען אין קאוטסקי׳ס ביכעל „די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן", אין דער לעצטער צייט האָט מען צווישען סאָציאַליסטען זיך גענומען אינטערעסירען מער ווי אמאָל מיט דער קאָאָפּעראטיווער באוועגונג, לאָמיר־זשע א קוק טאָן, וואָס פאָר א שייכות האָט זי מיט דעם סאָציאַליזם.

קאָאָפּעראציע האָט געמאכט גרויסע פאָרטשריט אין האנדעל, הויפּטזעכליך אין ענגלאנד. די קאָאָפּעראטיווע גענאָסענשאפטען מאכען געשעפטען אף הונדערטער מיליאָן דאָלאר. פארגעסט אָבער ניט, אז עס זיינען פאראן אין ענגלאנד עטלאכע מיליאָן ארבייטער פאמיליעס, וואָס יעדערע פארצערט יערלאך ווייניקסטענס א פאָר הונדערט דאָלאר אין אלערליי ווארען. דער גאנצער פארברויך פון דעם ארבייטער־קלאס באטרעפט א פאָר טוי־זענט מיליאָן, דאָס אלעס ווערט געקויפט אין געוועהנלאכע קראָ־מען, קליינע אָדער גרויסע. ווען מ׳זאָל בארעכנען די געשעפ־טען פון די דעפּארטממענט סטאָרס אין די גרויסע שטעט, וועט זיך געווים ארויסווייזען א גאנץ היפּשע סומע, פיל גרעסער מסתמא פון אלע קאָאָפּעראטיווע סטאָרס.

קאָאָפּערעישאָן האָט באקומען א ווירקליכע סאָציאַלע באדיי־טונג אין לאַנדווירטשאפט, אין דענעמארק, אין דייטשלאנד, אין איירלאנד, אין פינלאנד, אין אמעריקא האָבען זיך זינט די ניינצי־קער יאָרען פון דעם פארגאנגענעם יאָרהונדערט געגרינדעט גרויסע קאָאָפּעראטיווע געגאָסענשאפטען צווישען פארמערס. אין אָמעריקא אליין זיינען אין אלע קאָאָפּעראטיווע געגאָסענשאפטען צוזאמען פאראנען עטלאכע מיליאָן מיטגליעדער, די באוועגונג איז אבער נאָך אזוי יונג, אז מ׳ קען דערווייל ניט פאָראויסזאָגען, ווי זי וועט זיך ווייטער ענטוויקלען, יעדענפאלס קען מען נאָך דערווייל ניט רעכענען איינצופירען דעם סאָציאַליזם אין דער פארמעריי. די

קאָאָפּעראַטיווע גענאָסענשאַפטען זיינען א סאָרט קאָמפּראָמיס צווי־
שען פּריוואַט־אייגענטום און סאָציאַליזם.

קען מען זיך פאָרשטעלען דעם סאָציאַליזם אלס א פאַרבאַנד פון פרייוויליקע קאָאָפּעראַטיווע גענאָסענשאַפטען אין דער גרויסער אינדוסטרי ? נעמט למשל, אזא געשעפט, ווי דער שטאָל־טראַסט, וואָס באַשטעהט פון א פּאָר הונדערט פאַרשידענע פאַבריקען, וואָלט מען זיי צוטיילט, יעדע פאַבריקע זאָל פאַר זיך מאַכען שבת? דאָס הייסט, סאָציאַליזם וואָלט באַדייטען א שריט צוריק פון דער היינטיקער צענטראַליזאַציע אין געשעפט צו א צושפּאַלטונג אין קליינע געשעפטלאַך פון עטלאַכע הונדערט פּערזאָן! פון וואַנען איז דאָס קענטיק, אז עפּעס אזוינס וועט פּאַרקומען? און א געזעלשאַפט פון הונדערט מיליאָן מענטשען איז ניט קיין קליינע קאָלאָניע פון אידעאַליסטען, וואו מ׳ מאַכט סאָציאַלע עקס־פּערימענטען. א געזעלשאַפט וואַקסט, דער טראָסט האָט באַזייטיקט די פאַראיינצעלטע פאַבריקע, ווייל ער באַדייטעט א פאָרשריט אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבייט. דאָס גילט פאַר די סאָציאַ־ליסטישע געזעלשאַפט פּונקט אזוי ווי פאַר די קאַפּיטאַליסטישע. אָבער לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז „די רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטיריאַט" האָט אַרויסגעגעבען א דעקרעט אז יעדע פאַבריקע זאָל פון היינט אָן זיין א קאָאָפּעראַטיווע גענאָסענשאַפט וואָס וואָלל געוועזן דער רעזולטאַט? אנשטאַט וואָס היינט זיינען די אייגענטימער פון דער פאַבריקע עטלאַכע צענדליק סטאַקהאָל־דערס, וואָלטען דעמאָלט זיין עטלאַכע הונדערט. די גאַנצע אינ־דוסטרי וואָלט באַשטעהען פון א מאַסע קליינע פּריוואַט קאָרפּאָרעי־שאָנס, אקוראַט ווי אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אין יענע געשעפטען, וואָס זיינען נאָך ניט קאָנסאָלידירט געוואָרען אונטער איין טראָסט, יעדע קאָרפּאָרעישאָן פון קליינע קאַפּיטאַליס־טען וואָלט אזוי לאַנג קאָנקורירט מיט אלע אַנדערע, ביסקעלוואַנטען זיי וואָלטען ענדלאַך ווייטער געקומען צום פּלאַן צו פאַראייניקען זיךאין א טראָסט. דאָס איז אלזא פּשוט אוטאָפּיסטיש. קומען מיר צוריק צו אזא אָרגאַניזאַציע, וואו די „גאַנצע געזעלשאַפט" איז די בעל הבית׳טע איבער אלע געשעפטען, אפשר וועלען אין אזא צו־שטאַנד די אַרבייטער פון יעדען שאַפּ צונויפקלייבען זיך, ערוועהלען דעם סופּעראינטענדענט. באַשטימען ווי אזוי און ווי לאַנג זיי זאָ־

לען ארבייטען, און נעמען זיך דעם פולען פּראָדוקט פון זייער ארבייט? צום ביישפּיל, די ארבייטער אין די קוילען־גרובען וועלען באקומען אַלע קוילען און וועלען באשטימען ווי פיל פּראָדוקטען זיי זיינען דערפאר בארעכטיקט צו פארלאנגען פון דעם קהל׳שען דעפּארטמענט סטאָר? נאַטירלאך, ווי געזאָגט, מיר זיינען דאָך אַלץ אייגענע מענטשען, גענאָסען, מסתמא וועלען מיר איינע די אנדערע חלילה ניט וועלען קריוודזשען; פּאָרט אָבער, ווי עס רעט זיך, זיינען מיר דאָך ניט מער, ווי לעבעדיקע מענטשען, מיט וואָס זיינען מיר באוואָרנט, די גענאָסען פון די קוילען־גרובען וועלען ניט פארלאנגען פאר זייערע קוילען צופיל? און ווייטער פארשטעהט איר דאָך, אז ווינטער־צייט אָן קוילען קענען מיר ניט בלייבען, וועלען מיר געצוואונגען זיין נאָכצוגעבען די פּאָדערונגען פון די גענאָסען פון דעם קוילען־טראָסט. דיזעלבע זאך קען פּאסירען אויך מיט די גענאָסען פון דעם פליייש־טראָסט און מיט די גענאָסען פון דעם גאז־טראָסט און אזוי כסדר. שטייטש, וואָס עפּעס א טראָסט, זאָגט איר, עס איז דאָך די „קאָאָפּעראטיוו קאמאנוועלטה"? זאָגט זשע מיר, זייט מוחל, וואָס איז די נפקה מינה פון דעם היינטיקען קוילען טראָסט ביז אזא קאָאָפּעראטיווער ארבייטער־ארגאניזאציע, וואָס וועט האלטען די קוילען־גרובען אין אירע הענט און מעגען אליין באשטימען, וואָס זי קען פארלאנגען פו דער געזעלשאפט פאר איר פּראָדוקט? איז דען עפּעס פאראן אן אונטערשיד צווישען א טראָסט וואס באשטעהט פון א פּאָר הונדערט סטאקהאָלדערס און א טראָסט וואָס באַשטעהט פון א פּאָר הונדערט טויזענט? ניין, אזא פּלאַן וואלט ניט זיין שטאַטס־קאַפּיטאַליזם, עס וואָלט זיין גאָר איינפאך פּריוואט־קאפּיטאליזם.

די גאנצע געזעלשאפט האָט אן אינטערעס אין יעדען איינציקען שאַפּ. ניט נאָר די ארבייטער פון יענעם שאפּ. דערפאר מוז די גאנצע געזעלשאפט זיין די בעל־הבית־טע פון יעדען שאַפּ. און די אינטערעסען פון דער גאנצער געזעלשאפט מוזען פערטראָטען זיין פון אויסען, ניט דורך די ארבייטער פון יענעם שאַפּ, וועלכע האָבען זייערע פּריוואט־אינטערעסען. די געזעלשאפט איז באלעבאסטע, די ארבייטער זיינען בעל הבתים נאָר אף אזוי פיל, ווי די ארבייטער פון דער רעגירונגס־דרוקעריי אין וואַשינגטאָן זייגען די בעלי־הבתים. — אלס אמעריקאנער בירגער האָבען זיי אויך א חלק אין איר. ווען די אייזענבאנען זאָלען באלאנגען צו דער אמעריקאנער „געזעלשפאט", אָדער צו דעם אמעריקאנער „פּאָלק",

טו ווער וועט אנשטעלען די סופעראינטענדענט, די מענעדזשערס דאס „פאלק“, אמת ?

אין א דעמאקראטיע, איז דער „פאלק“ אדער די „געזעלשאפט“ אליין דער שטאט, איי וואס דער קאפיטאליסטישער קלאס האלט דעם שטאט אין זיינע הענט, טו איז עס דערפאר, וואס דער „פאלק“ לאזט עס, וואס דער פאלק שטימט פאר עס.

עס איז געווען אמאל א צייט, ווען דער שטאט האט נאך ניט עקזיסטירט, דעמאלט האבען די מענטשען געלעבט אין שטעמער, אלע מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט זיינען געווען קרובים, זיי האבען ניט געהאט קיין רעגיערונג, ווייל דער זיידע, דער עלטער פעטער, דער טאטע איז געווען די נאטירלאכע רעגיערונג, די קינדער פאלגען געוועהנטלאך די עלטערן אפילע אין היינטיקע צייטען, ווען די קינדער זיינען גאר אונאבהענגיק פון עלטערן, און שטימען ניט איין מיט זייערע מיינונגען, דעם בעסטען ביישפיל האט איר צוויישען די סאציאליסטען און אפילע אנארכיסטען, וואס מל׳ן זייערע קינדער. פרעגט זיי פאר וואס טוען זיי דאס, פון ברית אברהם האלטען זיי דאך ניט. עס איז דאך איינפאך בארבאריי, וועלען זיי אייך ענטפערען, אז זיי טוען דאס צוליב די עלטערן. יעצט קענט איר זיך פארשטעלען, ווי שטארק האט געמוזט זיין דער אווטאריטעט פון די עלטערן, פון אבות אבותינו אין א פארצייטיקען שטאם. דער ווילען פון די עלטעסטע פון שטאם איז געווען געזעץ, ווען דער שטאם פלעגט ווערען צו גרויס, אדער א טייל איז געווען אונצופרידען, פלעגט מען זיך אפזונדערען איינע פון די אנדערע.

דער שטאם איז אלזא געווען א פרייוויליגער פארבאנד פון בלוטפארוואנדטע. ווען די באפעלקערונג איז געווארען גרעסער, מ׳ האט זיך באזעצט אף איין ארט און עס האבען זיך צוזאמענגעטראפען אין דער זעלבער געגענד פרעמדע שטעמער, איז מיט דער צייט דערפון אויסגעוואקסען א נייע ארגאניזאציע פון דער געזעלשאפט, וועלכע האט ארייגגענומען אלע איינוואהנער פון א געוויסען פלאץ, צו זיי האבען געוואלט, צו ניט, אזא געצוואונגענער פארבאנד פון פרעמדע מענטשען, וואס וואהנען אין א געוויסע לאנד, רופט זיך „שטאט“. דער אנהויב פון יעדען שטאט איז געווען מלחמה, געוואלט. מיט דער צייט האט די געוואלט אנגענומען מילדערע פארמען, דער עיקר אבער בלייבט דערזעלבער. ס׳ מעג זיך זיין א קאזאצקע נאגייקע

אדער די איניציאטיווע מיט דעם רעפערענדום, איר זייט געצוואונ־
גען צו באלאנגען צום שטאט, ווארים איר האט ניט וואוהין פון
עם אוועקצולויפען. אויב איר שטעלט זיך פאר די סאציאליסטי־
שע „געזעלשאפט" „אלס א פרייע פאראייניגונג פון אויטאנאמע
אינדיווידאומען" וואס קומען און געהען אוועק, ווען עס ווילט זיך
זיי, דאן מעגט איר ריידען פון דעם „אפשטערבענדען שטאט", אפשר
אין עטלאכע הונדערט אדער אין עטלאכע טויזענט יאר ארום וועט
זיך די מענטשהייט אזוי איינריכטען, וואס קען מען וויסען? אבער
היינט צו טאג האבען מיר ניט דעם מינדעסטען וויסענשאפטלא־
כען גרונד פאראויסצוזאגען אזא צושטאנד, די סאציאליסטישע גע־
זעלשאפט, וועלכע מיר קענען שוין היינט פאראויסזעהן, איז א
„סאציאלע דעמאקראטיע" און די דעמאקראטיע איז ניט די
אפשאפונג פון שטאט, זי איז ניט מער, ווי א פארמע פון שטאט,
די סאציאל־דעמאקראטיע איז אלזא ניט מער ווי א דעמאקראטישע
פארמע פון שטאטס־סאציאליזם.

Presented to the
LIBRARY *of the*
UNIVERSITY OF TORONTO
by

MR. ARCHIE ISRAEL